STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02173

TSUM YIDISH-ARABISHN PROBLEM

M. Beilinson

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צום יידיש-אַראַבישן פּראָבלעם

(אַ זאַמלונג אַרטיקלען)

פון מ. ביילינסאָן

יידיש: ל. שפּיזמאַן

ה'תר"צ • ורשה • 1930

נאַציאָנאַלער יידישער ביכער צענטראַל
National Yiddish Book Exchange

O Problemacie Żydowsko-Arabskim

(zbiór artykułów)

M. BEJLINSON

Wydawn. Org. „Hechaluc-Pioner"
Warszawa, Marzec, 1930.

6
Copy

0251 K

SEP 5 1950

D

Dkaruarnia „GRAFIA", Warszawa, Nowolipki 22.

אינהאַלט:

	זייט
הקדמה	5
די סכנה פון כתל	11
אחריות	15
פּאָליטישער חשבון	17
אין אַ שווערער שעה	22
ווער איז דער שונא?	25
שלום אָדער שוחד	30
קעגן באָיקאָט	35
צו דער אָפּשאַצונג פון די געשעענישן	38
דאָס געבאָט פון דער שעה	44
געדאַנקען צו אַ אַראַבער-פּראָגראַם I	52
געדאַנקען צו אַ אַראַבער-פּראָגראַם II	61
געדאַנקען צו אַ אַראַבער-פּראָגראַם III	70
פון דער צווי-נאַציאָנאַליטעט ביז ליקווידאַציע	72
שוואַכקייט אָדער פּאָליטישע שפּיל	79
פּאַניק-מאַכעריי	84
שלום, אָבער נישט רעזיגנאַציע	89
אויפן פּאָליטישן געביט I	94
אויפן פּאָליטישן געביט II	100
אויפן פּאָליטישן געביט III	106
די פּאָליטישע אילוזיע	112
אויפן סאָציאַל-עקאָנאָמישן געביט	118
אונזער ווערק	129

הקדמה

די אַרטיקלען, וואָס ווערן פאַרעפנטלעכט אין דער דאָזיקער שריפט, זענען אַלע געוואָרן געדרוקט אין צענטראַל - אָרגאַן פון דער „אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע אין ארץ-ישראל"—אין „דבר" (אָדער אין די צייטונגען, וואָס זענען דערשינען אויף זיין אָרט, ווען די ארץ-ישראל - רעגירונג האָט צייטווייליק געהאַט אָפּגעשטעלט דאָס דערשיינען פון „דבר"). ביי דער איבערזעצונג זענען נישט געוואָרן געמאַכט קיין שום ענדערונגען אינם טעקסט.

די אַלע אַרטיקלען זענען געווידמעט דעם יידיש - אַראַבישן פּראָבלעם. ס'זענען געוואָרן אויסגעקליבן צום איבערזעצן נאָר די דאָזיקע אַרטיקלען, ווייל איבער דעם צווייטן פאַקטאָר פון די בלוטיקע אויגוסט-געשעענישן הערשט ווי ס'ווייזט אויס אַ ווייטגייענדע איינשטימיקייט אין דער ציוניסטישער עפנטלעכער מיינונג. קיינער האָט נישט קיין ספקות איבער דער פּאָטאַלער ראָל, וואָס עס איז אויסגעקומען צו שפּילן בעת די געשעענישן דער א"ידיקער אַדמיניסטראַציע און דער גאַנצער פּאָליטיק פון דער מאַנדאַט-רעגירונג.

די אַרטיקלען זענען געוואָרן פאַרעפנטלעכט אין אַ טאָג-צייטונג. ס'רוב זענען זיי געוואָרן געשריבן עטלעכע שעה פאַרן איבערגעבן זיי אין דער זעצעריי. זיי זענען געוואָרן געשריבן אין שווערע טעג, ווען דאָס ציוניסטישע ווערק איז געווען אויסגעשטעלט אויף דער דירעקטער געפאַר פון פאַרניכטונג און ווען דער א"ידיקער ישוב איז געווען געשטאַרקט און אָפּגעשוואַכט, פאַרייניקט און צעריסן אין העראָישן קאַמף פאַר זיין קיום, באַהערשט פון שטאַרקער ליידנשאַפט און אינערלעכע רייסערייען, פון אומדערשיטערטן ווילן צו בלייבן אויף די פּאָזיציעס און גרונדלאָזער נאָכגיביקייט. זאָל דערפאַר דער לעזער נעמען אין אַכט אַלע תנאים, ביי וועלכע ס'זענען געוואָרן געשריבן די אַרטיקלען און פון זיי נישט פאַרלאַנגען אַ אָפּגעשלאָסן סיסטעם, אַ אין אַלע פּרטים דורכגעאַרבעטע לעזונג פאַר איינס פון די שווערסטע פּראָבלעמען, וואָס עס רוקט אַרויס דער א"י-אויפבוי.

כּדי אויפסניי איבערצואַרבעטן דעם מאַטעריאַל, האָט מיר געפעלט צייט. דערמיט וואָלט אויך געוואָרן פאַרמינערט די היסטאָרישע דאָקומענטירונג, וואָס איז געוואָרן פאַרפיקסירט אין די דאָזיקע שורות. אָט די דאָקומענטירונג באַציט זיך נישט בלויז אויף מיר — אין דעם פאַל וואָלט עס נאָר געווען אַ נעבנזאַך,— נאָר אויף דעם פאַקט, אַז אַלע אַרטיקלען זענען געוואָרן פאַרעפנטלעכט אין אָרגאַן פון דער א״ידיקער אַרבעטערשאַפט, און מ׳קען דערפאַר מיט געוויסער רעכט אָננעמען, אַז זיי אַנטשפּרעכן אין תּוך גענומען די אָנשויאונגען פון דער א״יקער אַרבעטערשאַפט.

די אַרטיקלען זענען טיילווייז געוואָרן געשריבן מיט פּאָלעמישע כּוונות, הויפּטזעכלעך קעגן אַ באַשטימטער ציוניסטישער ריכטונג. די אַרטיקלען, וואָס זענען געוואָרן געשריבן קעגן רעוויזיאָניזם, זענען נישט אַריין אין דער שריפט. פון די גרונדגעדאַנקען פון מיינע אויספירונגען זאָל פון זיך אַליין קלאָר ווערן מיין קעגנערשאַפט צום רעוויזיאָניזם.

דער דאָזיקער גרונדגעדאַנק שיינט מיר צו זיין, נישט קוקנדיק אויף דער „צעבּרעקלונג״ פון מאַטעריאַל, גענוג קלאָר און בולט. עוולות, שווערע עוולות זענען געוואָרן באַגאַנגען קעגן ציוניסטישן ווערק, קעגן יידישן פאָלק אין זיין לאַנד. אַ אומפאַרצייַלעך, אומבאַגרייפלעך שלעכטס וועט עס זיין, אויב אונזער ווערק זאָל יעצט, נאָכדעם ווי די בלוטיקע געשעענישן זענען אויס שוין צו זיין פאַרענדיקט (און קיינער ווייסט נישט צי דאָס דאָזיקע „זעט אויס״ טראָגט נישט אין זיך קיין נייע סכּנות), נאָך ווערן באַשווערט, מאָראַליש און רעכטלעך, פון דרויסן און פון אינעווייניק, און פּאָליטיש מצד דער מאַנדאַט-רעגירונג און פעלקער-בונד. מיר זענען באַגאַנגען פעלערן, טאַקטישע און וועזנטליכע. איך האָב זיי נישט באַהאַלטן, הגם אָפּטמאָל איז דאָס נישט געווען לייכט צו טוען — כ׳האָב געשריבן די דאָזיקע אַרטיקלען נישט אין ווייטן אויסלאַנד, נאָר אין לאַנד, וואָס איז געווען אַרומגעכאַפּט פון דער פייער-שׂרפה און וואו יעדעס אומפאָרזיכטיקע וואָרט האָט געקאָנט ווערן אויסגענוצט פון פיינט, און אפשר אויך געקענט ווערן באַצאָלט מיט יידיש בלוט.

טראָץ דעם, דאַרף מען מודה זיין, אַז מיר זענען באַגאַנגען פעלערן, וואָס זענען זיי אָבער אין פאַרגלייך מיט די צעשטערנדע כּחות, וואָס זענען געוואָרן אַרויסגעלאָזן קעגן אונז? וואָס פאַרא באַדייטונג האָט אונזער גרעסטער טאַקטישער פעלער - אונזער פאַרהאַלטן זיך אין כּתל-ענין — אין פאַרגלייך מיט די פאַרברעכנס, וואָס מ׳איז באַגאַנגען קעגן אונז? וואָס איז אונזער נישט-גענוגנדע אויפמערקזאַמקייט צו דער אַראַבער-פראַגע אין פאַרגלייך מיט אָט דער צאָרנדיקער בלוט-דורשטיקער שׂנאָה, מיט וועלכער מ׳האָט אויפגענומען אין געוויסע קרייזן פון אַראַבישן ישוב אונזער רעכט-און שלום-ווערק, אין פאַרגלייך מיט דעם כּסדרדיקן ברעכן

פון רעכט, וואָס מיר האָבן געהאַט אויסצושטייען מצד דער א״יִדיקער אַד־מיניסטראַציע?

אָט די פעלערן מוזן ווערן פאַריכט. מיר מוזן נישט נאָר פאַראור־טיילן די אויגוסט־געשעענישן, נאָר אויך ל ע ר נ ע ן פון זיי. פאַרן דאָזיקן גוט־מאַכן די פעלער, פאַרן דאָזיקן לערנען, זאָלן מיר אָבער נישט באַ־צאָלן מיט אונזער עקזיסטענץ און מיט די אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן פון אונזער ווערק, ווייל דערמיט הערט אויף יעדע גוטמאַכונג און יעדעס לער־נען און ס׳הייבט זיך אָן אונזער זעלבסטפאַרניכטונג.

אונזער רעכט אויפן אויפבוי פון ארץ־ישראל — אונטערן תנאי, אַז מיר טוען נישט קיין שום זאַכלעכע אומרעכט די אַראַבישע מאַסן, אונזער רעכט אויף ווידער־אויפשטעלן די יידישע היימאַט אין יידישן לאַנד, שטייט איבער יעדן ספק. די אומגעשטערטע פאַרווירקלעכונג פון דאָזיקן רעכט זאָל זיין דער אומבאַריבאַרער יסוד פאַר יעדער ציוניסטישער לעזונג פון יידיש־אַראַבישן פּראָבלעם.

ווייט זאָלן מיר זיין פון יעדן געדאַנק פון אונטערדריקונג און פון טוען וועמען אומרעכט. דער ציוניזם וואָלט זיך אַליין געוואָרן אומטריי, ווען ער וואָלט נישט אין די הערצער פון זיינע אָנהענגער איינגעפלאַנצט און גע־פלעגט דעם באַוווסטזיין, אַז יעדער ערלעכער מענטש איז אונזער ברודער, און צווייפאַכיק איז עס יעדער אַרבעטנדער און ליידנדער מענטש און דרייפאַך איז עס יעדער אַרבעטנדער מענטש פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג, מיט וועמען מיר באַאַרבעטן געמיינזאַמע ערד. אָבער פונקט אַזוי ווייט זאָל זיין פון אונז יעדער געדאַנק פון רעזיגנאַציע, וואָס טרעפט אין האַרץ פון דער באַוועגונג און אונזער ווערק, פון ותורים, וואָס מאַכן אילוזאָריש דעם אינהאַלט פון אונזער ווערק און שרומפּן עס אַזוי צוזאַמען, אַז עס פאַרלירט זיין אַנטשיידענע באַדייטונג פאַרן גורל פון יידישן פאָלק און יידישע מאַסן. די ציוניסטישע באַוועגונג איז אַנטשטאַנען פון דער היסטאָרישער אומגערעכטיקייט, פון וואָס עס ליידט דאָס יידישע פאָלק, און פון דער דערדריקנדער נויט פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. פון די דאָזיקע פּאָליטיש־סאָציאַלע, מענטשלעכע כחות ווערט געטראָגן אונזער באַוועגונג, און ווער עס וויל פאַרוואַנדלען דאָס פּאַלעסטינישע ווערק אין אַ היים פון אַבסטראַקטן, פון פאָלק־אָפּגעריסענעם יידישן גייסט, אָדער אין אַ מקום־מקלט פאַר אויסדערוויילטע, דער מאַכט אַן אַטענטאַט אויף די פּאָרויסטרייבנדע כחות פון דער באַוועגונג און נעמט פון איר צו יעדע באַרעכטיקונג. דאָס יידישע פאָלק שטרעבט קודם־כל נאָך זעלבסטשטענדיקייט און נאָך מענטש־לעכער און סאָציאַלער באַפרייונג, און נאָר דער, וועלכער קען אים זיכערן די דאָזיקע זעלבסשטענדיקייט, זיכערט דערמיט אויך אַ היים פאַרן יידישן גייסט.

פאָלקאָם אומבאַרעכטיקט זענען אָבער פּאָליטיש־קאָלאָניזאַטאָרישע

ותורים, וואָס ווערן פון אונז פאַרלאַנגט, נישט אין נאָמען פון די אַראַבישע אינטערעסן, נאָר אין נאָמען פון די אַראַבישע פירער. צווישן די שטרעבונגען פון די דאָזיקע פירער און די אינטערעסן פון אַרבעטנדן אַראַבישן פאָלק עפנט זיך פאַנאַנדער אַ נישט-איבערבריקנדער תהום. ווער עס רופט אונז צו שליסן אַ קאָמפּראָמיס מיט די דאָזיקע פירער, לייגט אונז פאָר שליסן אַ בונד מיט דער סאָציאַלער רעאַקציע און גייט לחלוטין פאַרביי, נישט פאַרשטייענדיק, דעם אמתן וועזן פון אַראַביש-יידישן קאָנפליקט. דאָס באַזייטיקן דעם דאָזיקן קאָנפליקט באַשטייט אין אויפבוי פונם יידישן היימלאַנד און אין דער באַפרידיקונג פון אַלע גערעכטע, אין דער ווירקלעכקייט פאַרפונדעוועטע, באַדערפעניש פון אַראַבישן ישוב. דערצו איז נויטיק, אַז די מאַנדאַט-רעגירונג זאָל זיך קלאָר ווערן איבער איר הויכער, ציוויליזאַטאָרישער אויפגאַבע אין ארץ-ישראל, און אַז די ציוניסטישע באַוועגונג זאָל אויסאַרבעטן און קאָנסעקווענט דורכפירן אַ קלאָרן, בולטן, דרייסטן „אַראַבער-פּראָגראַם", ווייט פון קאָרופּציע-געדאַנקען און ביליקער דיפּלאָמאַטיע, אַלס אָרגאַנישער באַשטאַנד-טייל פון איר א"י-אַרבעט.

עס זענען אָבער בנמצא, אַזוי זאָגט מען, אויך אויסערלעכע כחות, וואָס קענען אונז צווינגען איינגיין אויף ווייטגייענדע פּאָליטישע קאָנצעסיעס, ווען מיר זאָלן אפילו נישט אָנערקענען זייער ריכטיקייט. די דאָזיקע אויסערלעכע כחות זענען, אויף וויפל מען מיינט דערמיט די אַראַבישע פּאָגראָם-באַוועגונג, נאָר טיילווייזע פּרוכטן פון איבערטרייבונג, פון איבערטראָגן אייראָפּעישע באַגריפן אויף אַ לחלוטין אַנדערער און פאַר זיי פרעמדער וועלט, און אויף וויפל זיי עקזיסטירן באמת, זענען זיי געוואָרן קינסטלעך אַרויסגערופן און ווערן איצט קינסטלעך פאַרגרעסערט. צו נייטראַליזירן די דאָזיקע כחות וואָלטן מיר געווען זיכער אימשטאַנד אונטער איין תנאי: אַז די ציוניסטישע באַוועגונג זאָל זיין געאייניקט, אינערלעך שטאַרק, בלייבן זיך זעלבסטבאַוווסט איבער אירע אויפגאַבן, זיין טעטיק און קרבנות-גרייט, און ס'זאָל נישט ווערן דערלויבט, אַז אויסגעמוטשעטע פאַנטאַזיעס און פּוסטע פראַזעאָלאָגיע, די פון אמת ווייטע געדאַנקען און שלאָג-ווערטער און אַנאַלאָגיעס, וואָס געפינען זיך נישט אויפן ריכטיקן אָרט, זאָלן נעמען הערשן אין דער באַוועגונג און אָפּטויטן איר אַקציאָנס-קראַפט.

מיר געפינען זיך אינמיטן פון אַ ערנסטן קריזיס, וועלכער שטייגט ווייט אַריבער יענעם קריזיס, וואָס אַנטשטייט געוויינלעך צוליב ווירטשאַפטלעכע און פינאַנסיעלע שוועריקייטן. ער איז אפשר נאָר צו פאַרגלייכן מיטן אוגאַנדאַ-קריזיס. ער, אָט דער אינערלעכער קריזיס, איז אונזער געפערלעכסטער שונא, פיל געפערלעכער פאַר דער א"ידיקער אַדמיניסטראַציע, וואָס קען דאָך צו יעדער צייט ווערן פאַרטוישט מיט אַ צווייטער, פיל געפערלעכער פאַר די אַראַבישער פּאָגראָם-פירער, וועמענס מאַכט שטיצט זיך אויף אומוויסנהייט און פאַרשקלאַפונג פון די אַראַבישע פאָלקסמאַסן. ווען מיר וועלן

שוין האָבן גובר געווען דעם דאָזיקן קריזיס אין די ציוניסטישע באַוועגונג ווען מיט באַנייטן שווונג פאַרטזעצן איר אַרבעט, פאַרריכטנדיק אירע באַגאַנגענע פעלערן און לערנענדיק פון די אויגוסט-געשעענישן, נישט באַשרענקנדיק אויף אַ האָר אירע צילן און נישט אָפּשניידנדיק זיך אירע מעגלעכקייטן, וועט זיך דאַן באַלד אַרויסווייזן, אַז די אין פלוג מעכטיקע באַוועגונג, וואָס האָט אונדז דערקלערט קריג, איז אין דער ווירקלעכקייט דער אויסדרוק פון די לעצטע גסיסה-קראַמפּן פון אָבשטאַרבנדן פאַלעסטינישן פעאָדאַליזם און לעוואַנטיניזם. און מיט דעם אַראָפּרייסן די מאַסקע פון דער דאָזיקער באַוועגונג, וועט במלא פון זיך אַליין פאַלן יעדע אונטערשטיצונג, וואָס זי קען געפינען אין דער ענגלישער עפנטלעכער מיינונג.

נישט אויסערלעכע שונאים, נאָר אינערלעכע שוואַכקייט באַדראָט אונזער באַוועגונג. דאָס דאַרף מען גובר זיין — דורך קאָרן אמת-טרייען דערקענען די לאַגע אין לאַנד, דורך ערנסטער טרייהייט צו די פאָלקס-יסודות פון דער באַוועגונג, דורך אומדערמידלעכע מעשים פאַר אונזער ווערק.

מ. ב.

תל-אביב.

די סכנה פון כותל

בײַ דעם כותל-המערבי איז אונז געוואָרן אָפּגעטוען אַ שווערע עולה. אמת, אַז אויפן אָרט, וואו מען בויט יעצט אַ וואַנט, אָפּגערוקט עטלעכע צענדליק מעטער פון כותל, איז אויך פריער געשטאַנען אַ וואַנט. אָבער די פריערדיקע וואַנט האָט זיך אינגאַנצן נישט גענויטיקט אין אַ רעמאָנט, און אַוודאי איז נישט געווען קיין נויטווענדיקייט איר צו צעשטערן און אויפן זעלבן אָרט אויפבויען אַ שענערע וואַנט. און דער עיקר: די אַלטע וואַנט האָט נישט געהאַט קיין טיר, וואָס פירט יעצט דורך נייע, באַזונדערע שטיגן, אין פיל אומקרייזן, גלייך צום פּאָדער-פּלאַץ פון כותל; בײַ דער וואַנט שטייט זייט עטלעכע וואָכן אַ חזן, וואָס רופט די מאַכמעדאַנער צו גייען דאַווענען. פון דער דאָזיקער וואַנט זעט מען דעם פּאָדער-פּלאַץ און דעם כותל גופא, אין אַלע זיינע איינצלהייטן. אויף דער וואַנט, אין טויער, אויף די טרעפּ, אויף די דעכער, וואָס באַדעקן דעם קרייז, וואָס פירן צום פּאָדער-פּלאַץ, קענען שטייען צענדליקער און אפשר הונדערטער מענטשן, גלייך איבער די קעפּ פון די מתפללים, אין דער צייט ווען ביז היינט איז נאָר געווען איין וועג צום כתל, דער פון לינקס (ווען מען שטייט מיטן פּנים צום כותל), און אויפן דאָזיקן וועג, מיט זיינע ענגע געסלעך, איז געווען לייכט אַכטונג צו געבן, און יעדן איינציקן, וועלכער איז דאָרט דורכגעגאַנגען האָט מען געקענט אָפּשטעלן און פרעגן, פאַרוואָס ער גייט דאָ אַרום, ווייל דער וועג פירט נאָר צום כתל, איז — יעצט געוואָרן געעפנט נאָך אַן איינגאַנג צום כותל, פון רעכטס, פון דער זייט פון אַ גרויסער און ברייטער גאַס, איבער וועלכער עס גייען דורך שטענדיק הונדערטער און טויזנטער מענטשן, — די גאַס, וואָס פירט צום מעטשעט. דורכגייין דעם פּאָדער-פּלאַץ פון כותל פון רעכטס האָבן ביז היינט געקענט נאָר די איינוואוינער פון די הייזער פון די מאָגרעבינער, יעצט איז דער וועג אָפן פאַר אַלע. אויב מ׳וועט פרעגן די בויער פון דער וואַנט, צו וואָס זיי האָבן געמאַכט די טיר, וועלן זיי זיכער ענטפערן: כדי צו דערמעגלעכן די איינוואוינער פון די מאָגרעבינישע הייזער אַרויסצוגיין גלייך צום מעטשעט; אָבער דאָס טויער, וואָס

פירט פון דער טיר פון די מאָגרעבינער צום פּאָדער־פּלאַץ פון כותל, ווערט נישט געשלאָסן און דערמיט פאַלט אויך אַוועק דער דאָזיקער צביעותדיקער מאָטיוו.

די רעגירונג האָט איין טרייסט — אַז מ׳וועט זיך נישט באַנוצן מיט דער נייער טיר בעת די פעסטגעזעצטע תפילה־שעהן. די דאָזיקע פעסטגעזעצטע שעהן זענען דאָך אָבער אפשר די שווערסטע צרה אין די דאָזיקע אַלע חדושים, ווייל אַזעלכע שעהן זענען קיינמאָל נישט געווען און זענען נישטאָ. שטענדיק און צו יעדער צייט זענען דאָ מתפללים ביים כתל, און אויך נישט־מתפללים, סתם־באַזוכער און יידישע טוריסטן, וואָס קומען נישט אַהער דאַווענען, אויך זיי האָבן דאָך דאָס רעכט צו פאַרברענגען דאָ מינוטן פון אינערלעכן חשבון הנפש, נישט ווערנדיק פון קיינעם געשטערט. ס׳אונטערליגט נישט קיין ספק, אַז די באַנייטע וואַנט, מיט איר טיר און באַנייטע טרעפּ, מיט דער פעסטשטעלונג פון די תפילה־שעהן, זענען נאָר אַ שווערע פאַרלעצונג פונם סטאַטוס־קוואָ.

מ׳קען נישט אײנזעען אין בוי פון דער וואַנט אַ באַשטימטן ציל, אַ סטראַטעגישן פּלאַן (איר התחלה איז געווען — די שטיין־רייען אין דער לינקער זייט כתל), ווע‏מענס ציל איז צו שאַפן און פאַרשטאַרקן די מאַכמעדאַנישע „חזקה״ אויפן כתל און זיין פּאָדער־פּלאַץ. און ווער ווייסט וואוהין נאָך עס פירט דער דאָזיקער פּלאַן. אויב היינט שטייט אַ מוסולמענישער חזן ביי דער נייער וואַנט און רופט די גלויביקע צו תפילה, ווער קען אונז ערוב זיין, אַז מאָרגן וועט דאָ נישט ווערן אויפגעבויט אַ גאַנצער מעטשעט? ווער קען אונז גאַראַנטירן, אַז דער דאָזיקער איינגאַנג איז נישט בכיון געוואָרן לכתחילה געשאַפן, כדי אומצוּוואַנדלען דעם פּאָדער־פּלאַץ פון כתל אין אַ פּלאַץ פון מאַסן־באַוועגונג, און די דעכער איבערן כתל פאַר אַן אָרט פון שפּילערייען פאַר גרויס און קליין, אויך אין די „פעסטגעזעצטע תפילה־שעהן״, ווען עס וועט נאָר זיין פאַרבאָטן דער דורכגאַנג דורכן כתל, אָבער נישט דאָס שטיין אויף די דעכער?

די אחריות פאַר דעם פאַלט אויף דער רעגירונג, וואָס קען גוט די גערעכטע געפילן פון די יידן אין דער פראַגע פון כתל, וואָס ווייסט די גרויסע באַדייטונג (נישט נאָר רעליגיעזע) פון די דאָזיקע שטיינער פאַר די יידן און זייער נישטיקע באַדייטונג פאַר די מאַכמעדאַנער. דאָ, וואו עס קומט צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן ריינעם געפיל און ווילן צו טוען אויף להכעיס, צווישן גלויבן און בייזוויליקער פּאָליטיק־מאַכעריי, האָט די רעגירונג געדאַרפט שטייען אויף דער זייט פון דער ריינער אמונה. איר חוב איז געווען אויפצוקלערן די מאַכמעדאַנער, אַז זיי דאַרפן מותר זיין אויף זייערע פּרעטענזיעס, און נישט די יידן. דאָס האָט געפאָדערט פון איר אויך די מאַנדאַט־קאָמיסיע ביים פעלקער־בונד. אויב די פראַגע פון דער וואַנט איז שוין געוואָרן איבערגעגעבן „צו יורידישע פאַכלייט״, איז געווען דער חוב פון דער אָרטיקער רעגירונג, וועלכע ווייסט אַביסל

פון זאַכן, וואָס אין לאַנדאָן איז מען זיי נישט מחויב צו וויסן און פאַר־שטיין, צו באַגלייטן די פאָדערונג מיט אַ אַנטשפּרעכנדער אויפקלערונג. די האַלטונג פון דער רעגירונג אין דער דאָזיקער פראַגע איז געווען מער ווי „נישט־פריינדלעך״ קעגן די יידן, ס׳האָט איר געפעלט פאַרשטענדניש, זי איז געווען נישט פּאַסיק פאַר אַ אויפגעקלערטער, קולטורעלער רעגירונג, וואָס שטרעבט צו שלום אין לאַנד און וויל נישט מאַכן בייזוויליקע חשבונות דורך קינסטלעך אַרויסגערופענע מחלוקותן פון איין פאָלק מיטן צווייטן.

מ׳קען נישט באַרעכטיקן די האַנדלונג פון דער ציוניסטישער לייטונג און פון דעם ועד הלאומי — די צוויי אינסטאַנצן, וואָס האָבן געוואוסט וועגן בוי פון דער וואַנט און דער טיר, און האָבן ווייזט אויס, נישט פאַרשטאַ־נען די פאָלגן פון דער זאַך. ווי ס׳זאָל נישט זיין, איז די טעטיקייט פון די דאָזיקעביידע אינסטאַנצן געווען נישט - גענוגנד. אין דעם פאַל האָט דער עקזעקוטיוו נישט געדאַרפט מסכים זיין צו דער „געהיים־דיפּלאָמאַטיע״ פון דער רעגירונג מיט אירע בריוו, וואָס מ׳טאָר נישט פאַרעפנטלעכן. מ׳האָט געדאַרפט טראַכטן וועגן יענעם טאָג, ווען די דאָזיקע וואַנט וועט שטיין אויפן פּלאַץ און דער גאַנצער ישוב וועט איר דערזען, נישט האָבנדיק פריער אַפילו קיין אַנונג, וואָס דאָ איז געשען. חייטער איז געווען לייכט פאָרויסצוזען, אַז דאָס בויען די וואַנט איז געוואָרן פאַרגע־נומען אין אַ צייט, ווען דער ישוב איז געבליבן ווי אָן אַ פירערשאַפט און אויך דער הויך־קאָמיסאַר איז נישט געווען אין לאַנד; און טראָץ דעם זענען אָפּגעפאָרן פון לאַנד אַלע מיטגלידער פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס, פון ציוניסטישן עקזעקוטיוו און ועד הלאומי. אין לאַנד איז נאָר געבליבן איין מיטגליד פון עקזעקוטיוו און פון ועד הלאומי. זיכער קומען אין ציוריך פאָר וויכטיקע זאַכן, אָבער זענען די יעניקע, וועלכע זענען געפאָרן אַהין, פאַר די דאָזיקע זאַכן באמת וויכטיק? האָט קיינער פון זיי נישט געקענט בלייבן אין לאַנד, וואו עס געפינט זיך דאָך דער יידישער ישוב, און וואו עס קומען דאָך יעדנספאַלס אויך פאָר וויכטיקע געשעענישן? דאָס איז געווען אַ לייכטזיניקייט און מאַנגל אין ציוניסטישער פאַרשטענדניש, וואָס מ׳קען נישט מוחל זיין.

מיר דאַרפן אַריינקוקן מיט אָפענע אויגן אין די ווירקלעכע פאַר־העלטניסן פון כותל-ענין, אין די רעגירונגס־אַמטן און ביוראָען פון דער ציוניסטישער לייטונג. לאָמיר נישט אונטערשעצן די באַדייטונג פון דער זאַך, לאָמיר נישט פאַרשטיקן אין זיך די פאַרביטערונג, וואָס רייסט זיך אַרויס ביי פאַרשידנסטע טיילן פון ישוב פון פאַרשידענע קוועלן, וואָס לעבט אָבער אין אַלעמענס הערצער. אָבער דאָס געפיל אַליין טאָר נישט באַשטימען די אויסדרוקס־פאָרם פאַר דער דאָזיקער פאַרביטערונג. דער ישוב מוז לערנען פון דער דערפאַרונג פון די געשעענישן אין פאַראַיאָריקן יום־כיפור. און יענע דערפאַרונג לערנט: אַ אַקציע דאָ אין לאַנד, גאַנץ־

דעמאָנסטראַציעס אָדער אינדיווידועלע אויסברוכן, קענען נאָר שאַדן ברענ־
גען אונזער זאַך און דערוועקן קעגן אונז כחות, קעגן וועמען מיר ווילן
נישט פירן קיין קאַמף. דער צענטר פון אונזער אַקטיוויטעט איז אין
אויסלאַנד, אין געגנט און דער עיקר אין לאָנדאָן. קלאָר און בולט וועט
זיין דער ווילן פון ישוב. קלאָר און בולט וועט זיין זיין פאַרביטערונג און
באַליידיקונגס־געפיל, וואָס האָט אים באַהערשט, אָבער די אויספירונג פון די
פראַקטישע מסקנות ליגט אויף די שליחים פון דער באַוועגונג, אויף דער
לייטונג פון ועד הלאומי און אויף די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער ציוניס־
טישער פּאָליטיק.

30 יולי 1929.

אחריות

דער פאָלקס-צאָרן קעגן די שנויים ביים כתל מערבי מוז אָננעמען פאָרמען פון אַ ווירדיקן און פאַסיקן פאָלקס-פראָטעסט, וועלכער זאָל אונז ברענגען נוצן און נישט שאָדן און אומגליק. דער פראָטעסט מוז קומען פון גאַנצן, אָרגאַניזירטן ישוב, און נישט פון אַן איינצלנער גרופּע, אָדער מענטש, וואָס האַנדלט אויף אייגענער אחריות. אמת, אַז די צענטראַלע נאַציאָנאַלע אָרגאַנען, באַזונדערס דער ציוניסטישער עקזעקוטיוו און די לייטונג פון ועד הלאומי האָבן אַנטוישט דעם ישוב, ווייל זיי האָבן פאַרשפּעטיקט צו טוען דאָס, וואָס זיי האָבן געדאַרפט טוען. אָבער ס׳עקזעסטירן גאָר די דאָזיקע צענטראַלע אָרגאַנען, וואָס זענען די געזעצלעכע פאַרטרעטונג פון אַ״ידיקן ישוב אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, און קיינער טאָר נישט פאַרנעמען זייער אָרט. אַזאַ מין אַנאַרכיע איז שטענדיק אַ אומגליק, און טאָפּלט און דרייפאַך איז עס אַ אומגליק אין דער שעה פון נסיון, פון דער נערוון-שפּאַנונג. מיר ווילן נישט אויפהערן צו פאָדערן פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס זיי זאָלן אָננעמען אַ מוטיקע און פעסטע שטעלונג ביים פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון פאָלק. ס׳איז איצט אויך פאַראַן אַ האָפנונג, אַז די דאָזיקע פאָדערונג וועט נישט בלייבן מער קיין „קול קורא במדבר״. דערווייל זאָלן זיך נישט אַרויסרוקן קיין שום „פּריוואַטע פּאָליטיקער״, זאָל נישט אַנטשטיין, ווי עס מעלדן עס די צייטונגען — „אַ קאָמיטעט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון כתל מערבי״; זאָל מען נישט אָרגאַניזירן די יוגנט אונטער דער פירמע פון „גדוד מגיני השפה״, כדי צו באַטראַכטן אויף געשלאָסענע זיצונגען די פראַגע פון כתל המערבי. נישט ביי זיי ליגט די אַנטשיידונג פון אַזעלכע דעליקאַטע און פאַראַנטוואָרטלעכע פראַגן. ווען אַ גרופּע אומפאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן פאַרעפנטלעכט טאָג-טעגלעך אין איר ירושלימער צייטונג אויפרעגנדע אַרטיקלען, וועט האָפנטלעך קיינער אין ישוב נישט פאָלגן דעם דאָזיקן צעשטערונגס-רוף, נישט פון זיי וועלן מיר לערנען ליבע צום פאָלק און זיינע ווערטן. מיר וועלן זיי נישט דערלויבן, צו שטעלן אין געפאַר יענע פּאָזיציעס, וואָס מיר האָבן דעראָבערט נאָך דורות-לאַנגע אָנשטרענגונגען.

דער פּלאַץ פון קאַמף אַרום דעם כּתל המערבי איז נישט אין א״י, דער קאַמף דאַרף געפירט ווערן אין לאָנדאָן. די פליכט פון ישוב איז צו באַוועגן צום קאַמף אַלע יענע, וועלכע טראָגן אחריות פאַר דער ציוניסטישע פּאָליטיק און אין וועמענס הענט עס געפינען זיך די שליסלען פון דער לאַגע. דעם דאָזיקן חוב אונזערן מוזן מיר דערפילן. אויך די א״י־רעגירונג און אונזערע נאַציאָנאַלע אָרגאַנען דאַרפן ווערן דורכגעדרונגען מיט אַ באַזונדער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אָבער יעדע איבערגעאײַלטע טאַט פון אומפאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן קען דאָ נאָר שאָדן ברענגען, און ס׳איז אונזער חוב זיך אין דעם נישט צו באַטייליקן.

2 אויגוסט 1929

אַ פּאָליטישער חשבון

אַ נייע כוואַליע פון דער „כתל מערבי־באַוועגונג" האָט פאַרפּלייצט דאָס לאַנד, סיי צווישן יידן, און סיי צווישן די אַראַבער. לאָמיר האָפן, אַז זי איז שוין פאַריבער. אַ שווערע עולה איז געשען די יידן. די א״י־דיקע אַדמיניסטראַציע האָט ווידער אַמאָל אַרויסגעוויזן איר אומפעיקייט, צו דערפילן איר הויפּט־אויפגאַבע, אָפּצוהיטן די זיכערקייט אין לאַנד און נישט צו דערלאָזן צו צוזאַמענשטויסן צווישן ביידע פעלקער. ווידער אַמאָל האָבן זיך אַנטפּלעקט די שווערע געפאַרן פון „כתל מערבי־ענין" פאַר דעם יידישן ישוב און ציוניסטישער באַוועגונג.

פאַר אונז אין לאַנד שטייען פיל פראַגן, וואָס באַדאַרפן אַ לעזונג, צווישן וועלכע עס געפינט זיך אויך די כתל־המערבי־פראַגע. די דאָזיקע פראַגע קען נישט ווערן געלעזט פולשטענדיק, מיט איין מאָל, אַרויסגעריסן פון גאַנצן פראַגן־קאָמפּלעקס. די פראַגע וועט געפונען איר לעזונג אין לאַנגזאַמען פּראָצעס פון דער שטייגערונג פון יידישן כח, אין לאַנד, די דאָזיקע שטייגערונג, וועמענס אויסערלעכע פאָרם איז די איינוואַנדערונג איז אַ ענין פון פיל דורות. נישט איבער נאַכט ווערן אויפגעבויט הונדערטער ישובים, וועט איבערגיין דער א״י־דיקער באָדן אין רשות פון נאַציאָנאַל־פאָנד, וועט אַנטשטיין אין די שטעט אַ גרויסע אינדוסטריע, וועט אויפבליען די העברעישע שפּראַך און ס'וועלן זיך אַזוי פאַרשטאַרקן די התחלות פון דער מוניציפּאַלער אויטאָנאָמיע, אַז זיי זאָלן קענען בילדן די יסודות פאַר דער יידישער מדינה. און דעריבער ווערט אויך נישט איבערנאַכט געלעזט דאָס פּראָבלעם פון כתל מערבי און על אחת כמה וכמה ווען דאָס פּראָבלעם איז פון אַ באַזונדערן מין, און איר לעזונג פאָדערט אַ גאַנץ באַזונדערע באַהאַנדלונג. דער כתל המערבי איז דער איינציקער פּלאַץ אין ארץ ישראל, וואָס קען פירן צו אַ רעליגיעזן צוזאַמענשטויס צווישן ביידע פעלקער אין לאַנד. מיר מוזן זיך באַמיען לויט מעגלעכקייט, אַז אַזאַ צוזאַמענשטויס צווישן אונז און די אַראַבישע מאַסן זאָל נישט פאָרקומען אויף קיין שום געביט, אָבער נאָך מערער דאַרפן מיר זיך

באַמיען, אַז עס זאָל נישט קומען צו קיין צוזאַמענשטויס אויפן רעליגיעזן געביט, מיר מוזן מיט אַלע כּחות אויסמיידן אַזאַ צוזאַמענשטויס.

די סיבה פאַר דער דאָזיקער פּאַרזיכטיקייט — די ערשטע פליכט אונ־זערע אין דער פראַגע פון כּתל — איז אַ פּשוטע. די אַראַבישע איינוואוי־נער פון ארץ ישראל קען מען נישט באַטראַכטן ווי אַ „פאָלק" אָדער „נאַציע" אין געוויינלעכן זין פון וואָרט. דאָס, וואָס פאַרבינדט זיי צווישן זיך, איז נישט קיין נאַציאָנאַלער, נאָר אין דער ערשטער ריי אַ רעליגיעזער באַנד (די קריסטלעכע אַראַבער זענען נאָר אַ קליינע מינדער־הייט). די פאַרבינדונג צווישן די פּאַלעסטינער אַראַבער און די אַראַבער פון דער גאַנצער וועלט איז זייער אַ שוואַכע, אויסער אין איין פּונקט — אין רעליגיעזן.

דערפון פאָלגט: אויב מיר ווילן נישט אויפהייבן קעגן אונז כּחות, וואָס מוזן נישט אומבאַדינגט זיך אויפהייבן קעגן אונז, אויב מיר ווילן נישט פאַרייניקן אַלע מאַכמעדאַנער פון לאַנד אַרום זייערע פאַנאַטי־קער און העצער און נאָכהער שטעלן די גאַנצע אַראַביש-מאַכמעדאַנישע וועלט מיט אירע פיל מיליאָנען אונטער דער פאָן פון דאָזיקן רעליגיעז-אַנטי־ציוניסטישן אַראַבישן קערן — מוזן מיר זיך קודם־כּל היטן פאַר יעדן שטרייט-פּונקט, וואָס קען אָננעמען אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. ווען מיר פאַר־נעמען זיך מיטן אויסלייזן דעם באָדן, מיט די רעכט פון יידישן ארבע־טער אַנטיילצונעמען אין די רעגירונגס-אַרבעטן, מיט די צאָל-און שטייער־פראַגן, מיטן אַנטייל פון דער רעגירונג אין אונזערע קולטורעלע און סאַ־ניטאַרע אינסטיטוציעס, קומען מיר אַן אַנדערשמאָל אַזוי ווי אין אַ סתירה צו די אינטערעסן פון דער אָדער יענער אַראַבישער גרופּע, און דאַן שטייט קעגן אונז אַ באַשטימטע און באַגרענעצטע קראַפט, מיט וועלכער מיר קענען האָבן זיך אָפּצופאַרטיקן. די אַראַבער אַליין אַלס גאַנצעס האָבן נישט קיין באַזונדערן אינטערעס פאַר דער אָדער אַנדערער לעזונג פון יעדער איינצלנער פראַגע, נאָך וויניקער האָבן אַזאַ אינטערעס די מאַכמעדאַנער מחוץ פּאַלעסטינע. אַנדערש שטעלט זיך אָבער פאַר די לאַגע אויפן רעליגיעזן געביט. דאָ ליגט באַהאַלטן אַ כּח, וואָס קען צוזאַמענשליסן אַלע אַראַבער אין לאַנד און מחוץ אים אין אַ שטאַרקן אַנטיציוניסטישן לאַגער. דער כּתל המערבי האָט זיך אַנטוויקלט צו אַזאַ סאָרט פראַגע, אמת אָן אַ באַ־רעכטיקטן גרונט, ווייל אין דער ווירקלעכקייט האָט דאָך נישט דער כּותל קיין רעליגיעזע באַדייטונג פאַר דער מאַכמעדאַנישער וועלט, ער איז אָבער, ווי מיר זעען, בעת די קאַמפן געוואָרן אַלס אַזעלכער אַרויסגערוקט.

מיר האָבן שוין צוויי מאָל געזען, וואוהין עס פירט אונז דאָס נישט רעכענען זיך פון אונזער זייט מיט דער דאָזיקער ווירקלעכקייט: נאָך יום־כּיפּור און אין די אויגוסט-טעג. אין פאַריקן הערבסט איז צווישן אונז אַנטשטאַנען אַ פּראָטעסט-באַוועגונג קעגן די באַליידיקונגען, וואָס מיר האָבן

געהאַט אויסצושטיין אַרום כתל. מיר האָבן דער דאָזיקער באַוועגונג געגעבן די ביי אונז אָנגענומענע פאָרמען: אַרטיקלען, באַשלוסן, פאָלקספאַרזאַמלונגען, טעלעגראַמען קיין לאָנדאָן און גענף; אין עטלעכע טעג אַרום איז אַנטשטאַנען אין אַראַבישן לאַגער אַ קעגן-באַוועגונג: אויך דאָרט — אַרטיקלען, באַשלוסן, פאָלקספאַרזאַמלונגען, טעלעגראַמען און אַזוי ווייטער. און פונקט אַזוי ווי אונזער באַוועגונג איז איבערגעשריטן די גרענעצן פון לאַנד און געפונען איר אָפּקלאַנג אין וואַרשע און ניו-יאָרק, אַזוי האָט אויך די אַראַבישע באַוועגונג אַרויסגערופן אַ טרייען אָפּקלאַנג אין סיריע, אַראַביע, איראַק, טערקיי, טוניס און אַלזשיר. לאָנדאָן און גענף זענען פאַר זיך גלייכצייטיק אַ הויפן טעלעגראַמעס פוןביידע פעלקער, וואָס טוט מען? מען דערפילט נישט אונזערע און נישט די אַראַבישע פאָדערונגען, נאָר מען זאָגט: דערווייל זאָל אַלץ בלייבן ווי געווען, און אין דער צוקונפט וועלן מיר זוכן אַ עצה, ביי דער צושטימונג פון ביידע פעלקער. דערווייל האָבן מיר געמוזט דאָ אין לאַנד אָפּטרעטן, אויפגעבן די רעדעס און פאַרזאַמלונגען און לעבן אין שפּאַנונג, ביז דער 2-טער נאָוועמבער איז פאַריבער בשלום, און מיר האָבן צוריקגעקערט צו אונזער טאָג-טעגלעכן לעבן. ס׳איז אַ נאַרישקייט און בייזוויליקייט צו זאָגן, ווי עס טוען עס אונזערע „עקסטרעמיסטן”, אַז די פּחדנות פון אונזערע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס זאָל האָבן „דערשטיקט” די באַוועגונג. דאָס איז נישט אמת, די באַוועגונג האָט דערגרייכט איר העכסטן פונקט, מיר האָבן אַלץ געטוען, וואָס ס׳איז מעגלעך געווען; נאָך ווייטער גיין וואָלט געהייסן: בלוט-פאַרגיסן אין אמתן זין פון וואָרט. מיר האָבן געמוזט אָפּטרעטן און האָבן עס געטאָן ביי אַ פאַרלוסט פון פּאָזיציעס.

נייע עולות זענען דאָן געוואָרן באַגאַנגען קעגן אונז. ס׳איז געוואָרן אויפגעבויט אַ ניי טויער ביים איינגאַנג צום כתל. מיר האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט פּאַפּירן און פּראָטעסטן, מיט טעלעגראַמעס קיין לאָנדאָן און גענף. ווידער זענען געוואָרן צונויפגערופן פאָלקספאַרזאַמלונגען, ס׳איז צושטאַנד-געקומען אַ גאַסן-דעמאָנסטראַציע און נעמלעך אין ירושלים! און ווי ס׳איז געווען פאָרויסצוזעען, איז אַנטשטאַנען אַ קעגנבאַוועגונג ביי די אַראַבער, מיט נאָך ערנסטערע פאָלגן ווי אין פאָריקן הערבסט. אַ ווייטערדיקע אומרעכט איז דאָן געוואָרן באַגאַנגען קעגן אונז ביים כתל: די אַראַבישע גאַסן-דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט דעם הייליקן פּלאַץ ווילד געשענדעט. אונזערע שונאים צווישן די אַראַבער האָבן זיך אויסערגעוויינלעך פאַרשטאַרקט. זיי האָבן געוואונען אין כח און פּרעסטיזש, זיי זענען ווידער געוואָרן „פאָלקספאַרטיידיקער און פירער”, און דאָס איז געשען ערב די וואַלן צום מאַכמעדאַנישן איבער-ראַט, נאָכדעם ווי זייער שטעלונג צווישן די אַראַבער איז געווען זייער דערשיטערט. דער כתל האָט זיי געראַטעוועט פון אַ פולשטענדיקן באַנקראָט.

מ׳וועט זאָגן: די דאָזיקע אַראַבישע קעגנבאַוועגונג איז קינסטלעך! זי ווערט בכּיון פֿאַרנאַנדערגעבלאָזן פֿון אונזערע שונאים, כּדי צו ציען דער־פֿון אַ פּאָליטישן געווינס! אָבער וואָס איז אונז דען דער פּראַקטישער חלוק, צי די דאָזיקע באַוועגונג איז קינסטלעך, אָדער נאַטירלעך, אויב זי קען אויפֿשטעלן קעגן אונז אַ מעכטיקן פֿיינט און אַרויסרופֿן אַ קאַמף און בלוט־פֿאַרגיסונג? ברעכן דען נישט אויס מלחמות צוליב נידריקע פּאָליטי־שע און פּערזענלעכע אינטריגעס? טויט, חורבן און אומגליק זענען די באַגלייט־דערשיינונגען פֿון אַ מלחמה, מעג זי אויסברעכן צוליב קינסט־לעכע אָדער נאַטירלעכע סבות.

וועלן מיר דערפֿון עפּעס לערנען? וועלן מיר קלאָר איינזען די אַנטוויקלונגס־שטופֿן פֿון כּתל־המערבי־ענין? אין פֿאָריקן יאָר: עמפּערונג צווישן די אַראַבער, פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונגען און טעלעגראַמען, היינט־צו־טאָג — זענען צוגעקומען געשליידערטע שטיינער און געשלייפֿטע מעסערס. בעסער זיך גאָר נישט פֿאָרצושטעלן, ווי ס׳קען אויסזעען די ווייטערע שטופֿע.

די מסקנה פֿון דער דאָזיקער סיטואַציע: צווישן אַלע קאָלאָניזאַציע־און פּאָליטישע פֿראַגן געפֿינט זיך איין פֿראַגע, וואָס מ׳דאַרף ביי קיין פֿאַל נישט לאָזן מאַכן פֿאַר אַ קעגנשטאַנד פֿון גאַסן־קאַמף; אין דער דאָזיקער פֿראַגע איז פֿאַרבאָטן צונויפֿרופֿן פֿאָלק־פֿאַרזאַמלונגען און אָרגאַניזירן מאַסן־דעמאָנ־סטראַציעס. די זאַך קען איין—צוויי מאָל פֿאָריבערגיין גלאַטיק, ביים דריטן מאָל מוז עס פֿירן צו צוזאַמענשטויסן צווישןביידע דעמאָנסטרירנדע כּחות, און ס׳וועט געשען אַ מוראדיק אומגליק. און דאָס אומגליק איז שוין דאָ.

אין רעזולטאַט פֿון אונזער אומרייפֿער פּאָליטיק, באַזונדערס פֿון עט־לעכע צווישן אונז, איז עס געקומען דערצו, אַז מיר קענען נישט היינט פֿאָדערן די פֿולע לעזונג פֿון כּתל־פּראָבלעם, ווייל אין דער איצטיקער רגע קען דאָס קיינער נישט באַוויזן צו טוען. דער כּתל געפֿונט זיך נישט אין די הענט פֿון די ענגלענדער און מ׳קען פֿון זיי נישט פֿאַרלאַנגען, אַז זיי זאָלן מיט דער הילף פֿון זייער פֿיזישער מאַכט אונז געבן דאָס, וואָס געהערט נישט צו זיי. אויך ווען זיי וואָלטן געווען גרייט דאָס צו טוען, וואָלטן מיר געדאַרפֿט מותּר זיין אויף דער דאָזיקער מתּנה. פֿאַר די אַראַבישע פֿירער אין לאַנד איז דער כּתל פּלוצלינג געוואָרן אַ אינסטרומענט פֿון השפּעה און הערשאַפֿט איבער די מאַסן, מוזן מיר דערפֿאַר קודם־כּל שטרעבן צו שאַפֿן אַרום כּתל אַ אַטמאָספֿער פֿון רויקייט. חדשים און אפֿשר יאָרן מוזן אַדורך, ביז מ׳וועט פֿאַרגעסן די געשעענישן פֿון הערבסט און פֿון די לעצטע טעג. דער „סטאַטוס־קוואָ" מוז דערווייל ווערן אויפֿגעהאַלטן אין פֿולן אומפֿאַנג, די רעגירונג מוז שטרענג אַכטונג געבן, נישט גורם צו זיין צו די פֿאַר־שמעלערונג־רעכט פֿון די יידן ביים כּתל און זיי נישט צו באַליידיקן. און ווען אין אַ צייט אַרום וועט די אויפֿרעגונג אַרום די געשעענישן שוין זיין פֿאַרגעסן און דער כּתל וועט נישט מערער זיין אַ ברענענדע פֿראַגע

און דערפאַר אויך נישט מער קיין אינסטרומענט פון השפּעה און הערשאַפט אין די הענט פון די אַראַבישע פירער און אַ מיטל פון פּראָוואָקאַציע אין די הענט פון עמיצן אַנדערש, און די כּתל־פראַגע וועט דערפאַר פאַרלירן איר באַדייטונג פאַר די אַראַבער און ס'וועט איר נאָר בלייבן די אמתע באַדייטונג — פאַר די יידן, — ערשט דאַן וועט זיין די מעגלעכקייט צו געפינען אַ פולע לעזונג פון כּתל־פּראָבלעם דורך דירעקטע פאַרהאַנדלונגען ביים גרינעם טיש און נישט אויף דער גאַס. נאָר די אָפּהיטונג פון סטאַטוס־קוואָ אין דאָזיקן מאָמענט קען אין דער צוקונפט פירן צו אַ ענדערונג פון סטאַטוס קוואָ. די פאַראַנטוואָרטלעכע אינסטיטוציעס זענען דערפאַר פאַרפליכטעט אָנצוווענדן אַלע מיטלען, כּדי צו פאַרהיטן פון אַ שעדיקונג פון סטאַטוס־קוואָ דורך ווער עס איז, און דער ישוב איז פאַרפליכטעט זיך צו האַלטן אין די ראַמען און לאָזן הערשן דעם שכל־הישר איבערן אויפגערודערטן געמיט.

20 אויגוסט 1929

אין אַ שווערער שעה

פינסטערע שטורם=וואָלקן קלויבן זיך צענויף אויפן הימל פון ישוב. די געפאַרן באַדראָען נישט נאָר דעם ישוב — שוין דאָס אַליין איז גענוג מוראדיק — זיי זענען אויך אַ וויטגרייכנדע פּאָליטישע געפאַר. די דאָזיקע טעג, פון וואָס מיר האָבן געגלויבט, אַז זיי וועלן זיין דער אָנהייב פון אַ נייער קאָלאָניזאַציע=תקופה, זענען געוואָרן טעג פון טרויער, וואָס קען נאָך מערער שטייגן, ווען מיר וועלן נישט האָבן קיין כח צוזאָגן: גענוג!

מיר געפינען זיך אין אַ מוראדיקן פּלאָנטער: פון איין זייט — אַ אַדמיניסטראַציע, וועמען עס פעלט שטאַטסמענישע קלוגשאַפט און יעדע פעיקייט צו קענען רעגולירן די איינפאַכסטע אָנגעלעגנהייטן פון דער עפנטלעכער אָרדנונג אין לאַנד; זי באַנוצט זיך מיט איר קראַפט נישט דאָרט, וואו ס'איז איר חוב דאָס צו טאָן; און זי באַנוצט זיך ווידער מיט איר כח גרענעצלאָז און מיט דער גרעסטער אכזריות דאָרט, וואו זי דאַרף זיך מיט אים נישט באַנוצן. פון דער צווייטער זייט, — אַראַבישע העצע. און צווישן אונז — אַ גרופּע מענטשן, וואָס האָט זיך אויך ווי געשטעלט אַלס ציל צו דערשיטערן די אָרגאַניזאַציע-יסודות פון ישוב. מיר וועלן נישט אויפהערן באַשולדיקן די באַאַמטע פון דער א״י-רעגירונג אין גראָבקייט און גרויזאַמקייט און פאָדערן פון דער צענטראַל-רעגירונג אַ משפט איבער די מעשים פון דער איר אונטערגעוואָרפענער א״י=אַדמיניסטראַציע. דורכן נישט-באַשיצן דאָס לעבן פון די בירגער ווערט דער שלום אין לאַנד נישט צוריקגעשטעלט, און אַ פּאָליציי, וואָס שלאָגט און הרגעט יידן אויף רעכטס און אויף לינקס ביי אַ לויה-צוג, איז פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר, ווען אירע מעשים פון פייער=פאַנאַנדערבלאָזער ווערן באַטראַכט פון די אַראַבער אַלס דערמוטיקונג פאַר זייערע מעשים. די שולדיקע אין דער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן מוזן אַנטדעקט ווערן און באַקומען זייער שטראָף. נאָר די פליכט פון ישוב איז אויך זיך צו באַפרייען פון דרוק פון יענער גרופּע מענטשן, וואָס דערפילט אַ פּראָוואָקאַטאָרישע ראָל אינעם יידישן ישוב לטובת די פיינט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

דורך שרייערישער איבערטרייבונג, דורך שרעקלעכער פּאָליטישער ליכטזיניקייט, מיט וועלכער זי וויל לעזן איינע פון די קאָמפּליצירטסטע און שמערצלעכסטע פראַגן, וואָס מיר האָבן צו לעזן אין לאַנד, האָט די דאָזיקע גרופּע, וואָס גרופּירט זיך אַרום דער צייטונג „דואר היום״ געפירט אַ טייל פון ישוב צו אַ געוואַלדיקער אויפרעגונג און עמפּערונג. דער גאַנ־צער ישוב האָט געגעבן אַ אויסדרוק פון זיין צאָרן איבער דער צעשטערונג פון סטאַטוס-קוואָ ביים כתל; נאָר די פּאָליטיק־מאַכער האָבן זיך נישט באַגנוגנט דערמיט און האָבן געשאַפן באַזונדערע קאָמיטעטן מיט דער כונה צו באַגרענעצן די פולמאַכטן פון די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס. טויזנ־טער יידן פון אַלע טיילן לאַנד האָבן געשטראָמט ערב תשעה באב קיין ירושלים. דאָס איז געווען אַן אמתער אויסדרוק פון דעם געפיל פון כבוד וואָס די יידן, וועלכע האָבן צוריקגעקערט אין זייער לאַנד, האָבן צו די איבערגעבליבענע רעשטלעך פון זייער פריערדיקער זעלבסטשטענדיקייט. אויפן צווייטן טאָג האָט זיך אָרגאַניזירט די „גאַסן־דעמאָנסטראַציע״, און די עטלעכע צענדליק יינגעלייט, וואָס זענען אַרויס אויף דער גאַס, האָבן בלויז דערנידריקט דורך זייער קליינער צאָל און קלאָגעדיקער האַלטונג דעם כבוד פון פאָלק און דעם כבוד פון כתל. די דאָזיקע דעמאָנסטראַציע איז געווען די ערשטע דעמאָנסטראַציע פון יידן, וואָס פּראָקלאַמירן זייער ציו־ניזם, און וועלכע האָבן אין די גאַסן פון דער הויפּטשטאָט דעמאָנסטרירט מיט פיינטלעכע אויסרופן קעגן דער רעגירונג — פונקט ווי זי וואָלט טראָגן אַלע פעלערן פון אירע בעאַמטע, נישט, געווען די רעגירונג פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע, — מיט זידלערייען קעגן דער ציוניסטישער עקזע־קוטיווע, פונקט ווי די עקזעקוטיווע וואָלט טראָגן אַלע פעלערן נישט געווען אונזער רעגירונג, וואָס די ציוניסטן אַליין האָבן זיך באַשטימט. דורך דער דאָזיקער קלאָגעדיקער דעמאָנסטראַציע האָט די פּאַלעסטינישע אַדמיניסטראַציע באַקומען אַ פּאַלשן, אָבער זער באַקוועמען תרוץ, צו דערלויבן אַן אַנדער דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט ווידעראַמאָל שווער באַליידיקט די יידן. נאָך די דאָזיקע ביידע דעמאָנסטראַציעס איז געוואַקסן די שפּאַנונג אין שטאָט, און די העצע־פּראָפּאַגאַנדע איז נישט געוואָרן אונטערגעגראָבן, נאָר איז דער־גאַנגען צו איר העכסטן פונקט דורכן אויסנוצן די לויה פון דערמאָרדעטן מזרחי פאַר אַ פּאָליטישער דעמאָנסטראַציע, וואָס האָט געפירט צום ברעכן פונם אָפּמאַך איבער דער ריכטונג פון לויה-צוג.

פונם דאָזיקן פּלאָנטער, וואָס האָט זיך געשאַפן אין ישוב, וועלן מיר נישט קומען צו אַ פרידלעך לעבן. מיר וועלן אַזוי לאַנג נישט קענען אַרויסרייסן פון די הערצער דאָס געפיל, וואָס האָט זיך אַריינגעמישט אין אונזערע באַציונגען מיטן אַראַבישן פאָלק, ווי לאַנג ס׳וועט דויערן די דאָזיקע הפקרות, ווי לאַנג די דאָזיקע קליינע גרופּע אומפאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן וועלן זיך נישט אונטערוואַרפן דעם ישוב און דער באַוועגונג.

ווייל אין לאַנד עקזיסטירט אַ אָרגאַניזירטער ישוב. דאָס יידישע פאָלק האָט געשאַפן אַ ציוניסטישע וועלט-אָרגאַניזאַציע. זיי אַליין געהערט די הערשאַפט איבערן פאָלק און זיי שטעלן מיט זיך פאָר די פּאָליטישע אָנפירונג. יענער קלאָגעדיקער קאָמיטעט, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „קאָמיטעט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון כתל״, מוז זיך תיכף פאַרנאַנדערלאָזן און אויפהערן צו פאַרנעמען זיך מיט ענינים, וואָס געהערן נישט צו אים. די יוגנט מוז זיך אונטערוואַרפן נאָר די באַפעלן פון דער ציוניסטישער לייטונג. קיינער טאָר נישט וואַגן מער צו אָרגאַניזירן גאַסן-דעמאָנסטראַציעס אָדער עפנטלעכע פּראָטעסט-פאַרזאַמלונגען אין כתל-ענין, אָן וויסן און הסכמה פון די נאַציאָנאַלע אינסטאַנצן.

זאָל דער ישוב, אויף וועמען ס׳זענען געווענדעט די אויגן פון גאַנצן פאָלק, וואָס זעט אין אים דעם אָנהויב און סוף פון זיין א״ידיקער האָפנונג, זאָל דער דאָזיקער ישוב, וועמען עס פעלן יעדע צוואַנגס-מיטלען, געפינען אין זיך די נויטיקע אינערלעכע כחות, כדי צו פּראָקלאַמירן אין אים דעם „מצב פון אויסערסטער געפאַר״. זאָל ער הערשן איבער זיך אַליין דורך אינערלעכער דיסציפּלין און קראַפט. דאַן וועלן די וואָלקן פאַרשווינדן און בלוט וועט נישט מערער פליסן; דאַן, און נאָר דאַן קענען מיר קעמפן מיט יענע מיטלען, וואָס זענען ווירדיק דעם יידישן ישוב און דער ציוניסטישער באַוועגונג, פאַר אונזערע רעכט און קעגן אונזערע קעגנער, אומעטום, וואו זיי זענען.

22 אויגוסט 1929

ווער איז דער שונא?

די געשעענישן האָבן אונדז אַוועקגעשטעלט אויף די קאַמפּס-פּאָזיציעס. נישט מיר האָבן געזוכט דעם דאָזיקן קריג. די העצער און פאַרהעצטע האָבן אונדז קעגן אונדזער ווילן אַרײַנגעצויגן אין אָט דער מלחמה. די פירער, וואָס רעדן אין נאָמען פון די פּאַלעסטינישע אַראַבער, פּראָקלאַמירן כסדר, אַז מיר האָבן דאָ צו טוען מיט דער גאַנצער אַראַבישער באַפעלקערונג און אַז ס'איז אַ קאַמף אויף אייביק.

מיר דאַרפן נישט מסכּים זײַן צום דאָזיקן שטאַנדפּונקט, וואָס אונדזערע פײַנט באַמיען זיך אים אויפצוצווינגען ווי די אַראַבער, אַזוי אויך אונדז, ווי דער גאַנצער פּאָליטישער וועלט. זיי, די העצער, בלײַבט נישט קיין אַנדער ברירה. זיי מוזן פּראָקלאַמירן אָט דעם קאַמף אויף לעבן און טויט. אַנדערש קענען זיי נישט באַרעכטיקן זייערע שאַנד-טאַטן און דעם אומגליק, וואָס זיי האָבן געבראַכט פאַרן לאַנד און פאַר זייערע אָנהענגער. אָן דעם פאַרלירן זיי זייער גאַנצע פּאָליטישע צוקונפט. אָבער אונדזער פּאָליטישער עתיד און קאָלאָניזאַציע-פּערספּעקטיוון זענען פאַרבונדן מיט אַ גאַנץ אַנדערער ווירקלעכקייט. נישט אַלס דעראָבערער און אונטערדריקער קומען מיר אין לאַנד. מיר בויען נישט אונדזער צוקונפט אויף אויסראָטונג און עקספּלואַטאַציע, אַלס פרײַע מענטשן ווילן מיר דאָ לעבן אין פרידלעכער שכנות מיט די אַראַבער פון ארץ ישראל און אַרומיקע לענדער. נישט אויפן יסוד פון קעגנזײַטיקער שנאָה און קאַמפן קען אויפגעבויט ווערן דער ייִדישער אינזל אין מיטן ים פון די מזרח-פעלקער. און דערפאַר זאָל עס אויך אין די דאָזיקע שווערע טעג קלאָר זײַן פאַר אונדז ווי פאַר די אַנדערע: די גרויזאַמע שאַנד-מעשים, וואָס טיילן פון אַראַבישן-פאָלק זענען באַגאַנגען קעגן ייִדישן ישוב אין די דאָזיקע טעג, באַשטימען אונדזער באַציִונג צו די שולדיקע, אָבער נישט צום גאַנצן אַראַבישן פאָלק.

האָבן מיר דען רעכט אַרויפצולייגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די שחיטות און גזילות, וואָס מ'האָט אָרגאַניזירט קעגן אונדז, אויפן גאַנצן

אראַבישן פאָלק? די אחריות דערפאַר טראָגן נאָר די פירער פון דאָזיקן פאָלק, דער אַראַבישער עקזעקוטיוו, די אָנהענגער פון ירושלימער גרויס-מופטי, די העצנדע זשורנאַליסטן. אָבער דאָס „געהיימניש" פון דער נישט-אידענטישקייט פון די מאַסן פון אַראַבישן פאָלק מיט דעם הייפל עפענדיס און די פלומרשטע אינטעליגענטן, צווישן וועמען עס שפרייט זיך אויס אַ טיפער סאָציאַלער און גייסטיקער תהום, — דאָס האָבן מיר שטענדיק גע-וואוסט. פון דעם פאַקט, אַז אַט די עפענדישע גרופע באַהערשט נאָך היינט אַ טייל פון די מאַסן, לאָזט זיך נישט אַרויסציען די מסקנה, אַז פאַראַנט-וואָרטלעך איז דאָס גאַנצע פאָלק.

אויסער די פאַרפירער זענען אויך געווען פאַרפירטע,—ווערקצייג פון דער פאַרברעכערישער אַראַבישער פּאָליטיק. פיל פון זיי האָבן זיכער גע-גלויבט אין די בייזוויליקע שקרים, וואָס די פירער האָבן פאַרשפּרייט איבער די יידן, איבער די יידישע שטרעבונגען צו דעראָבערן די אָמאַר-מאָשעע, אַז „500 אַראַבער" זאָלן האָבן געוואָרן דערמאָרדעט אין ירושלים דורך די יידן, נאָך איידער עמעצנס בלוט איז געוואָרן פאַרגאָסן. זייער בילדונגס-שטופע און גייסטיקער ניוואָ, בלינדער גלויבן פון די מאַסן אין די שקרים און העצע, וואָס איז נישט געוואָרן אָפּגעלייקנט פון דער רעגירונג, — דאָס זענען די מאָמענטן, וואָס פאַרקלענערן די שולד פונם איינצלנעם אַראַבער, וועלכער האָט אַנטיילגענומען אין די רויבערייען. אָבער די שולד זעלבסט בלייבט נישט אָפּגעלייקנט. ווער ס'האָט געמאָרדעט, גערויבט און אונטער-געצונדן, זאָל באַקומען זיין שטראָף. אָבער ער און נישט קיין אַנדערער, און נישט זיין פאָלקס-אָדער גלויבנס-חבר. איינער אַן אַראַבער פון חברון, איז באַשולדיקט אין מאָרד; מ'האָט אים געכאַפּט מיט אַ פאַרבלוטיקטן מעסער אין האַנט. אַ צווייטער אַראַבער פון צפת ווערט באַשולדיקט אין רויבע-רייען; ער האָט קעגן זיך עדות און באַווייזן, וואָס רעדן קעגן אים — דאַרף ער באַקומען זיין שטראָף. אָבער נישט וועלכער ס'איז אַראַבער פון יפו קען טראָגן די אחריות פאַר די מעשים פון געוויסע אַראַבער פון חברון און צפת; יעדער פּרוּוו אים צו מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זאַכן, וואָס ר'האָט נישט געטוען, איז אַ זינד, אין וואָס מיר טאָרן נישט נעמען קיין אָנטייל. אויך אָן דעם איז די אַטמאָספער אַרום אונז פול מיט פאַרברעכן און רציחה. דאָס אַרויפלייגן קאָלעקטיווע אחריות קען זיין איינע פון די אַדמיניסטראַטיווע מיטלען צו אונטערדריקן אַ אויפשטאַנד. אָבער אין באַ-וואוסטזיין פון די פעלקער און אין די באַציונגען צווישן זיי טאָר דאָס נישט האָבן קיין אָרט. אין אונזער באַציונג צו אַנדערע פעלקער קעמפן מיר שטענדיק קעגן פּרוּוו, צו מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך דאָס גאַנצע יידישע פאָלק פאַר די פאַרברעכן און חטאים פון איינצלנע יידן. מיר האָבן שטענדיק דערקלערט, אַז אויך דעם יידישן פאָלק איז „דערלויבט" צו האָבן זיינע פאַרברעכער און זינדיקע. דאָס זעלבע רעכט האָט דאָס אַראַבישע פאָלק. נישט

אַלע אַראַבער, נאָר דער אָדער יענער אַראַבער האָט געמאָרדעט און גערויבט. אַזוי לאַנג ווי ס׳זענען נישטאָ קיין עדות און באַווייזן פאַר דער שולד פון געגעבענעם פערזאָן, איז ער פריי פון שולד. יעדער געדאַנק וועגן קאָלעקטיווער אחריות פון גאַנצן אַראַבישן פאָלק אין דעם אומגליק, וואָס האָט אונז געטראָפן, איז פון מענטשלעכן, פּאָליטישן און קאָלאָניזאַציע־שטאַנדפּונקט אַ ווייטערדיק אומגליק; און ווען אָט דער באַוואוסטזיין זאָל זיך איינבירגערן אין דעם ישוב, קען עס פירן דערצו, אַז דער ישוב זאָל דערנידעריגט ווערן צו דער שטופע פון די אָנגרייפער און רוצחים, אַז ס׳זאָלן אַזוי ווערן קאָמפּליצירט די באַציונגען, אַז קיינער זאָל זיך פון זיי נישט קענען אַרויספּלאָנטערן, און דאָס ביז היינט קלאָרע און דייטלעכע בילד פון די געשעענישן וועט ווערן מטושטש.

נעמען מיר אָן דעם געדאַנק פון קאָלעקטיווער אחריות, איז עס דאָך אומלאָגיש, אַז מיר זאָלן אים אָנווענדן נאָר אין באַצוג צו די גרויזאַמע געוואַלדטאַטן, און נישט בנוגע די טאַטן פון גערעכטיקייט און מענטשלעכער הילף. אויב מיר באַשולדיקן אין מאָרד דאָס גאַנצע אַראַבישע פאָלק, וואָס ווערט דאַן פון יענע אומצעליקע, וואָס האָבן נישט פאַרלאָזט זייערע פלעצער, ווען מ׳איז צו זיי געקומען און זיי געזאָגט, אַז די יידן זאָלן האָבן אויסגעהרגעט הונדערטער ברידער זייערע, באַפאַלן דעם מעטשעט, ווען מ׳האָט אין נאָמען פון גרויסמופטי זיי מפקיר געווען דאָס לעבן פון די יידן, ווען די רעגירונג האָט זיי געגעבן אַ גרונד אָנצונעמען, אַז דאָס לעבן און פאַרמעגן פון די יידן איז הפקר, ווען זיי האָבן געזען ווי זייערע פאָלקס־ברידער האָבן אַהיימגעשלעפּט פיל גוטס און די בהמות פון די יידן, — און נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעם האָבן זיי זיך נישט גערירט פון אָרט? ווער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער דאָזיקער זעלבסטבאַהערשונג? וואָס וועט ווערן מיט יענע אַראַבער, וועלכע האָבן באַהאַלטן און געראַטעוועט די יידן, אָפּטמאָל אונטער אייגענער לעבנס־געפאַר, ווען די רעגירונג האָט נישט געטוען איר פליכט, און די באַאַמטע און פּאָליציילייט האָבן מורא געהאַט אַרויסצוגיין אין גאַס זיך קעגנצושטעלן דעם צעווילדעוועטן המון? אויב קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטלעכקייט — דאַרף עס זיין פאַר אַלע, פאַר די צדיקים ווי פאַר די רשעים. און אַזוי ווי מיר ווייסן נישט די נעמען פון יענע, וועלכע האָבן זיך נישט באַטייליקט אין די פּאָגראָמען, און ס׳זענען אונז אומבאַקאַנט די נעמען פון די פיל יעניקע, וועלכע האָבן געראַטעוועט אונזערע ברידער פון געפאַרן און טויט, בלייבט אונז נישט קיין אַנדער ברירה, ווי אויפצודעקן די נעמען פון יענע, וועלכע זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די פּאָגראָמען און פון די וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין זיי, און אויף זיי, נאָר אויף זיי, אַרויפלייגן די גאַנצע שולד. אַזוי ווי מיר קענען נישט מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך דאָס ענגלישע פאָלק און זיין רעגירונג פאַר די מעשים פון די איינציקע באַאַמטע אין

לאַנד, פּונקט אַזוי טאָרן מיר נישט באַשולדיקן דאָס גאַנצע אַראַבישע פֿאָלק און יעדן באַזונדערן אַראַבער, נאָר דערפֿאַר, ווייל ר׳איז אַ אַראַבער, פֿאַר די פֿאַרברעכן, וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן קעגן אונז דורך די אַראַבישע פֿירער און גרופּן פֿון אַראַבישע מערדער און רויבער.

און מיר טאָרן אויך דאָס נישט פֿאַרגעסן: ס׳האָט אונז געטראָפֿן אַ אומגליק, אָבער נישט נאָר אונז אַליין. דאָס אומגליק האָט אויך געטראָפֿן די אַראַבישע באַפֿעלקערונג. אויך אירע מענטשן-פֿאַרלוסטן זענען נישט קליין. אויך דאָרט, אין אַראַבישן לאַגער, זענען דאָ אַלמנות, יתומים, מוטערס, וואָס וועלן זייער גאַנץ לעבן נישט געפֿינען קיין טרייסט. די אַראַבישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג וועט אין משך פֿון פֿיל יאָרן דאַרפֿן טראָגן אויף זיך די ירושה פֿון פֿאַרברעכן, וואָס אירע פֿירער האָבן אָרגאַניזירט, און די דאָזיקע ירושה וועט זיי זער טייער קאָסטן, קודם כּל אין דער פֿאָרם פֿון אינערלעכע רייסענישן, וואָס וועלן מוזן אויסברעכן אינערהאַלב דעם אַראַבישן לאַגער, נאָך דעם ווי ס׳וועלן פֿאַריבערגיין די ערשטע רגעס פֿון גרויסן טומל. איין דור וועט זיך אויפֿהויבן קעגן צווייטן מיט געפֿילן פֿון שווערער אַנטוישונג. דער חשבון פֿון אַראַבישן עקזעקוטיוו, פֿון די העצנדע זשורנאַליסטן, פֿון די שליחים פֿון גרויס-מופֿטי איז פֿיל מער באַלאַסטעט, ווי עס שיינט אונז היינט צו טאָג, און נישט נאָר מיט יידישן בלוט און יידישע ליידן, נאָר אויך מיט בלוט און ליידן פֿון זייערע אייגענע אָנהענגער און נאָכשלעפּער — מער ווי ס׳דאַכט זיך אויס, קוקנדיק פֿון יידישן אויסזיכט-פּונקט.

און נישט נאָר ווייל ס׳איז אונז פֿאַרבאָטן צו מאַכן דאָס גאַנצע אַראַבישע פֿאָלק פֿאַראַנטוואָרטלעך און מיר טאָרן נישט באַשטימען אונזער האַלטונג אונטערן איינפֿלוס פֿון אַזעלכע בייזע געדאַנקען, מיר טאָרן בשום אופֿן אויך נישט אונזערע אינערלעכע פֿראַגן לעזן אין ליכט פֿון די דאָזיקע געשעענישן. אמת, מיר האָבן פֿון זיי אַ סך וואָס צו לערנען: די נויטווענדיקייט פֿון אַ שנעלן וווּקס פֿון דער צאָל יידן אין לאַנד און די פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער קאָלאָניזאַציע-טעטיקייט, קאָנצענטרירונג פֿון אונזערע ישובֿים און וואוין-קוואַרטאַלן, ווי ווייט מעגלעכסטע אויסמיידונג פֿון צעשפּרייטונג (די גרעסטע געפֿאַר דראָט דעם אַלטן ישובֿ, ווען ער איז נישט אַרומגערינגלט פֿון נייעם ישובֿ און איז נישט אויסגעמישט מיט די „חלוצים״), גרעסערע וואַכזאַמקייט אין פֿראַגן פֿון זיכערקייט, אוממעגלעכקייט זיך צו פֿאַרלאָזן נאָר אויף די רעגירונגס-כּחות, אפֿילו דאַן, ווען זייער צאָל און צוזאַמענשטעל זאָל ווערן פֿאַרענדערט. אויך פֿיל שוואַכע ערטער פֿון דער אינערלעכער סטרוקטור פֿון ישובֿ, — זיין אָפּהענגיקייט פֿון די אַראַבער אויפֿן געביט פֿון מיטלען פֿון ערשטן געברויך, אַראַבישער אַרבעט, וואָס שטופּט אַרויס דעם יידישן אַרבעטער פֿון דער יידישערווירטשאַפֿט, — קענען איצט טיילווייז געלעזן ווערן, נאָכדעם ווי פֿאַר אַלע איז קלאָר גע-

וואָרן די גאַנצע אומדערלאָזבאַרקייט און געפערלעכקייט פונם ביז־איצטיקן צושטאַנד. אָבער אויך אויפן עקאָנאָמישן און סאָציאַלן געביט טאָרן מיר נישט שפּילן דאָס שפּיל פון יענע, וועלכע טיילן דאָס לאַנד איין אין צוויי פיינטלעכע ישובים, וואָס שטייען אָנגעצאָרנט איינער קעגן צווייטן, גרייט יעדע רגע זיך צו וואַרפן אין קאַמף. די דאָזיקע צוויי טיילן זענען נישט קיין באַוואָפנטע, מלחמה־גרייטע לאַגערן, זיי אַרבעטן און לעבן צוזאַמען אין איין לאַנד, היינט, מאָרגן און איבערמאָרגן. די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע געזונטמאַכונג פון יידישן ישוב איז נוצלעך און נויטווענדיק אין יעדע רגע; און אַודאי איז עס נויטיק אין רגע פון גרויסער געפאַר. אָבער פון דער דאָזיקער געזונטמאַכונג ביז צו אַ עקאָנאָמישן און סאָציאַלן בויקאָט קעגן דער אַראַבישער באַפעלקערונג איז זייער אַ ווייטער וועג. דער געדאַנק פון אַלגעמיינעם בויקאָט איז קינדיש און געפערלעך און נוצלאָז אין עקאָנאָמישער, סאָציאַלער און פּאָליטישער הינזיכט. מיר קענען נישט עקזיסטירן אין אַ געשלאָסענערווירטשאַפט, מיר פּראָדוצירן סחורות, און זענען אָנגעוויזן אויף אַ מאַרק. מיר בויען די יידישע ווירטשאַפט און שטרעבן נאָך זעלבסטשטענדיקייט. דאָס הייסט אָבער נישט אונטערגאַנג פון דער אַראַבישער ווירטשאַפט. שטענדיק האָבן מיר אַזוי געהאַנדלט. שטענדיק האָבן מיר געוואוסט אָפּצוהיטן די דאָזיקע דינע ליניע, וואָס באַשטימט אונזערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַציונגען צום אַראַבישן ישוב. נאָך מער מוזן מיר זיך היטן פּאַר זינלאָזע שטרעבונגען אין מאָמענטן, ווען די לופט איז נאָך פול מיט פּולווער. די זעלבסטשטענדיקייט פון יידישן ישוב אויפן געביט פון דער פּראָדוקציע פון מיטלען פון ערשטן געברויך וועט נישט ווערן דערגרייכט דורך דעם, וואָס מען בויקאָטירט אַראַביש גרינס, נאָר דורכדעם, וואָס מיר שאַפן אייגענע גרינס־ווירטשאַפטן.

מיר קעמפן קעגן די, וועלכע זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די געשעענישן אין יעדן אָרט, וואו זיי זאָלן זיך נישט געפינען — צווישן די ענגלישע באַאַמטע ווי צווישן די אַראַבישע פירער, אָבער מיר פירן נישט קיין קריג קעגן דעם אַראַבישן ישוב אין לאַנד.

אַזוי ווי מיר אַנטזאָגן זיך נישט פון דער אויפגאַבע צו פאַרשטאַרקן אונזער אויפבוי־ווערק אין זיין פולן פאַרנעם, אַזוי אַנטזאָגן מיר זיך נישט פון אונזער שטרעבונג צו לעבן און שאַפן אין ארץ ישראל אויפן יסוד פון פרידלעכע באַציונגען מיט די אַראַבישע איינוואוינער.

11 סעפּטעמבער 1929

שלום אָדער שוחד

אין מאַי 1921 איז געוואָרן געוויילט דער פאָרזיצער פון אויבערשטן מאַכמעדאַנישן ראַט. דער העכסטער פּאָסטן פון די פּאַלעסטינישע מאַכמעדאַנער און דערפאַר אויך וויכטיק פאַר דער גאַנצער מאַכמעדאַנישער וועלט. ווער ס'האָט דעם דאָזיקן אַמט, באַקומט אַ ענטשיידענע השפּעה אויפן גרעסטן טייל אַראַבישע איינוווינער פון לאַנד; ער האָט דאָס רעכט צו רעדן אין זייער נאָמען, די שכנותדיקע לענדער זענען אויפמערקזאַם צו זיינע ווערטער. ער קאָנצענטרירט אין זיינע הענט אַלע פעדעם פון דער אַראַבישער פּאָליטיק און אינטריגעס. אין זיין רשות געפינען זיך די עפנטלעכער געלטער און רעליגיעזע פאַרמעגנס (וואַקוף), ער פאַרטיילט פּאָסטנס, שליסט אָפּמאַכן, וואָס זענען נישט אונטערגעוואָרפן קיינעמס קריטיק, ער אָרגאַניזירט געלט-זאַמלונגען אין אויסלאַנד, פון אים פון זיין יושר, טאָלעראַנץ און געוויסן הענגט אָפּ אין אַ נישט קליינער מאָס דער פרידן פון לאַנד.

ביי די וואַלן אין 1921 האָבן קאָנקורירט צווישן זיך צוויי קאַנדידאַטן: דיעראַללאַ — מיטגליד פון אַ אַריסטאָקראַטישער און באַשיידענער אַראַבישער פאַמיליע, וואָס איז באַקאַנט מיט זיין פאַרשטאַנד און ישוב הדעת, און איז לויט אַלעמענס מיינונג אַ מאַן פון פרידן און סבלנות, און עמין על הוסייני — אַ ייִנגער מענטש, וואָס שטאַמט פון אַ אַראַבישער פאַמיליע, וועלכע איז באַרימט מיט איר הערשאַפטס-חשק און פּאָליטישע אינטריגעס; ער אַליין איז געוואָרן אַרעסטירט אַלס פירער פון די פּאָגראָם-העלדן קעגן די יידן און געוואָרן פאַרמשפּט פון א״ידיקן געריכט צו 15 יאָר טורמע. דיעראַללאַ האָט באַקומען די מערהייט שטימען, 18 שטימען, זיין קעגנער אַ העלפט. די אַנטשיידונג איז געליגן אין די הענט פון פּאַלעסטינישן הויך-קאָמיסאַר, סער הערבערט סעמועל, און ער האָט אַנטשידן לטובת דעם פּאָגראָם-אָרגאַניזאַטאָר, און איבערגעגעבן עמין על הוסייני די הערשאַפט איבער די מאַכמעדאַנער פון א״י.

סעמועל האָט נישט נאָר דאָס געטוען, ער האָט אויך אָפּגעשטעלט די

יידישע עליה קיין א״י; ווי באַקאַנט איז דאָס געווען דער הויפּט-ציל פון די פּאָגראָם-אָרגאַניזאַטאָרן איבער דער חלוצים-היים אין יפו.

סעמועל האָט פאַרפאַסט דאָס „ווייס-בוך״ און פאָרגעשלאָגן טשער-טשילן צו באַשטעטיקן עס דורך דער רעגירונג. דאָס דאָזיקע „ווייס-בוך״ איז צו באַטראַכטן, אויב נישט לויט זיין אינהאַלט, אָבער לויט זיין פאָרם און אופן פון זיין פאַרעפנטלעכונג, ווי אַ הנחה קעגנאיבער דער אַראַבישער העץ-באַוועגונג אויפן חשבון פון ציוניזם.

אין קעגנזאַץ צום מאַנדאַט האָט זיך סעמועל אַנטזאָגט צו פאַרטיילן די יידישע קאָלאָניסטן יענע רעגירונגס-שטחים אין א״י, וואָס זענען געשטאַנען אין זיין רשות. די באַפרייטע זעלנער פון די יידישע לעגיאָנען—זיי זאָלן דאָך עס זיין די נאַטירלעכע קאַנדידאַטן, לויט אַלעמענס מיינונג און לויט ריין-אַנגלאָזאַק-סישער אויפפאַסונג, פאַר דער קאָלאָניזאַציע – זיי האָבן געמוזט אָדער פאַרלאָזן דאָס לאַנד, אָדער זיי באַמיען זיך ביז היינט אומזיסט צו באַ-קומען מעגלעכקייטן אויף זיך קאָלאָניזירן. די רעגירונגס-שטחים האָבן באַקומען בעדואינער, וואָס האָבן נישט געוווּסט, וואָס אָנהייבן טוען מיט זיי. די א״י רעגירונג האָט זיך באַמיט פאַר עטלעכע חדשים זיי צו באַפרייען פון דער איבעריקער לאַסט, וואָס וואָלט אין די הענט פון אַנדערע גע-קענט זיין אַ קוואַל פון ברכה און ציוויליזאַציע.

סעמועל האָט די פּאַלעסטינישע אַראַבער כסדר פאָרגעלייגט אין פאַרשידענע פאָרמען דאָס אָרגאַניזירן פון „רעפּרעזענטאַטיווע אינסטיטוציעס״ אָנהייבנדיק פון „געוויילטן רעגירונגס-קאָנסול״ ביז דער „אַראַבישער אַנענטור״.

די יאָרן זענען דורכגעלאָפן און ס׳האָט זיך גערדאַכט, אַז ס׳איז אַנטשטאַנען אַ „היסטאָרישע פּערספּעקטיוו״, וואָס האָט דערמעגלעכט אָביעקּ-טיוו און מיט ישוב הדעת צו משפטן איבער סעמועלס מעשים. פיל מענטשן אין ענגלישן און ציוניסטישן לאַגער האָבן גערן אָנגעוויזן אויף הערבערט סעמועל און זיינע מעשים: דורכן דאָזיקן מאַן, זיין הויכער פּאָליטישער חכמה, מיט וואָס ער האָט באַקעמפט די שוועריקייטן פון דער שעה, דורך זיין גייסט פון שלום האָבן די יידן באַקומען די מעגלעכקייט פון רואיקער אַרבעט אין לאַנד. זיין וועג איז אַלזאָ „דער וועג״. ס׳זענען ווידער אַדורך אַ פּאָר יאָר. נאָך 9 יאָר איז פאַרשוואונדן די „היסטאָרישע פּערספּעקטיוו״ און אויף איר אָרט איז געקומען אַ זייער גרויזאַמע ווירקלעכקייט און אין קיין זאַך האָט זיך נישט אַזוי אַנטפּלעקט די דאָזיקע גרויזאַמע ווירקלעכקייט, ווי אין דער באַשטימונג פון עמין על הוסייני אַלס פאָרזיצער פון מאַכמעדאַ-נישן ראַט. ווייל אָט דאָ איז שוין אַלץ קלאָר. ס׳זענען שוין יעצט מערער נישטאָ קיין מינדסטע ספקות איבער דער ראָל, וואָס דער דאָזיקער מענטש האָט געשפּילט בעת די לעצטע געשעענישן.

וואָס פּאַראַ מסקנות לאָזן זיך אַרויסציען פון דער דערפאַרונג, וואָס סעמועל האָט געלאָזן נאָך זיך? צי נאָר די, אַז צווישן די אַראַבער האָט זיך געפונען אַ מענטש, וואָס ווייס נישט פון קיין דאַנקבאַרקייט און צאָלט אָפּ פאַר גוטס מיט שלעכטס? דער דאָזיקער אויספיר וואָלט געווען קינדיש, די פּאָליטיק קען נישט דאָ באַזירן אויף די פּערזענלעכע אייגנשאַפטן פון דעם אָדער יענעם מענטש.

ווען ס'וואָלט געקומען ווער צום אויספיר, אַז אין ליכט פון די לעצטע געשעענישן, באַווייזט סעמועלס האַלטונג די שעדלעכקייט פון אַ שלום-פּאָליטיק און די נויטיקייט פון אַ „שטאַרקער האַנט", וואָלט דאָס זיכער געווען אַ טעות. ווייל סעמועלס מעשים זענען נישט קיין גענוגנדע באַזע אויף קענען משפּטן איבער אַ שלום-פּאָליטיק. צווישן אים און די טאַטן פון פרידן איז נישטאָ קיין שום צוזאַמענהאַנג.

סער הערבערט סעמועל איז בכלל נישט קיין מאַן פון פרידן, פון פּשרה און פּאָליטישער ווייכקייט. צום אמת אַלס הויך-קאָמיסאַר פון א"י איז ער געקומען פון אַן אַנדערן פּאָסטן — פון ענגלישן אינערן-מיניסטעריום, בעת דער מלחמה-צייט. אויפן דאָזיקן פּאָסטן האָט ער געוויזן זיין „שטאַרקע האַנט", פון וואָס עס חלומען די „שאַרפמאַכער" אויף דער גאַנצער וועלט. ער איז אויך נישט קיין מענטש פון „נאָכגיביקייט", אין דער זעלבער ענגלישער אינערן-פּאָליטיק איז ער טריי געבליבן זיינע מיינונגען און איבערצייגונגען אין גוטע ווי אין שלעכטע צייטן. ער האָט געוואוסט צו בלייבן אַ ליבעראַל און מוטיק און קראַפטפול צו שטיין אויפן קאַמפּספּראָנט אין די צייטן, ווען די פּאַרטיי איז געגאַנגען באַרג אַראָפּ. אויך זיין ציוניזם איז ער געבליבן טריי אויך נאָכן פּאָגראָם און ער האָט גייסטיק זיך נישט געבויגן פאַר די פּאָגראָמטשיקעס. אַלץ, וואָס ר'האָט געטון און געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָזן זיין הויכן אמט אין א"י, ביז צו זיין אָנטיילנעמען אין דער ציריכער אַגענץ-זיצונג, האָט דאָס בולט באַוויזן.

סער הערבערט סעמועל האָט נישט געלייגט אין יסוד פון זיין פּאַלעסטינישער פּאָליטיק דעם פּרינציפּ פון שלום אָדער ותורים און פּשרות. וואָס ר'האָט געטון אין לאַנד אין די אַנטשיידענע מינוטן פון זיין פּאָליטיק, האָט ער עס געטון לויטן פּרינציפּ פון קאָרופּציע און שוחד. דער דאָזיקער פּרינציפּ ווערט באַזונדערס בולט אין פאַל עמין על הוסייני. ווי אַזוי האָט דער דאָזיקער מענטש דערגרייכט זיין פּאָסטן? פאַרוואָס האָט סעמועל זיך אַנטשידן לטובת אים? האָבן עס געפאָדערט די אַראַבישע מאַסן, אָדער לכל הפּחות די אויבערשטע שיכטן פון אַראַבישן פאָלק? דער מאַן איז דאָך אויך אין מאַכמעדאַנישן ראַט געבליבן אין דער מינדערהייט. האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט ישוב הדעת, סבלנות און שכל, אָדער האָט ער דער ענגלישער רעגירונג געבראַנגט באַזונדערס גרויסע

נוצן און זאָל ער דערפאַר האָבן באַקומען זיין לוין, קעגן דעם ווילן פון די מענטשן, אַלס וועמענס פאַרטרעטער ער איז אָנגעגאַנגען? און פאַקטיש, איז ער דאָך געווען דער יעניקער, וועלכער האָט געהאָלפן אַרויסרופן דעם אַראַבישן אויפשטאַנד? נאָר איינס האָט גערעדט לטובת אים און געמלעך, וואָס ער איז געווען אַ פּאָגראָמשטשיק, אַ פיינט פון דער ענגלישער רעגירונג, אויף וויפל זי איז געווען די רעגירונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע. און אָט דער איינציקער מאָמענט האָט געצויגן אויף אים סעמועלס אויפמערקזאַמקייט.

צו זוכן שלום־וועגן, זיך צו באַמיען שליסן אַ אָפּמאַך מיטן שונא און גראַדע מיט דעם אָפענעם שונא, דאָס הייסט פּאָליטישע קלוגשאַפט. אָבער סעמועל האָט נישט אַזוי געטון. ער האָט זיך נישט געזעצט צום טיש מיט דעם פיינד פון נעכטן, וואָס איז היינט גרייט צו שלום און מיט אים אויסגעאַרבעט די יסודות פון אַ שלום־אָפּמאַך. „דאָ גיב איך נאָך — דאָרט דו". סעמועל האָט באַשלאָסן צו קויפן עמין על הוסייני, פונקט, ווי ער האָט געוואָלט קויפן דאָס הארץ פון די פּאָגראָמטשיקעס, וואָס זענען איבערגעפאַלן די חלוצים־היים, דורך אָפּשטעלן די עליה און קויפן דאָס הארץ פון די בעדואינער דורך געבן זיי גוטן באַדן. ער איז נישט געגאַנגען אויף דער ליניע פון פּאָליטישער קלוגשאַפט, נאָר אויף דער ליניע פון פּאָליטיקאַנעריי און כיטרעקייט. אין זיין פּאַלעסטינישער פּאָליטיק איז ער נישט געווען קיין ליבעראַל אין ענגלישן זין, נאָר אַ קאָלאָניאַל־באַאַמטער פון שלעכטן סטיל. זיין אַראַבער־פּאָליטיק, אין פלוג אַ פּאָליטיק פון אַכטונג פאַרן אַראַבישן פאָלק און זיינע פירער, איז פּאַקטיש געווען אַ פּאָליטיק פון גרינגשעצונג און פאַראַכטונג. דעם אמת, אַז ענגלאַנד האָט באַשלאָסן און זיך מתחיב געווען צו שטיצן דעם אויפבוי פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים אין א"י, און איז טריי געבליבן די דאָזיקע פּאָליטיק, נישט קוקנדיק אויף אַלע פּאָגראָמען — אָט דעם אמת האָט מען, לויט זיין מיינונג, די אַראַבער נישט געטאָרט דערציילן. אָבער אויך צוריקציען די דעקלאַראַציע איז געווען אוממעגלעך, לכל הפחות וועט זיך סעמועל, דער ציוניסט, וועלכער איז אַכט יאָר שפּעטער אין ציריך אויפגעטרעטן ווי אַ הייסער אָנהענגער פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים, דער דאָזיקער סעמועל וועט נישט עצה'נען די רעגירונג פון זיין מאַיעסטעט זיך צוריקציען פון אירע פליכטן און פאַרפליכטיקונגען, לגבי די יידן. דערפאַר האָט מען געמוזט קויפן די אַראַבער — זייערע פירער דורך כיבודים און פּאָסטנס, די מאַסן מיט באָדן. און יעצט איז שוין קלאָר, פאַרוואָס דוקא דער פּאָגראָם־אָרגאַניזאַטאָר האָט באַקומען אַזאַ הויכן פּאָסטן און די בעדואינער־שבטים האָבן באַקומען באָדן. אויב נישט קיין שלום־בונד, נאָר שאַכער־מאַכער, דאַן איז גלייכער צו קויפן עמין על הוסייני און נישט עפּעס אַ דיערעללא, גלייכער די בעדואינער און נישט די פעלאכן.

די פּראָכטן פון דער דאָזיקער פּאָליטיק, אַ פּאָליטיק פון שוחד און קאָרופּציע, געניסן מיר היינט.

ווען די יעניקע, וועמענס חוב עס איז יעצט צוריקצוגעבן דאָס לאַנד זיין נאָרמאַלן לעבן און פעסשטעלן די יסודות פון ענגלאַנדס צו-קונפטיקער פּאָליטיק, ציען די געהעריקע מסקנות פון סעמועלס פּאָליטיק? די דאָזיקע מסקנות זענען: ווען ס׳איז מעגלעך שלום, און אויף ווי ווייט ס׳איז נאָר מעגלעך, מוז מען שליסן שלום. מען מוז זוכן מיט אַלע כחות און מיטן בעסטן ווילן, וואָס איז נאָך דאָ אויףביידע זייטן, צו דער-גרייכן אַ שלום. ווער עס גלויבט, אַז דערצו זענען נויטיק צו מאַכן גע-וויסע הנחות, זאָל עס קלאָר זאָגן און קלאָר דעפינירן. אפשר איז מעגלעך עפּעס צו טון, באַזונדערס אויף יענעם געביט, וואָס איז געוועזן דער אויסגאַנגס-פּונקט פאַר די לעצטע געשעענישן — אויפן רעליגיעזן געביט. איבער שלום, איבער אמתן שלום איז דערלויבט מיט אַלעמען צו רעדן: מיט דעם אַראַבישן עקזעקוטיוו און מיט דעם פּאָגראָם-העלד, וועלכער זיצט אין טורמע; אָבער ליגנט, אַ ווילן צו באַהאַלטן פאַר די אַראַבער דעם אמתן אינהאַלט פון דער ענגלישער פּאָליטיק, קאָרופּציע, שוחד — דאָס נישט. דאָס איז נישט קיין ליבעראַלע און נישט קיין שלום-פּאָליטיק, נאָר אַ פּאָליטיק פון כיטרעקייט און שקר. די פּאָליטיק האָבן מיר פאַר-זוכט און אירע פּרוכטן זענען צייטיק געוואָרן יעצט, אין אויגוסט 1929.

13 סעפּטעמבער 1929

קעגן בויקאָט

עס זעט אויס ווי אין אַראַבישן לאַגער וואָלט זיך פאַרשטאַרקט דער בויקאָט קעגן די יידישע סוחרים. ס׳ווערן אַרויסגעגעבן אויפרופן, יינגעלייט גייען אַרום אויף די גאַסן און שטערן אַראַבער אַריינצוגיין אין די יידישע קראָמען. שטעקט אין דער באַוועגונג אַ סכנה פאַר אונז?

אַ שאָדן אין דעם געגעבענעם מאָמענט וועט דאָס זיכער ברענגען. דער אָדער יענער סוחר אין חיפה, אָדער אין דער אַלטשטאָט פון ירושלים וועט דערפילן אַ מאַנגל אין קונים, אָבער נאָך אַ בערך קורצער צייט וועט זיך אויך די דאָזיקע באַוועגונג צוזאַמענברעכן. מ׳קען זיך פאָרשטעלן אַ געלונגענעם ד. ה. אַ אַבסאָלוטן און דויערנדן בויקאָט קעגן פרעמדער סחורה ווי עס האָבן צום ביישפיל זיינער צייט פראָקלאַמירט די איינוואוינער פון אינדיען, אייגנטלעך אויך אָן אַ גרויסן דערפאָלג, קעגן די ענגלענדער. מ׳קען זיך אויך פאָרשטעלן אַ געלונגענעם בויקאָט קעגן אַ באַשטימטער סחורה, ווי ס׳האָבן עס למשל פראָקלאַמירט די ירושלימער יידן קעגן דער עלעקטריציטעט-געזעלשאַפט (די ענגלישע פירמע יאַקסאָן), ווייל זי האָט נישט באַשעפטיקט קיין יידישע אַרבעטער. שווער איז דאַקעגן זיך פאָרצושטעלן אַ עקאָנאָמישן בויקאָט קעגן אַ גאַנצן ישוב, וואָס וואוינט אין זעלבן לאַנד, זייט ביי זייט, אָפטמאָל אויף דער זעלבער גאַס אָדער גאָר אין זעלבן הויז מיט די בויקאָטירנדע. עס פאַרבינדן די יידישע און אַראַבישע באַפעלקערונג זייער לאַנג, טויזנטער עקאָנאָמישע פעדעם. נישט פילנדיק אַפילו, אָן יעדער פּאָליטישער אַקציע פון וועלכער ס׳איז זייט, זענען אַנטשטאַנען אין לאַנד ענגע, קעגנזייטיקע ווירטשאַפטלעכע באַציונגען צווישן ביידע פעלקער. קיין ישוב אין לאַנד, צי דאָס זאָל זיין אַ ווייט-פאַרוואָרפן אַראַביש דאָרף, אָדער דאָס „ריין״ יידישע תל אָביב, איז נישט פריי פון די דאָזיקע באַציונגען. אַראַבישע סחורה דרינגט אַריין צו אונז, יידישע — צו די אַראַבער, און דאָס אויף פאַרשידענע, אָפטמאָל אוממערקבאַרע וועגן. זאָס זענען נישט נאָר האַנדלס-באַציונגען, עס עקזיסטירן אויך באַנק-באַציונגען, באַציונגען צווישן לאָקאַטאָר און הויז-ווירט, צווישן אַרבעטער און אַרבעטסגעבער. די דאָזיקע נעץ פון עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען איז שוין אַזוי פיין אויסגעפלאָכטן, אַז די אַראַבישע יינגלעך, וואָס לויפן

איצט אַרום אין די גאַסן און טיילן אויפרופן, וועט שוין נישט געלינגען איר צו צעררייסן. דער בויקאָט מוז פּלאַצן, באַזונדערס דאַן ווען דער איצטיקער צאָרן וועט שוין זיין אָביסעלע איינגעשטילט.

דער רייכער וועט ווידער טראַכטן וועגן זיין פאַרמעגן. דער אָרעמער וועט ווידער זוכן ווי אָפּצושפּאָרן אַ פּאָר גראָשן. די סחורה, וואָס האַלט אויס די קאָנקורענץ, די ביליקערע און בעסערע, מוז זיגן אויפן מאַרק; די תאווה צו געלט, מענטשלעכע שוואַכקייטן, לעבנס־וויכטיקייטן פאַרניקן זיך, כּדי צו צעברעכן דעם עקאָנאָמישן בויקאָט אין דעם פאַרנעם, ווי עס טראַכטן אים צו צעבלאָזן די אַראַבישע יינגעלייט. אַ מער דרייסטער אַראַבער וועט פריער־שפּעטער אָנהייבן ברעכן דעם בויקאָט. ער וועט באַהאַלטענערהייט קויפן יידישע סחורות און פּרווון זיי צו פאַרקויפן אַלס אַראַבישע סחורה, זעלבסטפאַרשטענדלעך מיט אַ רווח־צושלאַג, אַלס אַ מין „פּרעמיע” פאַר דער ריזיקע און סכנה, אויף וואָס ר'איז אויסגעשטעלט. הייַנט יוצא עס אים געלונגען, מאָרגן וועט מען אים כאַפּן, דערווייל וועלן אַנדערע נאָכטוען זיין ביישפּיל. דער קונה וועט זיך כאַפּן, אַז דאָ געשעט אַ שפּעקולאַציע אויפן חשבון פון זיין נאַציאָנאַלן געפיל און ער וועט ווערן אויפגעבראַכט. ער וועט נישט וועלן, אַז יחידים זאָלן ווערן רייך אויפן חשבון פון כּלל און וועט דירעקט גיין צום ייד. און נאָך פריער, ווי עס וועלן זיך ווייזן אַזעלכע דערשיינונגען, וועט זיך פרעגן דער פשוטער קונה פון דער מאַסע: „מיר איז פאַרבאָטן צו קויפן ביי אַ ייד, אפילו דאַן, ווען די סחורה מאַכט אויס ביליקער. און פאַרוואָס איז דערלויבט דעם אַראַבישן הויזווירט צו האַלטן ביי זיך יידישע לאָקאַטאָרן?” און צי דען וועט דער אַראַבישער הויזווירט זיך אַנטזאָגן צו האַלטן יידישע לאָקאַטאָרן? דער מאַכמעדאַנישער ראַט האָט באַפוילן אויך די אַראַבישע אַרבעטער נישט צו גיין אַרבעטן אין די יידישע קאָלאָניעס. איז עס מעגלעך צו שטעלן דעם פעלאַך פאַר אַזאַ נסיון? וועט ער אים עס דען קענען באַשטיין?

די גאַנצע בויקאָט־באַוועגונג מוז צוזאַמענברעכן, אויב זי וועט אַפילו באַווייזן צו ברענגען שאָדן עטלעכע יידישע געשעפטן. און דאָס וועט געשען דאַן, ווען מיר וועלן פאַרשטיין, זיך צו באַוואָפענען כּלפּי איר מיט געדולד, ווען מיר וועלן, זיך נישט אַריינמישנדיק, איר לאָזן אַנטוויקלען, ד. ה. אַז מיר זאָלן אויך נישט פון אונזער זייט נעמען בויקאָטירן די אַראַבישע פּראָדוקציע און אַראַבישע אַרבעטס־קראַפט. ווען מיר מאַכן זיך קלאָר, אַז דער בויקאָט ברענגט נאָר שאָדן און אַלס רעזולטאַט דערפון קען עס אַרויפרופן אַ אויפרעגונג ביי די אַראַבישע מאַסן, דאַן פאָדערן אונזערע אינטערעסן, אַז די דאָזיקע אויפרעגונג זאָל זיך אויסגיסן אויף די קעפּ פון די אַראַבישע „פירער”. זאָלן יענע, וועלכע פּראָקלאַמירן דעם בויקאָט, און נאָר זיי, געניסן די פרוכטן פון זייער אַגיטאַציע, זאָל די

גאַנצע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַלן אויף די העצער! זאָל דאָס בילד ווערן אַבסאָלוט קלאָר!

וואָס אַנבאַלאַנגט דעם בויקאָט פֿון אונזער זייט — וואָלט ער — אויסער אין עטלעכע פֿאַלן, ווען עס אַנטשיידט דאָס געפֿיל (חברוגער טרויבן!) — נאָר דאַן געווען באַגרינדעט, ווען מיר וואָלטן געוואָלט אַזוי אַרום דערקלערן דער אַראַבישער באַפֿעלקערונג אַ קאַמף אויף אייביק.

ווען מיר וואָלטן געגלויבט, אַז מיר קענען אויפֿבויען אין לאַנד אַ יידישן ישוב, אָן יעדער פֿאַרבינדונג מיט די ארץ־ישראלדיקע און אַרומיקע אַראַבער, אַ ווירטשאַפֿטלעך הונדערט־פּראָצענטיק זעלבסשטענדיקן ישוב, ווען אונז וואָלט נישט געאַרט, אַז די אַראַבישע קינדער זאָלן אויפֿוואַקסן מיטן געפֿיל, אַז אין דאָזיקן לאַנד, אין שכנות מיט זיי, וואוינען מענטשן, וואָס באַציִען זיך צו די אַראַבער מיט שנאָה און פֿאַראַכטונג, אַז זיי ווילן אַפֿילו נישט קויפֿן זייער גרינס. אָבער אַזאַ קאַמף „לעולם ועד" ווילן מיר דאָך זיכער נישט, דערפֿאַר איז נישטאָ קיין באַרעכטיקונג פֿאַר אַ עקאָנאָמישן בויקאָט, וואָס איז נישט באַגרענעצט אין צייט, און וואָס מען הייבט אָן, נישט ווייסנדיק פֿריער, ווען און אונטער וועלכע תּנאָים ער וועט זיך פֿאַרענדיקן. ווען פֿעלקער דערקלערן אַ מלחמה, טיילן זיי זיך דאַן כאָטש לכל־הפּחות מיט, ווען זיי זענען גרייט, איר צו פֿאַרענדיקן. אין דעם בויקאָט, וואָס פֿאַרשטאַרקט זיך איצט אין לאַנד, באַזונדערס צווישן די אַראַבער, איז אויך דער מאָמענט נישט בנמצא: אָן קיין שום פֿאָדערונגען, אָן קיין שום באַדינגונגען און דערפֿאַר אויך אָן יעדן אויסזיכט אויף נצחון.

ווען ס'וואָלט עקזיסטירט פֿון אונזער זייט, וועלכע ס'איז באַרעכטיקונג פֿון פּאָליטישן אָדער קאָלאָניזאַציע־שטאַנדפּונקט פֿאַר אַ בויקאָט, וואָלט דאָס אויך נישט געהייסן, אַז אָט דאָס מיטל מוז געקרוינט ווערן מיט אַ נצחון, ווייל די זעלבע נעגאַטיווע דערשיינונגען, וואָס זענען פֿאַרבינדן מיטן אַראַבישן בויקאָט און וועלן אים פֿירן צום דורכפֿאַל, וואָלטן זיך אויך אַרויסגעוויזן ביי אונז.

מיר ווילן נישט נאָכמאַכן די אַראַבישע ייִנגלעך, וואָס לויפֿן אַרום אין די גאַסן פֿון יפו, ירושלים און חיפה מיט בויקאָט־פּראָקלאַמאַציעס קעגן די יידן. מיר ווילן נישט גלויבן, אַז ווען די אַראַבער באַנוצן זיך קעגן אונז מיטן דאָזיקן צווייפֿלהאַפֿטן מיטל, זאָל פֿאָדערן פֿון אונז דער „נאַציאָנאַלער כּבֿוד" אָנצווענדן קעגן זיי דאָס זעלבע מיטל. ווען אונזער פּאָליטישע „סטראַטעגיע" איז ביז היינט געווען אַזוי רייך מיט פֿעלערן, — דאַרפֿן מיט כאָטש לערנען ווייניקסטנס פֿון די לעצטע געשעענישן. נאָכדעם ווי אַ טייל פֿון אונז האָט זיך געלאָזט אַריינגאַרן דורך דער רעליגיעזער פּראָוואָקאַציע, זאָלן מיר נישט איצט זיך לאָזן אַריינגאַרן אויך דורך דער עקאָנאָמישער פּראָוואָקאַציע.

16 סעפּטעמבער 1929

צו דער אָפּשאַצונג פון די געשעענישן

וואָס איז געשען אין לאַנד, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער טראָגן די געשעענישן, וואָס האָבן דערשיטערט דעם ישוב און די גאַנצע וועלט? פון דער תשובה אויף אָט דער פראַגע הענגט אָפּ אין פיל הינזיכטן אונזער פּאָליטיק אין דער צוקונפט.

אייניקע זענען ביי דער מיינונג: ס׳איז געווען אַ אויפשטאַנד, אַ פּרוּוו פון אַ נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע. די דאָזיקע מיינונג הערשט ביי אַ טייל פון דער אויסערלעכער וועלט, באַזונדערס אין ענגלאַנד; זי ווערט אונטערגעשטיצט פון די קאָמוניסטן, מיט איר באַנוצט זיך אויך דער ירושלימער גרויס-מופטי. צו דער מיינונג זענען אויך מספים געוויסע קרייזן פון ציוניסטישן לאַגער. אויך די יעניקע, וועלכע גיבן זיך נישט אָפּ קיין קלאָרן דין וחשבון איבערן וועזן פון די געשעענישן און איבער די פאָלגן, וואָס קענען אַרויסקומען פון אַזאַ אַרט באַלויכטן זיי, באַנוצן זיך אויף אַ לייכט-זיניקן אופן מיט די אויסדרוקן: אויפשטאַנד, רעוואָלוציע, און עס געפינען זיך שוין אויך מענטשן, וועלכע זענען גרייט צו ציען דערפון די מסקנא און זיי זאָגן אונז: דער אַראַבישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג איז געזיכערט דער נצחון. און דערפאַר, מוז מען, בכדי דער דאָזיקער זיג זאָל נישט אָננעמען דעם כאַראַקטער פון אַ בלוט-פאַרגיסונג און אַ חורבן, זוכן צו מאַכן מיט איר אַ קאָמפּראָמיס. די דאָזיקע עצות פירן נישט צום ציל, ווייל זיי פליסן אַרויס פון אַ נישט-ריכטיקער אָפּשאַצונג פון די געשעענישן, פון אַ פול-קאָמער פעלשונג פון דער פּאַלעסטינער ווירקלעכקייט.

אין די אויגוסט-געשעענישן האָט נאָר אַנטייל גענומען איין טייל פון די אַראַבישע איינוווינער פון לאַנד. די ווייט גרעסערע טיילן זענען געבליבן פּאַסיוו. פיל אָנפאַלער זענען געקומען פון דרויסן. אויך דאָרט, וואו ס׳זענען פאָרגעקומען רציחות און רויבערייען, איז נאָר אַ קליינער טייל פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג געווען אין זיי באַטייליקט. דער דאָזיקער פאַקט האָט אַ אַנטשיידענע באַדייטונג — נישט נאָר ביים אָפּ-שאַצן די האַלטונג פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג (ווייל פאַר זייער

פּאַסיוויטעט קענען ווערן אָנגעגעבן פיל סבות און נישט אַלע האָבן אַ פּאָזיטיווע, מאָראַלישע באַדייטונג), נאָר באַזונדערס פאַר דער אָפּשאַצונג פון די געשעענישן אַלס אַ געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג. דער דאָזיקער פאַקט פאַרלירט נישט זיין באַדייטונג דורך די געפילן פון צאָרן און עמפּערונג, און אָפּטמאָל אויך האַס קעגן די יידן, וואָס באַהערשן יעצט כמעט די גאַנצע אַראַבישע באַפעלקערונג, אויך די יעניקע, וועלכע האָבן נישט אַנטייל גענומען אין די פּאָגראָמען. די דאָזיקע געפילן פון ראַסן-סאָלידאַריטעט זענען נאַטירלעך, אין די באַדינגונגען, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין א״י נאָך די געשעענישן. אויך מיר, וואָס מיר האָבן זיך זיכער נישט באַטייליקט אין קיין אויפשטאַנד און רעוואָלוציע-פּרואוו און וואָס מיר האָבן, אויב נישט בעת די געשעענישן, אָבער לכל הפחות אויף צומאָרגנס געזען די קליינע באַטייליקונג פון די אַראַבער — אויך מיר האָבן אין מאָמענט פון אונזער פאַרביטערטער אויפרעגונג פאַרזוכט דעם טעם פון פאַראַלגעמיינערן די שולד אויפן גאַנצן אַראַבישן ישוב. אַ פאַקט איז, אַז די געשעענישן האָבן נישט געטראָגן קיין אַלגעמיינעם מאַסן-כאַראַקטער, וואָס זאָלן זיך האָבן פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד.

די פּאָגראָמען זענען, אויסער אין עטלעכע נישט כאַראַקטעריסטישע אויסנאַמס-פאַלן, — נישט געווען געווענדעט קעגן דער רעגירונג. די גאַנצע פּראָפּאַגאַנדע פון אַראַבישן עקזעקוטיוו און זיינע זשורנאַליסטן קעגן ציוניזם און דער איר אונטערגעוואָרפענער ענגלאַנד, דער גאַנצער טאַרעראַם פון די קאָמוניסטן קעגן בריטישן אימפּעריאַליזם, זענען געווען אומזיסט און נישט געגעבן קיין פרוכטן. פאַרקערט: דער גרעסטער טרייבפאַקטאָר פאַר די פּאָגראָמען איז געווען דער באַוואוסטזיין, אַז „די רעגירונג איז מיט אונז״. די געשעענישן האָבן אַלזאָ נישט געטראָגן קיין פּאָליטישן כאַראַקטער.

און אויך נישט קיין סאָציאַלן כאַראַקטער. די ברייטע אַראַבישע מאַסן, די קליין-בורזשואַזיע, די פעלאַכן, די בעדואינער — אַלע יעניקע וועלכע האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די פּאָגראָמען — האָבן אויפגעהויבן זייער האַנט נישט קעגן די אַראַבישע פּריצים און די סאָציאַל הערשנדע עלעמענטן. אין די אויגוסט-געשעענישן איז נישט געווען צו מערקן קיין שום רמז פון אַ סאָציאַלן-אויפשטאַנד, אַפילו נישט אין אַ כאַאָטישער, נישט אָרגאַניזירטער און געגנצלעך אינסטינקטיווער פאָרם.

די פּאָגראָמען האָבן געטראָגן אַ אויסשליסלעך אַנטי-יידישן כאַראַקטער. הייסט דאָס, אַז די אַראַבישע מאַסן האָבן נישט דערקענט זייער אמתן פּאָליטישן „פיינט״. ד. ה. די ענגלישע רעגירונג און דערפאַר געווענדעט זייער צעשטערונגס-אימפּעט קעגן זייערע

„משרתים‟ ד. ה. קעגן די יידן? אַלע לאָזונגען פון די פּאָגראָמען — כּתל המערבי, מעטשעט, נקמה פאַר די מכלומרשט דערמאָרדעטע אַראַבער, און דאַן דאָס פאַרמעגן און לעבן פון די יידן, וואָס איז געוואָרן דער־קלערט אַלס הפקר — באַווייזן, אַז די געשעענישן האָבן אויך אין זייער אַנטי־יידישער ראַם נישט געטראָגן קיין פּאָליטישן, נאַציאָנאַלן אָדער סאָ־ציאַלן כּאַראַקטער. קיינער האָט נישט דערמאָנט פאַר און בעת די געשעע־נישן די באַלפור־דעקלאַראַציע, ציוניסטישע באַוועגונג, די אָרגאַניזירונג פון דער „דזשואיש איידזשענסי‟ אין ציריך, דעם ענגלישן אימפּעריאַליזם. דאָס איז אויך פאַרשטענדלעך: ווייל קיינער פון די פּאָגראָמשיקעס האָט נישט פאַרשטאַנען קיין ברעקל פון די דאָזיקע פּאָליטישע לאָזונגען. לויט דער מיינונג פון בן צבי איז דער יסוד פון די געשעענישן געווען „רע־ליגיע און בלוט‟, פאַרטיידיקונג פון רעליגיעזן כּבוד, וואָס איז קיינמאָל נישט געוואָרן אָנגערירט און נקמה פאַר בלוט, וואָס איז נישט געוואָרן פאַרגאָסן.

ווען ס'וואָלט אַנדערש געווען, וואָלטן די קריסטלעכע אַראַבער נישט געשטאַנען אין דער זייט בעת די געשעענישן, דאַן וואָלט זיך דער אימ־פּעט פון די אָנפאַלן באַזונדערס געווענדעט קעגן ציוניסטישן ווערק: תּל אביב, די קאָלאָניעס, דעם עמק. אין דערווירקלעכקייט זענען געפאַלן אַ קרבן די יידן פון חברון און צפת, יענע ישוב־פּונקטן וואָס זענען אָפּ־געווייסטן פון ציוניסטישן ווערק און ציוניסטישער באַוועגונג. יענע טיילן פון ישוב, וואָס וואוינען שוין אין לאַנד הונדערטער יאָרן און האָבן נישט קיין פאַרבינדונג מיט די בילוים, 4־טער עליה, ציוניסטישע קאָנגרעסן און חלוצים־באַוועגונג. אויך דער גאַנג פון די געשעענישן, דער אַרויסמאַרש פון מעטשעט אויף די ירושלימער גאַסן, אַ מין פּרוואו פעסטצושטעלן, צי די „רעגירונג איז פּאַקטיש מיט אונז‟ צי דאָס יידישע בלוט איז טאַקע באמת הפקר, און די אויסברייטערונג פון די פּאָגראָמען ערשט נאָך דעם טיילוויזן געלונגען פון דאָזיקן פּרוואו (דער רעגירונגס־באַפעל נישט צו שיסן!) באַווייזט, אַז ס'איז נישט געווען קיין אָפּענער און אַלגעמיינער אויפשטאַנד פון אַראַבישן פּאָלק קעגן ציוניזם און קעגן דער א״י־דיקער רעגירונג. אַלע יענע, וואָס האָבן צוגעשריבן די געשעענישן אַ פּאָליטישן כּאַראַקטער — צי זיי האָבן עס געטון אויס לייכטזיניקייט אָדער צוליב פּאַרויסבאַשטימטע כּוונות — ווייל זייער דאָקטרינע און וועלט־אָנשויאונג פאָדערן דאָס, אָדער צוליב בייזוויליקייט — אַלע די פעלשן דעם אמת, פאַרדרייען די ווירקלעכ־קייט און העלפן דעם מופטי און זיינע משרתים אין זייער בלוטיקן „בלאָף‟.

דערפאַר איז אויך פאַלש די מסקנא, אַז ס'איז נויטיק צו מאַכן אַ פּאָליטישן „קאָמפּראָמיס‟, וועמענס יסוד זאָל זיין אַזאַ סאָרט אָפּשאַצונג פון די געשעענישן, ווי זיי וואָלטן געווען אַ פּרוואו פון אַ פּאָליטישער, נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע, אַ אויסדרוק פון די אַנטיציוניסטישע געפילן פון

דער אַראַבישער באַפעלקערונג. ווען מיר וואָלטן אָנגענומען די דאָזיקע מסקנא, וואָלטן מיר, אָן יעדער אָביעקטיווער נויטווענדיקייט, להפוך צו די פאַקטן און פאָליטישער פאַרשטענדניש, באַשטעטיקט די ליגנט פון מופטי און אים געהאָלפן אין זיין פאָליטישער, פאַלשער שפיל. מיט אונזערע אייגענע הענט וואָלטן מיר דאַן געשאַפן די פאָליטישע גרונדלאַגע פון די פאָגראָמען, וואָס עס פעלט זיי יעצט. מיר וואָלטן דאַן געטון דאָס, וואָס דער מופטי אַליין האָט נישט געוואַגט צו טון, ווען ער האָט זיך אַנטזאַגט צו רעדן פאַר די מאַסן איבער דער אַנטיציוניסטישער אַראַבישער פאָליטיק, מיר וואָלטן דאַן געהאָלפן די פאָגראָם־אָרגאַניזאַטאָרן צו באַקומען זייער שכר פאַר די פאָגראָמען, מיר וואָלטן זיי דאַן אַזוי צו זאָגן איינגעלאַדן ווייטער צו גיין אויפן דאָזיקן דערפאָלג־פאַרשפרעכנדן וועג.

טרעפן זיך דען אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק צום ערשטן מאָל פאָגראָמען? האָבן ביי די פאָגראָמען אין רוסלאַנד אָדער רומעניען נישט געשפילט אָפטמאָל קיין ראָל קאָמפּליצירטע, נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע אָדער פאָליטישע טרייב־כּחות? טראָץ דעם איז קיינעם נישט איינגעפאַלן צו פאָדערן מאַכן פאָליטישע קאָמפּראָמיסן מיט די פאַרשוינען פון דער „שוואַרצער האַנט“.

זענען די געשעענישן אין א״י געווען בלויז יידן־פאָגראָמען און מערער נישט? אויך די דאָזיקע מיינונג איז פאַרשפרייט צווישן אונז, און יענע, וואָס האַלטן זיך אין איר, שטיצן זיך אויף אַלע יענע מאָטיוון וואָס רעדן קעגן „פאָליטישן אויפשטאַנד“ און ווייזן אָן אויף דער אייגנאַרטיקייט פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג. זיי דערמאָנען די לייכטזיניקייט, מיט וועלכער די אַראַבישע מאַסן זענען גרייט זיך וואַרפן צום רויב, ווען דאָס איז נישט פאַרבונדן מיט געפאַרן און שטראָפן. זיי דערמאָנען די אייגנטומס־באַגריפן פון די דאָזיקע מאַסן, וואָס באַטראַכטן אויך מאָראַליש פאַר הפקר אַלץ, וואָס איז אין דער ווירקלעכקייט געוואָרן הפקר. צוצונעמען אַ נישט געהיטע זאַך, איז נישט קיין גנבה. די יידן, זייער פאַרמעגן, פרויען און לעבן האָט די רעגירונג געלאָזן אויף הפקר, און דערפאַר איז דערלויבט זיי צו רויבן און זאָגאַר צו מאָרדן, (באַזונדערס, ווען זיי זאָלן האָבן באַליידיקט די רעליגיע אָדער פאַרגאָסן אַראַביש בלוט). דאָס אַלץ איז נישט קיין פאַרברעכן. אויך די אידיליע אין די באַציונגען צווישן יידן און אַראַבער פאַרן קריג איז נאָר אַ לעגענדע אין מויל פון גוטע מענטשן און אַ באַוואוסטזיניקער שקר אין מויל פון מופטי, וועלכער שטרעבט אויסצונוצן די דאָזיקע לעגענדע פאַר זיינע פאָליטישע צילן. אין אַלץ איז שולדיק די באַלפור־דעקלאַראַציע. אויך פאַרן קריג זענען די יידן געווען געצווונגען צו שיצן זייער פאַרמעגן און לעבן. אין קעגנטייל דער זיכערהייטס־צושטאַנד איז דאַן געווען פיל שלעכטער ווי א׳נטער דער ענגלישער הערשאַפט. אויך די געשעענישן פון חברון און צפת זענען

בשום אופן נישט פאַראײנצלט. די געשיכטע פון יידישן ישוב אין א״י, קען פיל ענלעכע פאַקטן. אַלזאָ: יידן־פּאָגראָמען, ווי זיי זענען שוין פיל מאָל פאָרגעקומען, אָן יעדער פאַרבינדונג מיט דער ציוניסטישער טעטיקייט און ציוניסטישער באַוועגונג און נישט מער. און דער מוסר השכל דערפון איז: דער מאַקסימאַל־מעגלעכסטער שוץ מצד דער רעגירונג און מצד די יידן זעלבסט, דאָס באַטראַכטן אונזער לאַגע ווי אויף אַ וואולקאַן, און צו דער לאַגע זיך צוצופאַסן.

די דאָזיקע אויפפאַסונג פון די געשעענישן איז פאַקטיש נענטער צום אמת ווי די „פּאָליטישע" אָפּשאַצונג. אָבער נישט קוקנדיק דערויף איז זי נישט ריכטיק, ווייל זי באַטראַכט נאָר די געשעענישן סטאַטיש, אָן היסטאָרישע פּערספּעקטיוון, און ווייל זי נעמט נישט אין באַטראַכט אײן פאַקטאָר, וואָס איז עלול צו געבן די פּאָגראָמען אַן אַנדערן כאַראַקטער, אויף יעדן פאַל אין דער צוקונפט פאַרן באַוואוסטזיין און דערציונג פון קומענדן דור. דער דאָזיקער פאַקטאָר באַשטייט אין דער פאָרבאַרייטונג פון די פּאָגראָמען, אין זייער אָנפירונג, אין פאַקט, וואָס מיט זיי האָט זיך באַנוצט אַ באַשטימטע גרופּע אַראַבער, וואָס האָט געהאַט אירע פּאָליטישע צילן און כוונות. די אויגוסט־געשעענישן זענען נישט אויסגעבראָכן פון זיך אַליין, זיי זענען נישט געווען קיין ספּאָנטאַנער און נאַטירלעכער אויסדרוק פון „פאָלקסצאָרן" פון די אַראַבער און אויך נישט פון זייער „בלוטדורשטיקייט". ס׳האָט ווער — דער מופטי פון ירושלים, דער אַראַבישער עקזעקוטיוו, און אפשר נאָך ווער — פאַרשטאַנען אויסצונוצן די לייכטקייט, מיט וואָס די אַראַבער זענען גרייט זיך אויפצוהויבן צו מאָרד און רציחות. פאַר דער פאַרטיידיקונג פון רעליגיע און בלוט־נקמה, ווען „די רעגירונג איז מיט אונז". ס׳האָט ווער פאַרשפּרייט ליגנערישע און אויפרייצנדע קלאַנגען. ס׳האָט ווער אויפגעהעצט די דערפער אַרום ירושלים, די אַראַבער פון חברון און צפת און אַנדערע ערטער און זיי באַפוילן אויסצוראָטן די יידישע באַפעלקערונג. די דאָזיקע מענטשן האָבן אויך אויסגעצייכנט געוואוסט, אַז דער מאַכמעדאַנישער רעליגיע דראָט נישט קיין געפאַר מצד די יידן און אַז דאָס אַראַבישע בלוט, פאַר וועמען מ׳האָט געדאַפט נעמען נקמה, איז בכלל נישט פאַרגאָסן געוואָרן. די דאָזיקע מענטשן זענען נישט געווען פאַרבלענדעט פון רעליגיעזן האַס. זיי זענען פּאָליטיקער, און זייערע שטרעבונגען און צילן זענען זיי געווען אַזוי ווייט אָפּגעריסן פון די אַראַבישע מאַסן, אַז זיי האָבן נישט געוואַגט, צו קומען פאַר זיי מיט זייערע פּאָליטישע לאָזונגען.

אָבער דאָס איז געווען נעכטן, דאָס איז נאָך היינט; אָבער דאָס הייסט נישט, אַז אַזוי וועט אויך זיין מאָרגן. וואָס עס קומט אונז היינט פאָר ווי אַ פּאָגראָם, קען מאָרגן אין באַוואוסטזיין פון יינגן דור ווערן אַ פּאָליטישע טאַט. דערויף זענען שוין היינט דאָ געווענדע סמנים. יענע אוואַנטוריסטן, וואָס האָבן פאַרן פּאָגראָם גערעדט איבערן יידישן אָנגריף

אויפֿן מעטשעט און איבער די 500 טויטע אַראַבער, רעדן היינט איבער דער באַלפֿור-דעקלעראַציע. די בויקאָט-באַוועגונג טראָגט צום גרעסטן טייל אַ דייטלעכן פּאָליטיש-נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. איצט איז נאָך נישט מעגלעך אָפּצולייקענען די פֿאַקטן און עפֿנטלעך אַרויסטרעטן פּאַרטייִדיקן די מערדער און זיי עפֿנטלעך צו קרוינען אַלס נאַציאָנאַלע העלדן (חוץ אין דער האַלטונג פֿון עטלעכע אַראַבישע אַדוואָקאַטן זענען געווען סמנים דערויף) אָבער נאָך אַ געוויסער צייט, נאָך דעם ווי די איינצלהייטן פֿון די פּאָגראָמען און זייערע סבות וועלן שוין זיין אַביסל פֿאַרגעסן, וועט אויך דאָס מעגלעך זיין. די אידעאַליזירונג פֿון די מערדער און רויבער איז אין דער נאַציאָנאַלער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אַ טאָג-טעגלעכע דערשיינונג. רציחות און מאָרדטאַטן דינען אָפּט אַלס אַ באַזונדער, איינדרוקספֿול דערציונגס-מיטל ביי אַ פּרימיטיוו פֿאָלק. די פֿאַנטאַזיע פֿון פֿאָלק פֿעלשט בפֿיון די ווירקלעכקייט און פּוצט איר אַרום מיט פֿאַרשידענע לעגענדעס. אויף אַזעלכע וועגן ווערט דערצויגן אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג, באַזונדערס דאַן, ווען ס'איז דאָ אַ געוויסלאָזע גרופּע מענטשן, ביי וועמען ס'איז כשר יעדעס מיטל און איז גרייט צו גיין אויף יעדן וועג, מעג ער זיין ווי פֿאַלש און גרויזאַם, מענטשן, וועלכע פֿירן אָן מיט דער נאַציאָנאַלער פּראָפּאַגאַנדע און אין וועמענס הענט עס געפֿונט זיך די דערציונג פֿון פֿאָלק.

ווען מען וויל סכעמאַטיש סקיצירן די אויגוסט-געשעענישן (און ווייל זי איז סכעמאַטיש — מוז עס זיין נישט פֿאַרפּלאָקאָמט), דאַן קען מען, שיינט מיר, זאָגן דאָס פֿאָלגנדע: די פּאָגראָמען זענען געוואָרן אָרגאַניזירט צוליב נאַציאָנאַל-פּאָליטישע צוועקן דורך רעליגיעזער העצע און דורך פֿאַרשפּרייטן די מיינונג, אַז די יידן זענען הפֿקר, און אַז „די רעגירונג איז מיט אונז". און אויב אַזוי דאַרפֿן ווערן באַצייכנט די געשעענישן, דאַן הייבט אויך אָן קלאָרער ווערן די אויפֿגאַבע פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג און ציוניסטישער באַוועגונג אין דער נייער סיטואַציע, וואָס איז געוואָרן געשאַפֿן נאָך די געשעענישן. מיר טאָרן נישט דערלויבן, אַז ס'זאָל ווערן געלייגט אַ בריק צווישן דעם מיטל — רעליגיעזע העצעס און צווישן דעם נאַציאָנאַל-פּאָליטישן צוועק, מיר טאָרן נישט אָנערקענען, אַז אַ ליגנערישע דערציונג, מאָרד- און רויב-טאַטן קען אַרויסרופֿן נאַציאָנאַלע העלדנטאַטן, אַז דער שקר, וואָס איז דער יסוד פֿון דער אַראַבישער „באַוועגונג", אין גאַנצנפּיסלעך זאָל ווערן אַ אמת פֿון דער אַראַבישער באַוועגונג אָן גאַנצן-פּיסלעך — און אַזוי ווי מיר קענען נישט לעזן די דאָזיקע אויפֿגאַבע דורך „פּאָליטישע קאָמפּראָמיסן", ווייל זיי באַשטעטיקן דעם דאָזיקן שקר, קענען מיר עס אויך נישט טאָן בלויז דורך דער זאָרג פֿאַר דער עפֿנטלעכער זיכערקייט פֿון יידישן ישוב.

2 אָקטאָבער 1929

דאָס געבאָט פון דער שעה

אויב ס׳איז ריכטיק מיין דעפינירונג פון די געשעענישן, וואָס זאָגט, אַז „די פּאָגראָמען זענען צוליב נאַציאָנאַל-פּאָליטישע צוועקן געוואָרן אָרגאַניזירט דורך רעליגיעזער העצע און דורכן פאַרשפּרייטן די מיינונג, אַז די יידן זענען הפקר״, דאַן מוזן מיר זוכן איינער נאָך דער צווייטער, צו באַזייטיקן די סבות, וואָס האָבן געבראַכט צום אויסדרוק פון די געשעענישן, קודם כל: די מיינונג, אַז די יידן זענען הפקר, אַז „די רעגירונג איז מיט אונז״ און אַז די יידן זענען נאָר אַ שוואַכע מינדערהייט, וואָס קען ווערן אָנגעגריפן, און ס׳דראָט נישט דערביי קיין שטראָף און געפאַר. צוליב דעם אַליין, כדי דאָס צו דערגרייכן האָבן מיר אַרויסגעשטעלט אונזערע אַלע פּאָליטישע פאָדערונגען אויפן געביט פון פּאָליציי, באַוואָפנונג און באַשטראָפונג. פאַר די מענטשן, וועלכע זענען געוואָרן דערמאָרדעט, איז נישטאָ קיין שום פאַרגעלטונג, פאַרן צעשטערטן יידישן ווערק ווילן מיר נישט קיין נקמה און נישט דערפאַר ברויכן מיר משפּטים און חרטה-דערקלערונגען, נאָר ווייל אָן דעם איז נישטאָ קיין זיכערקייט פאַר אונזער צוקונפט, ווייל ס׳וואָלט געבליבן ווייטער דער באַוואוסטזיין, אַז די יידן זענען הפקר.

אויפן געביט פון זיכערקייט, קענען מיר זיך — נאָך די געשעענישן — נישט צופרידנשטעלן מיט דער טעטיקייט פון דער רעגירונג און זיך אויף איר פאַרלאָזן. דאָס געפיל, אַז יידן זענען הפקר מוז אויסגעראָטן ווערן פון די אַראַבער און דורך די יידן זעלבסט. דאָ איז דער פּאָליטישער (אויסער דער מענטשלעכער) יסוד פון דער זעלבסט-פאַרטיידיקונג פון ישוב. די אַראַבער מוזן פאַרשטיין, אַז די יידן זענען נישט קיין שחיטת-פי. דאָרט, וואו זיי האָבן עס געוואוסט, האָט דאָס פיל בייגעטראָגן צו דער פאַרקלענערונג פון אומגליק.

נאָר, אויך דאַן ווען די רעגירונג וועט דערפילן אַלע אונזערע ווינטשן אויפן געביט פון זיכערקייט און ווען אונז וועט געלונגען בעסער אויסצוגעשטאַלטן אונזער זעלבסטפאַרטיידיקונג, דאַן האָבן מיר נאָר באַוויי-

זייטיקט אייגע פון סבות, וועלכע האָבן געפירט צו די געשעעענישן. די באַדינגונגען פון לאַנד — די בערג מיט זייערע היילן, די אַלטערטימלעך-אָריענטאַלישע פאָרם פון די שטעט, די נישט באַלויכטענע וועגן, די פאַרשפּרייטונג פון געווער צווישן די אַראַבער, די שכנהשאַפט פון די בעדואינער א. א. וו. האָבן נישט דערמעגלעכט אַ פולשטענדיקע זיכערקייט בלויז מיט דער הילף פון געווער. אַ פרידלעכע אַטמאָספער צווישן דער אַראַבישער באַפעלקערונג זיכערט בעסער דעם שלום, ווי פּאָליציי און באַוואָפנונג. מיר הייבן באַלד אָן צו באַטראַכטן אַזאַ רויקע אַטמאָספער פאַר עפּעס אוממעגלעכעס, פאַר אַ מין אילוזיע. די דאָזיקע פאָרשטעלונג איז אָבער אומבאַגרינדעט. אין די לעצטע יאָרן איז די אַטמאָספער אין לאַנד פאַקטיש געווען פרידלעך און דאָס האָט אונדז געגעבן די מעגלעכקייט צו פירן אַ פרידלעכע אַרבעט. מיר מוזן דערפאַר שטרעבן, זי ווידער איינצושטעלן, סיי פון שטאַנדפּונקט פון זיכערקייט, סיי צוליב דער דערציערישער ווירקונג אויפן יינגן אַראַבישן דור. דאָס דאָזיקע בילד — פון שטאַרקע פּאָליציייִשע כּחות, פון בריטישן מעשים-גרייטן מיליטער, פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס זאָרגן פאַר איר זיכערקייט (און פון דער דאָזיקער זאָרג האָבן אַלע געוואוסט און אַלע האָבן איר געפילט) — קען זער לייכט, מאַכן פון די אויגוסט-געשעענישן אַ אויסגאַנגספּונקט פון אַ נאַציאָנאַל-פּאָליטישער אַראַבישער באַוועגונג. מיר קענען זיך נישט אַנטזאָגן פון דעם דאָזיקן בילד, ווי לאַנג און ווייל דאָס איז נויטווענדיק; אָבער מען טאָר אויך נישט פאַרמאַכן די אויגן אויף די נעגאַטיווע זייטן פון דער סיטואַציע.

די דאָזיקע נעגאַטיווע זייט האָט אויך אַ גרויסע באַדייטונג, אַרויסגייענדיק פון די אינטערעסן פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע. די טעאָריע, וואָס איז לעצטנס אַרויסגעשוומען אין די קרייזן פון ישוב, די טעאָריע פון „וואולקאַן“ וואָס האַלט, אַז די היינטיקע לאַגע פון „באַוואָפנטן שלום“ לאָזט זיך נישט ענדערן און אַז אונדז בלייבט נאָר איבער, זיך צוצופּאַסן צום דאָזיקן מצב, איז זייער געפערלעך. א „וואולקאַן“ קען צוציען דרייסטע נאַטורן; ער קען פאַרשטאַרקן די קרבנות-גרייטקייט און דעם מסירות הנפש פון די, וואָס זענען איבערגעגעבן דער זאַך; אָבער אויף אַ וואולקאַן בויט מען נישט לעדי-עד אַ בנין, וואָס איז באַשטימט פאַר אַ היים פאַר אַ גאַנצן פאָלק, און אין אַ גאַנץ פאָלק זענען אויך דאָ אַ סך, וועמען עס פאַרפעלט מוט צו זיין גרייט צו וווינען מיט פרוי און קינדער אויף אַ „ווולקאַן“. און על אחת כמה וכמה קען אַזאַ „ווולקאַן“ אָפּשרעקן, פיל פון יענע ציוניסטן און נישט-ציוניסטן, וועלכע באַטראַכטן ארץ-ישראל אין דער ערשטער רייע אַלס זיכערער מקום מקלט פאַרן יידישן פאָלק, און וועלכע געבן דעם פאָרצוג א"י צווישן אַנדערע לענדער, דערפאַר, ווייל זיי גלויבן אין דער זיכער-

קייט פון לאַנד. און נאָך עפּעס: אויך צווישן דער יידישער יוגנט אין גלות, וואָס שטייט אונז יעצט נאָענט, אָדער זי וועט עס זיין אין דער צוקונפט, וועלן זיך געפינען פיל, וועלכע וועלן צוליב דער דאָזיקער „ווולקאַן-טעאָריע" אויפסניי נעמען איבערקוקן דאָס פּאַלעסטינער פּראָבלעם און נישט צוליב פּחדנות, נאָר צוליב די פּסיכאָלאָגישע און אידעאָלאָגישע שוועריקייטן, וואָס אַנטשטייען, ווען מען שטעלט זיך פאָר דעם אויפבוי פון אַ יידיש היימלאַנד נאָר אונטער אומאויפהערלעכע קאַמפן (אָדער פּער-ספּעקטיוון פון קאַמפן) מיט דער אַראַבישער באַפעלקערונג.

דערפאַר זענען אונזערע פאָדערונגען: אַרויסרייסן דעם באַוווסטזיין, אַז די יידן זענען הפקר, און אַז די „רעגירונג איז מיט אונז", די זאָרג פאַר אַ געזונגנדער זעלבסטשוץ; אָבער דאָס אַלץ נאָר דערפאַר, ווייל מיר האָבן נישט קיין אַנדער ברירה, אַלס געבאָט פון דער שעה, און נישט אַלס יסוד פאַר אונזערע באַציונגען מיט דער אַראַבישער באַפעלקערונג.

דער צווייטער מאָמענט, וואָס האָט די אַראַבישע מאַסן געטריבן צום פּאָגראָם, איז געווען די רעליגיעזע הסתה. אין דער צוקונפט מוזן זיך די יידן זייער שטאַרק היטן, צו ליפערן אַזאַ סאָרט מאַטעריאַל. דאָס, וואָס איז געשען אין לאַנד וואָכן און חדשים פאַר די געשעענישן — די קאָנ-צענטרירונג פון דער אויפמערקזאַמקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אויף אַ רעליגיעזן שטרייט-פּונקט מיט די אַראַבער — טאָר נישט באַכאַמאָל געשען און באַזונדערס נישט אין אַזאַ אויבערפלעכער, שרייענדיקער, אומפּאָליטישער פאָרם, ווי ס'איז געווען דער פאַל אין זומער 1929, נישט באַריקזיכטיקנדיק די גייסטיקע אייגנשאַפטן פון אונזערע שכנים. פאָלקס-פאַרזאַמלונגען, התלהבותדיקע אַרטיקלען, גאַסן-דעמאָנסטראַציעס, פּוסטע באַרימעריי איבער אונזער פיזישער קראַפט („קאָמיטעט פאַרן כתל"), דאָס דאָזיקע גאַנצע קינדישע שפּיל, וואָס פאַרשאַפט נישט קיין כבוד דעם ישוב, טאָר זיך נישט איבערחזרן. ווען ס'איז אויך אמת, אַז דאָס מאָל איז דער קעגנשטאַנד פון דער הסתה געווען אַ רעליגיעזע פראַגע, הייסט דאָס נאָך נישט, אַז מאָרגן קען נישט אַרויסשווימען אַן אַנדער שטרייטפּונקט, וועלכער איז פאַר די הסתה ווייניקער באַקוועם און צו דער האַנט, איז אָבער עלול אויפצובונטעווען קעגן אונז די אַראַבישע מאַסן. דערפאַר: פאָרזיכטיקייט נישט נאָר אין רעליגיעזע פראַגן, נאָר אויך אין פיל פּאָליטישע און אויך „טאָג-טעגלעכע" לעבנס-פראַגן, וואָס פליסן אַרויס פון אונזער באַרירונג מיטן אַראַבישן ישוב. באַזונדערס איז פאָלקאָם נישט באַרעכטיקט און זיבלאָז יעדע אויבערפלעכלעכע גרינגשעצונג פון אַ גאַנץ פאָלק. דאָס פּסדרדיקע בולט מאַכן די פאַרשידענע שטופן, אויף וועלכע עס שטייען ביידע פעל-קער — אַ פאָלק פון הויכער קולטור, אַ אייראָפּעיש פאָלק קעגנאיבער אַ ווילדן אָדער האַלב-ווילדן מזרח-פאָלק, — די דאָזיקע פעסטשטעלונג, וואָס איז פאַרשפּרייט אין מויל פון אַ טייל פון אונזער ישוב, איז אַן איבערי-

קער לאַסט פאַר אונזער אַזוי אויך נישט לייכטער פּאָליטיק, און מ׳דאַרף נאָך גוט איבערלייגן זיך, אויף וויפיל אַט די כאַראַקטעריזירונג פון ביידע פע׳קער איז הונדערט פּראָצענטיק ריכטיק, ווי עס שיינט אייניקע פּראָפעסאָרן אונזערע. דאָס פסדרדיקע באַטאָנען פון דאָזיקן געדאַנק זאָגט שוין אַליין עדות פון אַ נישט באַזונדערס הויכן קולטור-ניוואָ.

דער אַלגעמיינער כּלל מוז זיין: ווען מיר ריידן אַרום אַ געוויסע פּאָליטישע פראַגע און איר לעזונג, מוז עס געשען דורכאויס זאַכלעך, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פאָלק, וואָס בויט זיין היימלאַנד און זעט אין דאָזיקן אויפבוי זיין אייגנטלעכע הויפּט-אויפגאַבע. מיר דאַרפן זיך היטן צו באַטראַכטן אויפבוי-פראַגן נישט פון שטאַנדפּונקט פון זייער פּראַקטישער באַדייטונג פאַרן אויפבוי, נאָר פון שטאַנדפּונקט פון נאַציאָנאַלן „פּרעסטיזש" אָדער נאַציאָנאַלן „סימבאָל". מ׳קען נישט אויפהויבן אַ סימבאָל צו דער באַדייטונג פון אַ לעבנס-וויכטיקער זאַך. אפשר האָט דאָס אַ זין ביי אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן געקעמפט פאַר זייער באַפרייאונג אונטער גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען, האָבנדיק אונטער זייערע פיס פעסטן באָדן, און אין געוויסע מאָמענטן האָט זיי מער נישט געפעלט ווי די „פאַרנאַנדערוויקלונג פון דער פאָן". איבעריקנס מוז דער דאָזיקער וועג אויך ביי אַנדערע פעלקער פירן צו אַנטאַרטונג. ביי אונז מוז מען עס לכתחילה אָפּוואַרפן. שטענדיק צו האַלטן, ווי פיל צווישן אונז זענען עס געוואוינט צו טון, אַז „פּרעסטיזש" און „סימבאָלן" זענען פאַר אונז אומבאַדינגטע נויטווענדיקייטן, כּדי צו דערוועקן ביי אונזער פאָלק די ליבע צום לאַנד און ציוניסטישער באַוועגונג, הייסט, אונטערשעצן דאָס פּאָליטישע פאַרשטענדניש פונם פאָלק. עס קען דאָך נישט זיין שווער אים קלאָר צו מאַכן, אַז די פאַרמערונג פון דער צאָל יידן אין לאַנד אויפן יסוד פון פּראָדוקטיווער אַרבעט, וועט מיט גרעסערער וואַרשיינלעכקייט פירן צו דער באַפרייונג פון פאָלק, ווי קאַמפן אַרום פראַגן פון פּרעסטיזש און סימבאָל.

פּאָליטישע פאָרזיכטיקייט אַליין איז נאָך אָבער נישט גענוג. אויך דאַן, ווען מיר וועלן די העצער נישט געבן קיין שום פּתחון פּה — וועלן זיי אַליין אים געפינען. מיר האָבן עס געזען ביי דער לעגענדע פון 500 דערמאָרדעטע אַראַבער אין ירושלים. אונזער אויפגאַבע איז אַלזאָ, צו שאַפן אַזעלכע באַציונגען מיט די אַראַבער, זיי זאָלן נישט גלויבן די דאָזיקע שקרים, אָדער ווייניקסטנס זיי ווייניק גלויבן. צום דאָזיקן צוועק מוזן מיר קודם-כּל קענען דאָס דאָזיקע פאָלק, וואָס וואוינט מיט אונז צוזאַמען אין איין לאַנד. אין דער ווירקלעכקייט איז אונזער אַראַבער-קענטעניש פּשוט דערשרעקנד. ווייניק יידן קענען זייער שפּראַך, זיטן און מנהגים. מיר אַלע, אָן אויסנאַם, ווערן געשפּייזט מיט לויזע באַגריפן, מיט מעשׂיות, מיט אָבערפלעכלעכער באַאָבאַכטונג, און מ׳דאַרף דערפאַר מיט זיכערקייט אָננעמען, אַז מיר האָבן נאָר אַ פעלערדאַפטע מיינונג איבערן דאָזיקן פאָלק.

מיר ווייסן פון אונזער גלות-דערפאַרונג, ווי נישט פאָלקאָם ס'איז דאָס אַריינדרינגען אין לעבן פון אַ פאָלק, אויב מ'קען נישט רעדן אין זיין שפראַך און די באַרירונג מיט אים איז נאָר אויבערפלעכלעך און שטיצט זיך נאָר אויפן האַנדל — קויף פון גרינס און אייער, פאַרקויף פון אינ-דוסטריעלע פראָדוקטן, באַשעפטיקונג פון אַרבעטער א. אַז. וו. וואָס ווייסן די דייטשן פון די מזרח-יידן, מיט וועמען זיי זענען בעת קריג געשטאַנען אין באַרירונג? וואָס זענען אַלץ די רוסן און פאָליאַקן נישט גרייט צו גלויבן איבער די יידן, וואָס וואוינען צווישן זיי שוין הונדערטער יאָרן? לייכטזיניק און קינדיש נעמען זיי אויף יעדן שקר און רכילות. זיכער איז אונזער פאַרשטענדניש פאַרן לעבן פון די אַראַבער און זייער פאַר-שטענדניש פאַר אונזער לעבן נישט טיפער. ס'איז זייער כאַראַקטעריסטיש, אַז בעת די אויגוסט-געשעענישן איז ביידע צדדים אין אַ גלייכער מאָס באַפאַלן דער פחד פון אויסראָטונג, און אַז נאָך די געשעענישן זענען אין ביידע לאַגערן אויפגעשוואומען לעגענדעס וועגן פאַרסמטע שפייזן. עמיצער מוז דאָך אָנהייבן זיך נעענטער באַקענען און פאַרשטיין די אַנדערע און צי פאַלט דען נישט אויף אונז די דאָזיקע אויפגאַבע, וואָס איז אונז נענטער צוליב אונזער אומגיין מיט פאַרשידענע פעלקער?

דורכדעם, וואָס מיר קענען נישט די אַראַבער, האָבן מיר זיך נישט נאָר אָפגעשניטן די מעגלעכקייט פון מענטשלעכער דערנענטערונג (אויסער פאָליטישע ופּוחים און האַנדלס-באַציונגען), נאָר מיר זענען אויך באַגאַנגען רעזולטאַטן-שווערע פאָליטישע פעלערן. נישט נאָר, וואָס מיר האָבן די אַראַבער נישט געקענט, נאָר מיר האָבן אויך נישט געוואוסט, וואָס געשעט ביי זיי, און דאָס איז נישט מוחל צו זיין. מיר מאַכן פאָרוואורפן דער רעגירונג, אַז זי האָט רעכטצייטיק נישט פאָרויסגעזעען דעם באַפאַרשטיי-ענדן אומגליק, און דאָס מיט פולע רעכט, אָבער מיר מוזן אויך זיך אַליין פרעגן: ווי אַזוי האָבן מיר אַליין עס נישט געוואוסט? ווי אַזוי איז עס געקומען דערצו, אַז „אונזער רעגירונג", דער ציוניסטישער עקזעקוטיוו, האָט גאָרנישט געוואוסט? אמת, אַז די מאָס פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז פאַרשידן, פאַרשידן זענען די מעגלעכקייטן פון זיין באַהאַוונט אין דער לאַגע און דערפאַר איז אויך פאַרשידן די מאָס פון דער שולד. אָבער אַלץ איינס, צי די שולד איז גרויס אָדער קליין, זי איז פאַראַן. ס'איז נויטווענדיק, אַז ס'זאָל שטיין אין אונזער רשות אַ באַשטימטער אַפּאַראַט, כדי מיר זאָלן מער-ווייניקער וויסן, וואָס עס געשעט ביי די אַראַבער, ס'איז אוממעגלעך, אַז צוויי פעלקער אין איין לאַנד זאָלן זיך צוזאַמענלעבן, און דאָס אויף אַזאַ אופן, ווי מיר שטרעבן עס, נעמלעך אין שלום און אייניקייט, און אַז איין פאָלק זאָל שמידן וואַפן און דאָס אַנדערע זאָל גיין שפּאַצירן און באַזוכן טעאַטער.

אויך מיט בלויזן קענען די אַראַבער, נישט אויסנוצנדיק דאָס קענען

וועט מען אויך ווייט נישט דערגיין. דאָס מוז ווערן אויסגענוצט, כּדי צו קריגן פריינט צווישן די אַראַבער. דורכן געדרוקטן וואָרט, דורך געשפּרעך פון מויל צו מויל, דורך אָרגאַנישע באַציונגען אין גרופּן, צייטונגען, שולן, שפּיטעלער, אַרבעטער-קראַנקן-קאַסע און „הדסה", באַגעגענונג צווישן ספּאָרט-פּאַריינען, וויסנשאַפטלעכע פאַך-פאַרבאַנדן (אינזשינערן, לערער, דאָקטוירים), ענגערע באַציונגען אין געמיינזאַמע האַנדלס-קאַמערן, דאָס פאַרטזעצן פון געמיינזאַמער אַרבעט אין די שטאָט-ראַט-פאַרוואַלטונגען (דאָרט וואו זיי האָבן עקזיסטענץ-רעכט ווי אין חיפה און אין אַ געוויסן זין אין יפו) די אַלע וועגן מוזן צוהעלפן אין אונזער אויפגאַבע. אמת, אַז די באַדייטונג פון ריין-מענטשלעכע באַציונגען צו די אַראַבער איז אין אונזער באַוואוסטזיין נאָך די געשעענישן פון חברון און צפת שטאַרק געזונקען. דער ביישפּיל פון סלאָנים און זיינע נאָענטע שטייט גרויזאַם פאַר אונזערע אויגן. איז בכלל דאָ אַוועלכע ס'איז האָפנונג, אַז דער ישוב אלס גאַנצער זאָל אין אַזאַ היכער מאָס קענען פאַרבינדן באַציונגען מיט די אַראַבער, ווי די דאָזיקע יידן פון חברון און צפת, וואָס זענען געבוירן געוואָרן און אויפגעוואַקסן צווישן די אַראַבער און זענען געווען זייערע טרייע וועגווייזער און פירער און אַלע משפּחה, געזעלשאַפטלעכע און האַנדלס-אָנגעלעגנהייטן? מיר טאָרן נישט לייגן אונזערע האָפנונגען אויף שלום מיט די אַראַבער, זיך שטיצנדיק אויף „מענטשלעכע באַציונגען", אויף אַזעלכע באַציונגען, וואָס זענען געווען צווישן סלאָנים און זיינע שכנים — זיינע מערדער. אָבער די ספקות דאַרפן נישט ווערן איבערגעטריבן. דאָס באַפרייען זיך פון „פריינדשאַפטס" אילוזיעס הייסט נאָך נישט, אַז די אָפּלייקנונג פון אויפהעצנדע שקרים אין דער פּרעסע איז אינגאַנצן נוצלאָז, און דאָס הייסט אַודאַי נישט, אַז מענטשלעכע באַציונגען מיט די אַראַבער זענען אינגאַנצן ווערטלאָז. פלאָנים און פיל זיינע נאָענטע זענען געוואָרן דערמאָרדעט — טראָץ דידאָזיקע באַציונגען, פיל זענען געוואָרן געראַטעוועט אַדאַנק די דאָזיקע באַציונגען.

די דאָזיקע אַרבעט פון דערווערבן ידיעות און קעגנזייטיקע באַקאַנטשאַפט טאָרן נישט בלייבן באַשרענקט בלויז אויף פּאַלעסטינע. די באַדייטונג פון די שכנותדיקע לענדער פאַר די געשעענישן אין לאַנד איז נישט קליין. אמת, אַז די מורא, מיט וואָס פיל צווישן אונז ווילן וועמען אָנשרעקן איבער דעם מכלומרשטן אויפשטאַנד פון גאַנצן מזרח, איז אין אַ היכער מאָס — אָדער צוליב אַ פריער געפאַסטער מיינונג, אָדער צוליב בייזוויליקע כונות — שטאַרק איבערגעטריבן. דערדאָזיקער „אויפשטאַנד" האָט געפונען בעת די אויגוסט-געשעענישן זיין אויסדרוק אין גאַסן-דעמאָנסטראַציעס, און, ווי עס שיינט, קליינע רויב-צוגן ביי דער צפון-גרענעץ פון לאַנד. די אַראַבישע סאָלידאַריטעט האָט ביז היינט נישט אָנגענומען קיין קאָנקרעטע פאָרם. די פינאַנסיעלע אונטערשטיצונג פון די מאַכמעדאַנער אין מזרח פאַרן אַראַבישן

עקזעקוטיוו איז געווען אויסערגעוויינלעך קליין, און וואָלט זיכער נאָך קלע-נער געווען, ווען ס'וואָלט נישט צוגעקומען דער מאָמענט פון רעליגיע. נישט קוקנדיק דערויף: איז עס אומנאַטירלעך און אין יעדער הינזיכט אומבאַ-רעכטיקט, אַז מיר זאָלן פירן אויפקלערונג און פראָפּאַגאַנדע אין ווארשע און ניו-יאָרק (דאָס זענען „אונזערע" שטעט און די שטיצפּונקטן פון אונ-זער כח), נישט נאָר אין לאָנדאָן (היינט אונזער פּאָליטישער צענטער) נאָר אויך אין רוים און פּאַריז, און די פּראָפּאַגאַנדע אין מזרח דערביי אינ-גאַנצן פאַרנאַכלעסיקן. אין דער דאָזיקער איבערגעטריבענער „אייראָפּעישער" באַפאָרצוגונג שטעקט אַ געוויסער „אָפּטישער פעלער". אַזוי ווי מיר זענען אַלע געקומען פון דאָרט, שיינט עס אונז, אַז דאָרט ליגט דער צענטער פון אונזער וועלט, אויך נאָכדעם ווי אונזער וועלט איז געוואָרן פאַרפלאַנצט אין מזרח. ווען מען טראַכט דורך די געשעענישן אין זייער פּאָליטישן שפּיגל, און מען פרעגט זיך, וואָס האָבן אונז געגעבן די דאָזיקע אָנשטרענ-גונגען אין אייראָפּע, איז די תשובה נישט קלאָר און זי וואָלט אויך נישט געווען קלאָר, ווען די אַרבעט וואָלט דאָרט געווען סיסטעמאַטישער און אַקטיווער און זי וואָלט געבריינגט מער פּירות. וואָלט פאַר אונז אין פּאָ-ליטישער הינזיכט באמת געווען אַזוי וויכטיק, ווען די פּאַשיסטישע אָדער פראַנ-צויזישע צייטונגען וואָלטן איבער אונז געשריבן מיט גרעסערער אָנערקענונג? די פּאַריזער און רוימישע צייטונגען זענען נישט קיין אויסדרוק פון אונ-זער אייגענער קראַפט און דערפאַר וואָלט דאָס געוויכט פון זייערע סימ-פּאַטיען, ווען זיי וואָלטן אַפילו געווען, אין דער פּאָליטישער וועלט נישט געווען באַזונדערס גרויס. (די פּוילישע און אַמעריקאַנער פּרעסע איז אַ אויסדרוק פון אונזער קראַפט, דאָס הייסט אַ פּאָליטישער פאַקטאָר און דערפאַר זענען זיי ווירקלעך וויכטיק). אין רוים און פּאַריז אינוועסטירן מיר שטאַרקע כחות; אין קאַאירא, דמשק, בירות האָבן מיר גאָרנישט אָדער כמעט ווי גאָרנישט. דער דאָזיקער, פון אונז באַגאַנגענער, פּאָליטי-שער פעלער איז זער אַ שווער-וואָגיקער, ווייל אַ פריינטלעכע שטים פון עגיפּטן, סיריע און איראַק וואָלט געווען פאַר אונז אומפאַרגלייכלעך וויכ-טיקער ווי פון רוים אָדער פּאַריז. עס איז דאַכט זיך איבריק צו רעדן וועגן דער צוקונפט. ס'איז די פליכט פון יעדן פּאָלק, וואָס וויל לעבן אין פרידן, אין דער ערשטער רייע איינצואָרדנען די באַציונגען מיט די נאָענטסטע שכנים. אויך זאָלן מיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן: אונזער פּאָליטישער צענטער וועט נישט אייביק זיין אין לאָנדאָן.

נאָך עפּעס פאַרפליכטעט אונז צו פירן ציוניסטישע אַרבעט אין די לענדער פון נאָענטן מזרח (וואָלט איך נישט געקענט אונזערע באַגרענעצטע כחות, וואָלט איך מיך נישט באַגנוגנט מיט די „שכנותדיקע לענדער" און וואָלט צו זיי אויך צוגעגעבן אינדיע): נעמלעך די יידישע באַפעלקערונג אין די דאָזיקע לענדער. מיר האָבן פון דאָרט נישט באַקומען קיין שום הילף.

עס איז זאָגאַר דאָרט געשען עפּעס אַנדערש, אמת נישט גאַנץ קלאָר, אָבער עפּעס אַזוינס, וואָס קען אויסזען ווי אַ געוויכטע הילף פאַר אונזערע פיינט. מיט אַזאַ מצב טאָרן מיר נישט שלום מאַכן, סיי פון יידישן שטאַנדפּונקט (קיין יידישער באַפעלקערונגס-טייל טאָר נישט זיין מחוץ פון אונזער רעגעסאַנס-באַוועגונג) און סיי פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט.

דער פּועל יוצא איז נישט נאַטירלעך: „אַ סוף מיט דער ציוניסטישער אויסערן-פּאָליטיק אין רוים און פּאַריז”. דער פּועל יוצא איז: אָנגעשטרענגטע צ'יוניסטישע אַרבעט אין די מזרח-לענדער, וואו עס וואוינען די שטאַם-און גלויבנס-ברידער פון די פּאַלעסטינישע אַראַבער, אָבער אויך אונזערע ברידער, וועלכע וועלן אין דער צוקונפט בילדן אַ פּאָלישן צענטער, מיט וועמען מיר וועלן מוזן פאַרשטיין ווי צו לעבן.

באַזייטיקונג פון יעדער אויפהעצונגס-מעגלעכקייט, שאַפן אַזעלכע באַציונגען מיט די אַראַבער, וואָס זאָלן זיי באַשווערן צו גלויבן אין דער העצע, שטאַרקונג פון אונזערע הינטערשטע פּאָזיציעס, דאָס אַלץ זענען זיכערהייטס-פאָדערונגען, נישט וויניקער, ווי דאָס געווער פון דער ענגלישער רעגירונג און פון ישוב זעלבסט.

די פראַגע איז נאָר, צי ס'איז מעגלעך צו שאַפן פעסטע, פרידלעכע באַציונגען מיט די אַראַבער מיט דער הילף פון ריינמענטשלעכע מאָמענטן, צי די דאָזיקע אַ ביסל וואַקלעדיקע בריק וואָס איז אויסגעשטעלט אויף שנעלע ענדערונגען אין די באַציונגען צווישן אונז און די אַראַבער פירט אונז נישט צו נייע אַנטוישונגען, און צי מוז נישט ווערן געפונען אַ פיל זיכערער באַזיס פאַר דער עקזיסטענץ פון אונזער ישוב ביי דער זייט פון אַראַבישן ישוב.

11 אָקטאָבער 1929

געדאַנקען צו אַ אַראַבער-פּראָגראַם

I

די פּראָגראַמען זענען געוואָרן אָרגאַניזירט און אויסגענוצט פאַר נאַציאָנאַל-פּאָליטישע צוועקן; אויך דאָס פאַרפליכטעט אונז צו מאַכן געוויסע פועל-יוצאס. מיר קענען זיך נישט פאַרלאָזן ביים פעסטשטעלן אונזערע באַציונגען צו דער אַראַבישער באַפעלקערונג אויף פערזענלעכער פריינדשאַפט פון איינצלנע אַראַבער. מיר מוזן די באַציונגען פּאָליטיש אויסשטאַלטן, ד. ה. זיך שטיצן אויף באַשטימטע גרופּן אינערהאַלב דער אַראַבישער באַפעלקערונג.

כדי די פרידלעכע באַציונגען צווישן דער יידישער און אַראַבישער באַפעלקערונג זאָלן קענען באַזירן אויף פעסטע יסודות, מוזן זיי אויפגעבויט ווערן אויף „אַראַבישע" יסודות. די „מענטשלעכע באַציונגען", פון וואָס מיר רעדן, באַרירן דאָס „מענטשלעכע" אין אַראַבער, דעם מענטש אין אים און נישט דעם אַראַבער אין אים. כדי צו באַקומען אין לאַנד „אַראַבישע" שטיצפּונקטן איז נויטיק, אַז די יידישע קאָלאָניזאַציע אין לאַנד זאָל ברענגען די אַראַבער אַ סאָציאַלן נוצן. אמת, אַז די יידישע טעטיקייט האָט דעם לאַנד, אין גאַנצן גענומען, געבראַכט אַ אָנספּקדיקן, גרויסן נוצן, אָבער דאָס „לאַנד אַלס גאַנצעס" איז נישט קאָנקרעט, ווער פילט און ווער קען די דאָזיקע אַבסטראַקציע, וואָס ווערט אָנגערופן „מלוכה"? מערער פון אַלע קענען די רעגירונגס-באַאַמטע די ברכה, וואָס די יידן האָבן געבראַכט דעם „לאַנד אין גאַנצן גענומען", אָבער זיי היטן זיך. און זיי וועלן אין דער צוקונפט זיך אויסהיטן וועגן דעם אַ סך צו רעדן. ווען פּאַלעסטינע האָט אָפּגעצאָלט אירע חובות פון דער טערקן-צייט און די אויסגאַבן פון דער ענגלישער דעראָבערונגס-און אָקופּאַציע-צייט, וואָס האָט דערפון דער אַרצבער פון גאַס? ער האָט דאָך קיינמאָל אַפילו נישט געהערט פון די דאָזיקע התחייבותן, וואָס באַלאַסטן דאָס לאַנד. אויך דער,

װעמען עס גײט אָן מערער די זאַך, דער ענגלישער שטײַער־צאָלער, דערמאָנט זיך נישט גערן װעגן דעם און װיל זיך נישט דאָס לאָזן דערמאָנען. די גרױסע סומען, װאָס מיר האָבן אױסגעגעבן פֿאַרן באָדן, זענען גרעסטנטײלס אַרײַנגעפֿלאָסן אין די קעשענעס פֿון די עפֿענדיס, װאָס פֿיל פֿון זײ האָבן זאָגאַר אין לאַנד נישט געװױנט. דאָס יידישע גאָלד האָבן זײ גערן צוגענומען, אָבער אַ גערעכטע אָפּשאַצונג פֿון אונזער אַרבעט איז אונז דערפֿון נישט אַרױסגעקומען. פֿון אונזערע אײראָפּעישע געװױנהײטן האָבן אַרױסגעצױגן נוצן אױפֿן װעג פֿון נאָכמאַכן אונז, נאָר די אױבערשטע, זער דינע און אװדאי נישט די בעסטע שיכטן פֿון דער אַראַבישער אינטעליגענץ, אין די קרײַזן פֿון די עפֿענדיס. „הדסה" איז װאַרשײַנלעך געװען די אײנציקע יידישע אינסטיטוציע, װאָס האָט זיך געלאָזט פֿילן די מאַסן פֿון אַראַבישן פֿאָלק, ד. ה. דעם איבערװיגנדיקן טײל פֿון אַראַבישן ישוב. אָבער אױך די דאָזיקע באַרירונג איז מער אַלגעמײן־מענטשלעך, װי אײגנטלעך „אַראַביש".

דעם דאָזיקן װעג צום אַראַבישן ישוב מוזן מיר יעצט זוכן. מיר מוזן פֿון דער יידישער קאָלאָניזאַציע־טעטיקײט מאַכן אַ קװאַל פֿון סאָציאַלע נוצן פֿאַר די אַראַבער, ד. ה. מיר מוזן זוכן צװישן די אַראַבער אַ קאָלעקטיװן אָנשפּאַר, אַ אַראַבישן און נישט נאָר קײן אינדיװידועל־מענטשלעכן.

אין זעלבן מאָמענט, װען מיר שטעלן די דידאָזיקע פֿראַגע, שװימט אױף פֿאַר אונז אַ צװײטע פֿראַגע: װער זענען די אַראַבער, װאָס זאָלן ציען נוצן פֿון אונזער װערק? װײל דער אַראַבישער ישוב שטעלט דאָך מיט זיך נישט פֿאָר קײן גאַנצע אײנהײט, װעמענס אינטערעסן זענען אײנהײטלעך. מיר טאָרן זיך נישט לאָזן פֿאַרפֿירן דורך דער אין פֿלוג אױסזעענדער אײניקײט, װאָס הערשט יעצט אין אַראַבישן לאַגער, — אַ דערשײנונג, װאָס איז געבױרן מיט דער שעה און פֿאַרשװינדט מיט איר. די דאָזיקע אײנהײט שטײט אױך דאָרט װאו זי עקזיסטירט באַװאוסטזיניק — אין באַװאוסטזײַן פֿון די הערשנדע און אין באַװאוסטזײַן פֿון די אונטערדריקטע — אין קעגנזאַץ צו דער װירקלעכקײט, און די דאָזיקע װירקלעכקײט מוז סוף כּל סוף מנצח זײַן. װאָס ס'איז נוצלעך דעם עפֿענדי, ברענגט נישט קײן נוצן דעם פֿעלאַך און פֿאַרקערט. די ציוניסטישע באַװעגונג מוז זיך קלאָר מאַכן, אײדער זי גײט צו לײזן דאָס אַראַבער־פּראָבלעם, אױף װעלכן טײל אַראַבער זי קען זיך אָנשפּאַרן?

װען מיר באַטראַכטן די רעזולטאַטן פֿון אונזער אַרבעט אַרױסגײענדיק פֿון דאָזיקן שטאַנדפּונקט — װעמען האָבן מיר געבערענגט נוצן? — קומען מיר צו זער מאָדנע כּועל יוצאס. דאַן װײַזט זיך אַרױס, אַז כּמעט אַלע אַנטװיקלונגס־פֿאַקטאָרן און אַלע געדאַנקען־ריכטונגען אין לאַנד זײַט די לעצטע פֿאַר יאָר — די מאַנדאַט־רעגירונג, פֿון הערבערט סעמועל ביז

ליוק, אונזערע קאָלאָניזאַטאָרישע און פינאַנץ-אינסטיטוטן ביז צום „ברית שלום" — זענען געווען טעטיק באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק לטובת די עפענדיס, אַראַבישע באַאַמטע, לעוואַנטינישער אינטעליגענץ און דעם מופטי און זיינע אָנהענגער. די דאָזיקע שיכטן האָבן זייער שטאַרק פּראָפיטירט פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע, ענגלישער פאַרוואַלטונג, און פון דער ציוניסטישער אַרבעט. זיי זענען געוואָרן אַ פּאָליטישער פאַקטאָר, מיט זיי פאַרהאַנדלט מען, מען לאַדט זיי איין אַנטייל צו נעמען אין דער רעגירונג, מיט זיי רעכנט מען זיך, זיי גיט מען רעגירונגס-פּאָסטנס. פאַר זייערע אויגן שטייט דער ביישפּיל פון די יידן, וואָס דינט זיי אַלס אומ-זיסטע שולע, אָן שכר לימוד. אין זייערע טאַשן פליסט דאָס יידישע געלט און עס שיינט, אַז ס'זענען דאָ אויסזיכטן זיי זאָלן ווערן די בעלי בתים פון לאַנד. ענגלישע לאָרדן, גרויסע צייטונגס-באַזיצער און — אמת צוליב אַנדערע כוונות — דער „ברית-שלום" פאָדערן פון אונז, אַז מיר זאָלן העלפן די דאָזיקע עפענדיס איבערנעמען די מאַכט אין לאַנד. די דאָזיקע שיכטן פון אַראַבישן ישוב האָבן נישט עראָבערט דאָס לאַנד, נישט אין מיליטערישער, נישט אין קאָלאָניזאַטאָרישער חינזיכט. זיי האָבן פאַר דער אַנטוויקלונג פון לאַנד נישט מקריב געווען, נישט קיין לעבן, נישט קיין געלט. זיי האָבן גאָרנישט געטוען, כדי אויפצוהייבן אויף אַ העכערער שטופע די נידעריקע שיכטן פון פאָלק. זיי האָבן נישט געזאָרגט פאַר שולן און שפּיטעלער, פאַר פאָלקס בילדונג און גוטע יוגנט-ליטעראַטור, פאַר דער אינטענסיווירונג פון דער פעלאַכן-ווירטשאַפט און אויפהייבונג פון לעבנס-ניוואָ פון שטאָטישן אַרבעטער. פון יעדן שטאַנדפּונקט אַרויסגייענדיק, שטעלן זיי מיט זיך פאָר אַ רעאַקציאָנערע קראַפט. זייער בילדונג, מעג עס זיין אויבערפלעכלעך אָדער טיפער, קענען מיר דאָך נישט באַטראַכטן אַלס באַווייז פון סאָציאַלן פאָרטשריט אָדער אמתער מענטשלעכקייט. טראָץ דעם זענען עס געווען דוקא זיי, וואָס האָבן אין די לעצטע 10 יאָר אַריינ-געכאַפּט דאָס גרויסע געווינס און זיי זענען די קאַנדידאַטן אויף הערשן, — צוליב דער איינציקער סיבה, ווייל זיי האָבן געלט און זיי האָבן חוצפה גענוג... [sic]

שולדיק אין דער דאָזיקער סיטואַציע איז זיכער אין דער ערשטער רייע די יעצטיקע אַנטוויקלונגס-שטופע פון אַראַבישן ישוב אין לאַנד, אָבער אין אַ געוויסער מאָס איז דערין אויך שולדיק די רעגירונגס-פּאָליטיק און אויך אונזער אייגענע פּאָליטיק. באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק, אָפן אָדער געהיים, האָט עקזיסטירט אין לאַנד אַ אַראַבישע פּאָליטיק, און די מאַנדאַט-רעגירונג, וואָס האָט נאָך זיך אויך אונז מיטגעשלעפּט, האָט זיך נאַטירלעך געזוכט אין אַראַבישן לאַגער אַ פּאָליטישן שטיץ-פּונקט. מען איז געגאַנגען אויפן דאָזיקן וועג, ווייל ער איז דער קורצערער, באַקוועמערער, און לייכטערער, ווייל ער פּאַסט זיך צו צו די אַלגעמיינע השגות, —

דער וועג פון ביליקן אָפּאָרטוניזם. מיט וועמען ס'איז מוז מען דאָך רעדן, מיט וועמען ס'איז מוז מען דאָך פירן פאַרהאַנדלונגען. קיינער פון די רעגירונגס-קרייזן און ווייניק צווישן אונז האָבן געוואָלט אויפדעקן דעם אמתן פּרצוף פון די דאָזיקע שיכטן, אַ פּרצוף פון סאָציאַלער און פּאָלי-טישער רעאַקציע (טראָץ זייערע דעמאָקראַטישע לאָזונגען). די רעגירונג האָט נישט געהאַט דעם מוט צו וואַרטן אַזוי לאַנג, ביז אין אַראַבישן פאָלק וועט אויפשטיין עמיצער, וואָס רעדט אין זיין נאָמען און טראָגט אַ אַנדע-רע פיזיאָנאָמיע, און דערווייל זאָל זי אויסאַרבעטן אַ טעטיקייטס-פּלאַן, וואָס פירט צו דער סאָציאַלער און דעמאָקראַטישער פּראָגרעסירונג פון לאַנד, אין קעגנזאַץ צו די אינטערעסן פון די רעאַקציאָנערע כחות. די קורצזיכטיקע און גאוחדיקע באַאַמטנשאַפט איז נישט געווען אימשטאַנד אויס-צופירן די אויפגאַבע, וואָס ענגלאַנד דאַרף דערפילן אין פּאַלעסטינע — אַ, לויט איר מהות, ציוויליזאַטאָרישע אויפגאַבע. די ענגלישע רעגירונג, באַ-זונדערס די קאָנסערוואַטיוון, האָבן נישט געהאַט קיין אינטערעס דערין. צו וואָס „אַרבעטן פאַר אַ גרויסן ציל", אונטערזוכן, פּרווון, זיך אָנשטרענגען, זיין ווירקלעך אַקטיוו און טעטיק, ווען ס'איז לייכט און באַקוועם, צו מאַכן מיט דער אַראַבישער עקזעקוטיווע אַ אָפּמאַך אויפן חשבון פון די יידן און פעלאַכן?

אַלס פּועל-יוצא פון דער דאָזיקער פּאָליטיק איז געקומען אין לאַנד צום רודער אַ רעאַקציאָנערער כח, וואָס איז מיט 10 יאָר צוריק געווען אומבאַדייטנד, און וואָס איז איצט גלייכבאַרעכטיקט צו רעדן אין אַ גאוהדיקן טאָן.

עד כאן — פון שטאַנדפּונקט פון גאַנצן לאַנד. און פון שטאַנדפּונקט פון דער יידישער באַפעלקערונג און ציוניסטישער באַוועגונג, איז אונז אויסגעוואַקסן אַ שונא אויפן לעבן. יענע קליינע צאָל יחידים אין אַראַ-בישן ישוב, מיט וועמען מיר זענען געקומען אין באַרירונג, וואָס האָבן געצויגן דעם הויפּט-נוצן פון אונזער אַרבעט, זיי זענען עס יענע, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט און אויפגעהעצט קעגן אונז די מאַסן. זאָל ווערן פאַרט-געזעצט די דאָזיקע פּאָליטיק פון אונטערשטיצן די רעאַקציע, וואָס העלפט איר צו ווערן אַ פּאָליטישע מאַכט, דאַן וועלן מיר נישט געפינען דעם וועג צום שלום. וואָס גרעסער מיר וועלן זיי מאַכן, אַלץ מער וועלן שטייגן זייערע שטרעבונגען און פאַרלאַנגען. אַ עקאָנאָמישער און סאָציאַלער שלום-אָפּמאַך מיט זיי איז מעגלעך נאָר אויפן יסוד פון אונטערדריקן און עקס-פּלואַטירן די אַרבעטנדיקע מאַסן. נאָר די דאָזיקע אַרבעט פאַרשטייען זיי צו מאַכן בעסער פאַר אונז, ווייל דערצו זענען מיר גאָרנישט פעיק. נאָך בעסער: ס'איז אַן אָפענער סוד — און די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג האָט עס זייט לאַנג געוואוסט, — אַז דער האַס פון די דאָזיקע קרייזן קעגן אונז איז באַגרינדעט אויפן ריכטיקן געפיל, אַז מיר זענען יענער

כח, וואָס גראָבט אונטער זייער הערשאַפט איבער די אַראַבישע מאַסן, ס׳איז בשום אופן נישט קיין צופאַל, וואָס די דאָזיקע קרייזן — אין פלוג ראַדיקאַל-נאַציאָנאַלע, אין פלוג גליענדע דעמאָקראַטן און אָנהענגער פון „זעלבסטבאַשטימונגס-רעכט פון אַראַבישן פאָלק״ — פאָדערן נישט די באַזייטיקונג פון דער ענגלישער הערשאַפט איבערן לאַנד און אויך נישט די אָפּשאַפונג פון מאַנדאַט, נאָר פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע און קאַמף קעגן ציוניזם. ווייל אין דערווירקלעכקייט זענען זייערע אויפגאַבן נישט געשטיצט אויף דער פרייהייט, נאָר אויף די פאַרטזעצונג פון זייער הערשאַפט איבער די מאַסן. צוזאַמען מיט דער ענגלישער רעגירונג, וואָס האָט פאַקטיש נישט קיין אינטערעס דערין, האָבן זיי צו געפונען אַ געמיינזאַמען וועג; אָבער מיט דעם פון נאַטור-אויס פּראָגרעסיוון ציוניזם, וואָס איז לויט זיין וועזן אַ פרייהייטס-באַוועגונג, — מיט אים לאָזט זיך נישט געפינען קיין געמיינזאַמען וועג. אַלזאָ: דער ציוניזם איז דער פיינט.

אַ פּאָליטישער אָפּמאַך מיט די דאָזיקע קרייזן איז אוממעגלעך. נישט מאַכנדיק דערביי אַזעלכע ותּורים, וואָס טרעפן אין האַרץ פון דער באַוועגונג, ווייל ווייניקער ווי מיט דער פולער הערשאַפט איבערן לאַנד וועלן זיי זיך נישט צופרידנשטעלן און זיי קענען אויך נישט, לויט זייערע אַבזיכטן און אינטערעסן, זיך צופרידנשטעלן מיט ווייניקער. זיי פאַרשטייען זייער גוט, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג און איר הערשאַפט איז שעדלעך אַלס אַזעלכע, און זיי מוזן זיך באַמיען צו דערשטיקן די דאָזיקע באַוועגונג. איצט שיינט זיי, אַז דאָס וועט זיי געלונגען מיט דער הילף פון דער „נאַציאָנאַלער רעגירונג״. אָבער ווען ס׳זאָל זיך ארויסשטעלן, אַז דאָס דאָזיקע מיטל איז צוליב אַ וועלכע ס׳איז סיבה נישט צוועקמעסיק, וועלן זיי זיך נישט אָפּשרעקן זיך צו נעמען צום זעלבן מיטל פון פּאָגראָמען, מיט וואָס זיי האָבן זיך באַנוצט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק. אין „פּאַרלאַמענט״ אָדער מחוץ דעם „פּאַרלאַמענט״ וועלן זיי אונז שאַרף באַקעמפן.

בדרך כּלל: ס׳איז נישט געקומען די צייט פאַר אַ פּ אָ ל י ט י ש ן אָפּמאַך מיט וועמען ס׳איז, טיי מיט די אָנהענגער פון אַראַבישן עקזעקוטיוו, אָדער מיט אַנדערע פאַרטרעטער פון די אַראַבער אין לאַנד. און דאָס נישט דערפאַר, ווייל די יידן זענען ביז היינט נאָר אַ מינדערהייט אין לאַנד, נאָר ווייל דער דאָזיקער אָפּמאַך קען נאָר דערגרייכט ווערן אין אַ ברייטערע פּאָליטישער ראַם ווי פּאַלעסטינע אַליין. און די דאָזיקע ברייטע ראַם עקזיסטירט נאָך נישט. ווי ס׳זאָל אויסזען די דאָזיקע ראַם — צי ווי אַ „פעלקער-בונד״ פון דער בריטישער אימפּעריע, אָדער אַ „אַראַבישע פעדעראַציע״ — איז נאָך איצט אוממעגלעך פעסטצושטעלן. עס מוז אָבער זיין קלאָר, אַז דאָס אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעם, וואָס הייסט פּאַלעסטינע, קען נישט ווערן געלעזט בלויז בליקנדיק פון פּאַלעסטינישן אויסקוק-טורם

צווישן אונז און די — היינט צווישן די אַראַבער — הערשנדע שיכטן, עקזיסטירן אינטערעסן-קעגנזאַצן און דערפאַר איז אפשר מעגלעך — מיט דער הילף פון „קליין-פּאָליטיק" — אויפקלערונג, מענטשלעכע באַציונגען — צו דערגרייכן עפּעס ביי יחידים, אָבער דעם אַראַבישן כּלל וועלן מיר נישט קענען געווינען, ווי לאַנג ער איז פאַרטרעטן דורך די עפענדי-שיכטן. און דידאָזיקע קרייזן קענען נישט זיין קיין שטיצע פאַר אונזער אַרבעט. אויך דאַן, ווען מיר וואָלטן געוועזן גרייט צו פאַרראַטן דעם גייסט פון אונזער באַוועגונג. און שליסן אַ אָפּמאַך מיט די דאָזיקע קרייזן אויפן יסוד פון סאָציאַלע רעאַקציע און סאָציאַלע אונטערדריקונג, אויך דאַן וואָלטן מיר דערפון נישט געהאַט קיין גרעסערן, לאַנגדויערנדן געווינס. פאַרקערט — מיר וואָלטן דאַן מיט אונזערע אייגענע הענט אַרויפגעשלעפּט אויף אונזערע קעפּ אַ מוראדיקע קאַטאַסטראָפע אין דער צוקונפט, אין טאָג פון משפט איבער זייער הערשאַפט. און איז דען מעגלעך אַ רגע צו צווייפלען, אַז זי וועט ווערן איינגעבראָכן?

אַ פאַרטזעצונג פון דער דאָזיקער אַראַבער-פּאָליטיק, וואָס איז מצד דער רעגירונג: די אויסדריקלעכע אונטערשטיצונג פון די עפענדיס און מופטיס און מצד דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע די פשרה מיט יענע קרייזן און דאָס צופּאַסן זיך צו זייערע אינטערעסן, — וועט פאַר אונזער אַרבעט האָבן אַ פאַטאַלע באַדייטונג, ווייל דערמיט וועלן ווערן געשטאַרקט די פיינט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס זענען אויך די פיינט פון די אַראַבישע מאַסן און פון סאָציאַלן פאָרשריט אין לאַנד. ס'איז נאָך זעלבסטפאַרשטענדלעך, וואָס אין ענגלאַנד געפינען זיך קרייזן, וואָס זענען מסכּים צו אַזאַ פּאָליטיק, — וואָס גייט זיי אָן די צוקונפט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג? אָבער דער פאַקט, אַז אויך אין דער ציוניסטישער באַוועגונג געפינען זיך אָנהענגער פון אַזאַ פּאָליטיק, לאָזט זיך נאָר דערקלערן דורך דער מערקווירדיקער גרייטקייט, שטענדיק, אין יעדן פאַל זיך צו בייגן פאַר יעדער מאַכט, ווי זי זאָל נישט אויסזען, און יעדן שונא, ווער ס'זאָל נישט זיין, נישט אַריינטראַכטנדיק זיך צוליב געדאַנקען-פוילקייט אין די רעזולטאַטן פון אַזאַ סאָרט פּאָליטיק — מענטשן, וועלכע באַגנוגענען זיך מיט די ווערטער „דעמאָקראַטיע" און „פּאַרלאַמענט", נישט באַמיענדיק זיך צו אונטערזוכן דעם אינערלעכן סאָציאַלן און מענטשלעכן אינהאַלט פון די ווערטער. און באַזונדערס איז שווער צו פאַרשטיין, ווען מען פאָדערט פון אונז ותורים לטובת אַ פעאָדאַלן, רעאַקציאָנער-פּאַראַזיטישן קלאַס, נישט נאָר צוליב פּאָליטישע מאָטיוון, נאָר אויך עס באַגרינדנדיק מיט מאָראַלישע מאָטיוון.

אָבער דאָס אָפּזאָגן זיך פון דער אַלטער פּאָליטיק הייסט נאָך נישט זיך אָפּזאָגן פון יעדער אַראַבישער פּאָליטיק. אַפילו ווען מיר וואָלטן דאָס וועלן טוען, וואָלטן מיר עס אויך נישט געקענט. ווען מיר וואָלטן גע-

גלויבט, אז מיר קענען זיך באגנוגענען מיט פראקלאמאציעס איבער אונזער שלום-גרייטקייט און מיט קאנגרעס-באשלוסן, וואלט דאס נישט געווען מער ווי א זעלבסט-נארעריי. מיר פירן דורך אין לאנד א גרויסע ארבעט, וואס העלפט מיט אנטשיידן דעם גורל פון לאנד, און אונזער יעדער טריט, מעג ער פאר אונז נאר זיין וויכטיק כלפי פנים, שטעלט מיט זיך פאר פאקטיש אין דער אדער יעדער היגזיכט אויך א שריט פון אונזער אראבער-פאליטיק. דורך אלץ וואס מיר טוען — שטארקן מיר עמיצן און מיר שוואכן אפ עמיצן. על פי רוב גיבן מיר זיך נישט אפ קיין דין וחשבון דערפון, און מיר באצייכנען מיט „אראבער-פאליטיק" אויסשליסלעך פאר-האנדלונגען מיט אראבישע פאליטיקער, אויפקלערונגס-ארבעט, געוויסע פאדערונגען פון דער רעגירונג. אין דערווירקלעכקייט שרייבט מען צו אין דער „אביעקטיווער וועלט" א ענטשיידענע באדייטונג גאנץ אנדערע זאכן. אין דער דאזיקער אביעקטיווער וועלט, וואס איז כאאטיש, אנארכיש, און איז צוזאמענגעשטעלט פון פיל באזונדערע, נישט אין צוזאמענהאנג שטייענדע טאטזאכן, מוזן מיר אריינברענגען קלארקייט. מיר מוזן קודם כל אונז אליין זיך קלאר מאכן, ווי מיר מיינען צו רעגולירן אונזערע באציונגען מיט דער אראבישער באפעלקערונג, אויף וועלכע כחות זייערע רעכענען מיר זיך צו שטיצן. דעם דאזיקן ענטפער מוזן מיר זיך אליין געבן, און נישט נאר פאר זיך אליין, די גאנצע פאליטישע און קולטור-וועלט, אויף וויפל זיי אינטערעסירט זיך מיט אונזער אויפבוי-ווערק און גורל אין לאנד, די ענגלישע רעגירונג, אלע פאליטישע פארטייען און גרופן אין ענגלאנד, דער אינטערנאציאנאלער סאציאליזם, יעדע אייראפעישע צייטונג, יעדער פאליטיקער און אינטעליגענט, מיט וועמען מיר קומען אין קאנטאקט, — זיי אלע פאדערן פון אונז א תשובה.

די אונטערהאנדלונגען מיט די דאזיקע אלע, מערער אדער ווייניקער, וויכטיקע פאקטארן זענען שוין היינט שווער און זיי ווערן אלץ שווערער פון יאר צו יאר, אויב מיר וועלן זיך באגנוגענען מיט שילדערן אונזער באוועגונג, מיט בולט מאכן דעם ווערט פון אונזער ווערק פארן יידישן פאלק און זיין מענטשלעכע באדייטונג, אבער נישט געבן דערביי קיין ענטפער אויף דער פראגע, וואס מען רופט „אראבער-פראגע".

היינט-צו-טאג פאדערן נאר מיר אליין און די אויסערלעכע וועלט פאדערט פון אונז, מיר זאלן אויסארבעטן אונזער „אראבער פראגראם". די אראבער, ד. ה. יענע, וואס רעדן איצט אין זייער נאמען, פרעגן אונז נישט אפילו, צי מיר האבן אזא פראגראם. מיר זעען דערין א צייכן פון פאליטישן פאנאטיזם אדער אינערלעכע פארדארבנקייט פון דער אראבישער עפנטלעכקייט. און פאקטיש, מענטשן, וואס שטרעבן אונז אויסצוראטן, ווייל מיר שטערן זיי אין זייער הערשאפט, האבן אויך גארנישט וואס צו פרעגן; אזוי באקעמפן אונז מענטשן, וואס האבן נאר אין זינען זייער פריוואט-

אינטערעס און זוכן עס נאָר דאָרט, וואו זיי קענען עס געפינען, היינט ביי אונז, מאָרגן ביי אונזערע פיינט. אָבער, ס'וועט אויפוואַקסן אַ נייער אראַבישער דור — פיליכט וואַקסט ער שוין אויף פאַר אונזערע אויגן, — וואָס וועט זיך אויפהויבן קעגן דער דאָזיקער היינטיקער פאַרדאָרבענער אַראַבישער עפנטלעכקייט. ער וועט אויסדריקן זיין עמפערונג קעגן דער פעאָדאַלער פאַראַזיטישער רעאַקציע און ער וועט זיך אויסזוכן אייגענע וועגן און פאַרבינדעטע. ער וועט זיך אויך ווענדן צו זיינע שטאַם-ברידער אין אַנדערע לענדער. ער וועט קומען צו דער ענגלישער רעגירונג און ענגלישער עפנטלעכקייט און וועט אויך קומען צו אונז — דאָס איז אונזער האָפנונג, דער דאָזיקער יינגער, ערלעכער אַראַבער מיטן ריינעם האַרץ — דער שילער פון אוניווערזיטעט, אַרבעטער, פעלאַך, האַנטווערקער — וועט אונז פרעגן: איר פאָדערט פון מיר, אַז איך זאָל זיך טיילן מיט אייך דאָס לאַנד און כ'וואָלט דערצו אפשר גרייט געווען, אַז דאָס דאָזיקע לאַנד זאָל פאַקטיש, נישט נאָר אין דער פאַנטאַזיע און אין געבעט, ווערן דאָס היימלאַנד פון די יידן; נאָר-וואָס ווילט איר מיר געבן דערפאַר, וואָס זענט איר מיר גרייט צו געבן פאַר דער דאָזיקער צושטימונג, אויסער וואָס איר טרוקנט זומפן, אויף וועלכע עס באַזעצן זיך אייערע מענטשן, אויסער וואָס איר דעקט די ענגלישע רעגירונג די קאָסטן פון איר אָקופאַציע, און אויסער, וואָס איר האָט מיט דער הילף פון אייער גאָלד קינסטלעך געפלעגט די אַראַבישע רעאַקציע און דאַדורך פאַרגרעסערט די קנעכטשאַפט פון מיין פאָלק?

מיר זענען פאַרפליכטעט צו געבן אַ תשובה אויף דער דאָזיקער פראַגע. ביי אָט דעם יינגערמאַן, וואָס איז היינט אַ קינד, אַ שטומער עדות פון די שווערע געשעענישן- וואָס שפיגלען זיך אין זיין באַוואוסטזיין אָפּ אַנדערש ווי אין אונזערן, ביי אים און ביי יענע, וועלכע וועלן גיין נאָך אים, און נישט ביי די עפענדיס און מופטיס — ליגט די צוקונפט פון לאַנד. זיי זענען דער איינציקער אמתער שטיצפונקט, אויף וואָס מיר קענען רעכענען. ווען מיר האָבן נישט קיין ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס דער דאָזיקער דור וואָלט געווען גרייט אָנצונעמען, דאַן דאַרף מען זיין מסופק, צי דער דור וועט זיין גרייט מיט אונז צו שליסן אַ פרידנס-בונד, ווי מיר וואָלטן עס געוואָלט טוען. נישט האָבנדיק פון אונז קיין אָננעמבאַרע תשובה, וועלן זיינע קענטענישן איבער די יידן זיין דער פאַרקריפלטער און פאַרפעלשטער אָפּקלאַנג פון די געשעענישן אין 1920—1921, און 1929, און דער נייער דור וועט נישט האָבן אַ ריין האַרץ, נאָר פאַרסמטע געפילן קעגן אונז, און ער וועט בכלל נישט קומען צו אונז, נאָר וועט זיך אָן וואַקלעניש און ספקות אָנשליסן אין אונזערע שונאים. וואָס פאַראַ אָרט וועלן פאַרנעמען די יידן-פאָגראָמען פון אויגוסט 1929 אין זייער היסטאָרישער אַנטוויקלונג אין באַוואוסטזיין פון יינגן אַראַבישן דור? וועלן די געשעענישן זיין דער אויסגאַנגס-פונקט פאַר אַ נאַציאָנאַל-רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג

גונג, וואָס אונטערשיידט נישט צווישן פריינד און פיינט, פאַר וועמען די אַנטיילנעמער אין די פּאָגראָמען וועלן זיין נאַציאָנאַלע העלדן? אָדער גאָר אַ פאַרברעכן, וואָס איז געוואָרן אַנגאַזשירט פון די אונטערדריקער פון אַראַבישן פאָלק, פון דער אַראַבישער רעאַקציע, וואָס איז באַזאָרגט פאַר איר הערשאַפט און פּריווילעגיעס, אַ פאַרברעכן, אויף וואָס ס'איז נישטאָ קיין פאַרציַיונג, אַזוי, אַז די אויפגאַבע פון ייִנגן דור איז עס, ווען ער וויל דערגרייכן מענטשלעכע און סאָציאַלע פרייהייט, אַרויסצוררייסן דאָס שרעקלעכע און פאַרשעמנדע בלאַט פון דער געשיכטע פון אַראַבישן פאָלק, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט אומשולדיק בלוט? דער ענטפער אויף די פראַגן הענגט אָפּ אין אַ גרויסער מאָס פון אונז אַליין.

16 אָקטאָבער 1929

גערדאַנקען צו אַ אַראַבער-פּראָגראַם

II

צו וועמען געהערט דאָס לאַנד? דעם יידישן פאָלק און דער אַראַבישער באַפעלקערונג, וואָס וואוינט אין אים.

אָט די פאָרויסזעצונג מוז זיין דער יסוד פאַר דער ציוניסטישער און ענגלישער פּאָליטיק. דער ערשטער און צווייטער פּאַראַגראַף פון דער באַלפור-דעקלעראַציע שטיצן זיך אויף דער דאָזיקער פאָרויסזעצונג. דער מאַנדאַט גיט איבער דער לאַנדעס-רעגירונג די זאָרג פאַרן יידישן פאָלק, וואָס בויט אויף זיין נאַציאָנאַלע היים, און די זאָרג פאַר דער אַראַבישער באַפעלקערונג פון לאַנד, וועמענס רעכט עס טאָרן נישט ווערן באַעוולט און פאַר וועמענס אַנטוויקלונג זי דאַרף זאָרגן.

דער ערשטער פועל יוצא פון אָט דער פאָרויסזעצונג איז: אונטער-שטיצונג פון דער יידישער עליה. ווייל די נאַציאָנאַלע היים דאַרף נישט ווערן אויפגעבויט פאַר די יידן, וועלכע געפינען זיך שוין אין לאַנד, נאָר פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק; גלייכצייטיק באַשרענקונג פון יעדער אַנדערער איינוואַנדערונג, ווייל די אינערלעכע לאָגיק זאָגט, אַז די רעגירונג איז מחויב נאָר צו זאָרגן פאַר די אַראַבער אין לאַנד. אַ וואַקסנדע נישט-יידישע איינוואַנדערונג, וואָס גיט די מעגלעכקייט אַריינצוקומען אין לאַנד וואַנדערנדע בעדואינער אָדער אַנדערע ביליקע אַרבעטס-כּחות פון מצרים און סיריע און פיליכט פון נאָך וויטערע לענדער, מוז מאַכן צו נישט די אָנשטרענגונגען, אויפצובויען אַ יידישע נאַציאָנאַלע היים און איינצושטעלן שלום צווישן דער יידישער און אַראַבישער באַפעלקערונג. אָט דער שלום קען ווערן געשלאָסן מיט די הונדערט-טויזנטער אַראַבער, וואָס וווינען אין לאַנד, אָבער נישט מיט די הונדערט-טויזנטער, וואָס געפינען זיך אויסער די גרעניצן פון א"י, און זענען יעדע רגע גרייט אַריינצודריגגען אין לאַנד. דער היינטיקער צושטאַנד — פרייע נישט יידישע און באַ-גרענעצטע יידישע איינוואַנדערונג — איז אַ חוזק פון מאַנדאַט און זיין גייסט.

דער צווייטער פועל יוצא פון דער פּאָרויסזעצונג איז: ווען דאָס לאַנד געהערט ביידע פעלקער, דאַן איז נישט מעגלעך, אַז צווישן זיי זאָלן זיין אַזעלכע טיפע אונטערשיידן אין זייער לעבנס־ניוואָ.

אינערהאַלב פון דער יידישער באַפעלקערונג: שוועריקייטן פון לעבן און אַרבעט, אָבער אויך הויכע לעבנס־פאָדערונגען, סאַניטאַרע איינ־ריכטונגען, שולן, צייטונגען, ביכער, אָרגאַניזירטע אַרבעט, אייראָפּעאישע סאָציאַלע און מענטשלעכע באַגריפן, גלייכבאַרעכטיקונג פון דער פרוי, מאָדערנע אינדוסטריעלע טעכניק. אין זעלבן לאַנד, אין דער נאָענסטער שכנות: אָריענטאַלישער לעבנס־שטייגער, עפענדיס און מופטס, וואָס הערשן איבער פינסטערע מאַסן, עם־הארצות, שמוץ, קראַנקהייט, אונטערדריקונג פון דער פרוי, שקלאַפעריי אין די באַציונגען צווישן אַרבעטער און אַרבעטס־געבער, עלנד און אָרעמקייט. אויפן דאָזיקן באָדן קען נישט אַנטשטיין אַ אמתע שותפות און ווירקלעכע פאַרשטענדניש. דער דאָזיקער באָדן מוז שטענדיק ברענען אונטער די פיס, מוז זיין פול מיט האַס, אויב נישט רעליגיעזן, איז סאָציאַלן. אַ געמיינשאַפט וואָס איז אויפגעבויט אויף אַזעלכע שטאַרקע קאָנטראַסטן און טיפע ווידערשפרוכן, קען יעדע רגע ווערן אויפגעריסן און איבער נאַכט זיך פאַרוואַנדלען אין צוויי פיינדלעכע, זיך קעגנזייטיק האַסנדע און זיך באַקעמפנדע לאַגערן.

ווי אַרום איז מעגלעך אויסצוגלייכן, זאָל זיין ביסלעכווייז, די דאָזיקע ביידע באַפעלקערונגס־טיילן, און אויב ס'איז אַנדערש נישט מעגלעך כאָטש דערפירן צו אַ בערכדיקער אויסגלייכונג? צי דורך דער אַראָפּדריקונג פון אונזער לעבנס־ניוואָ? פאַקטיש האָבן מיר אים שוין אַראָפּגעזעצט. דאָס לעבן פון די אַרבעטער אין מושב אָדער אין דער קבוצה איז זער ווייט פון לעבן פון דייטשן פויער, און שטאָטישן אַרבעטער און פון ענגלישן אָדער גאָר אַמעריקאַנער אַרבעטער. מיר האָבן אַראָפּגעדריקט אונזער לעבנס־ניוואָ, אָבער דאָס איז נאָר מעגלעך ביז אַ באַשטימטער גרענעץ. ס'איז שווער צו בויען די יידישע היימאַט אויף אַ ווולקאַן, אָבער ס'איז אוממעגלעך עס צו בויען אויפן יסוד פון אַזוי אָרעמקייט און עלנד, וואָס הערשט צווישן דער אַראַבישער באַפעלקערונג. דער ציוניזם קען נאָר דאַן ווערן אַ מאַסן־דערשיינונג, אַ באַוועגונג פון הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען, ווען ער וועט שאַפן די באַדינגונגען, וואָס זאָלן דערמעגלעכן צו באַפרידיקן די באַדערפנישן, אויף וועלכע די יידישע מאַסן קענען נישט מותר זיין. דער דאָזיקער ניוואָ איז נידעריקער ווי דער פון דייטשן און טשעכישן פויער, פון ענגלישן און אַמעריקאַנער אַרבעטער, אָבער ער איז אויך זער ווייט פון לעבנס־ניוואָ פון די אַראַבישע מאַסן. דער שליסל צום אויסגלייך ליגט נישט אין אונזער ניוואָ־אַראָפּדריקונג. די אויפהויבונג פון לעבנס־ניוואָ פון די אַראַבישע מאַסן, דאָס מוז

זיין דאָס „אראבער־פראָגראם" פון דער ציוניסטישער באוועגונג.

איז דאָס מעגלעך? קען דאָס לאַנד ביי זיינע מעגלעכקייטן און פערספעקטיוון טראָגן אזא לאַסט? דער ביישפּיל פון דער יידישער באַ־פּולקערונג באווייזט, אז דאָס איז יאָ מעגלעך. דער זעלבער באָדן, די זעלבע ערד האַלט אויס אונז און די אַראַבער, און אונז ברענגט זי אַן אַנדערן רעזולטאַט: אונז דערמעגלעכט זי (אָדער וועט דערמעגלעכן — דאָס איז יעדנספאַלס דער יסוד פון אונזער גאַנצער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט און דערפאַר איז עס היינט פאַר אונז אַ אַקסיאָמע) די באַפרידיקונג פון אונזערע מאַטעריעלע און גייסטיקע באַדערפנישן. פאַרוואָס זאָל דאָס נישט זיין מעגלעך אויך ביי דער אַראַבישער באַפעלקערונג?

צוויי סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכע פאָרצוגן האָט די יידישע באַפעלקערונג (אויסער פערזענלעכע פאָרצוגן, ווי איניציאַטיוו, בילדונג א. אַ. וו.). זי איז פאַרפונדעוועט אויף אַ ברייטער פאָלקסטימלעכער באַזע. מיר האָבן נישט דערגרייכט צו אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט, אָבער ביי אונז עק־עקזיסטירט אויך נישט, אויך פון דער ווייטנס עפּעס ענלעכעס צו דער פעאָדאַל־ווירטשאַפט פון די אַראַבער. די דאָזיקע ווירטשאַפט איז אַ ענט־שיידנדיקער אבן נגף אויפן אַנטוויקלונגס־וועג פון דער אַראַבישער באַפעל־קערונג. אונזער צווייטער פאָרצוג איז דאָס פאַראַנען־זיין פון אַ באַטריבס־קאַפּיטאַל, אַ קלענער צי אַ גרויסער, פון די „חובבי ציון", באַראָן ראָטשילד, פּיקאַ, „קרן היסוד", „קרן קימת", שטענדיק אָבער אַ נאַציאָנאַלער אומזאַץ קאַפּיטאַל, מיט וועמענס הילף די קאָלאָניסטן הייבן אָן זייער אַרבעט און אונזערע אַרבעטער באַקומען, דירעקט אָדער אומדירעקט, אַ העכערן אַרבעטס־לוין ווי דער אַראַבישער אַרבעטער. אַזעלכע פאָרצוגן מוזן אויך געשטעלט ווערן אין רשות פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג.

אין דער ערשטער רייע: דער אומזאַץ־קאַפּיטאַל, די פינאַנסיעלע מיט־לען, וואָס זאָלן דערמעגלעכן די אַראַבער צו באַנייען זייער געזעלשאַפטס־אָרדנונג און שטעלן איר אויף אַ העכערן לעבנס־ניוואָ. ווער זאָל זיי געבן די דאָזיקע מיטלען? נישט די מאַנדאַט־רעגירונג. וואַרטן דערויף, וואָלט געהייסן נאַרן זיך אַליין. ס'וואָלט געווען אַ ברכה פאַרן לאַנד, ווען זי וואָלט אים אָוועקגעגעבן יענע סומען, וואָס זי ציט אַרויס פון אים. גרויסע סומען וועט מען יעדנפאַלס נישט קענען אַרויסציען פון איר טאַש, פון דער טאַש פון ענגלישן שטייער־צאָלער, לטובת די אַראַבישע מאַסן. זאָלן עס די יידן געבן? דאָס קומט פאָרלויפיק נישט אין באַטראַכט. מיר וואָלטן געווען זייער צופרידן, ווען די סומען, וואָס די יידן קענען און מוזן געבן, וואָלטן געסטייעט פאַר אונזער אייגענעם אויפבוי־ווערק. ביז איצט איז עס נישט געווען גענוגנד. אפשר וועט אין דער צוקונפט אַנדערש זיין, אויף מער קען מען דערווייל נישט האָפן. די מיטלען, וואָס זענען נויטיק אויפ־

צוהויבן דעם לעבנס-סטאַנדאַרד פון די אַראַבישע מאַסן, מוזן קומען פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג גופא. די אַראַבישע פריצים מוזן געבן די סומען. דער דאָזיקער נוצן, וואָס ס׳וועט באַקומען די אַראַבישע באַפעלקערונג איז פאַרבונדן מיט דעם צווייטן נוצן — די צעברעכונג פון דער פעאָדאַלער אָרדנונג. די דאָזיקע ביידע זאַכן בילדן איין סאָציאַלן פראָצעס: קאַמף קעגן די אויבערשטע שיכטן פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג, לטובת אירע אונטערשטע שיכטן.

ווער זאָל איבערנעמען די דאָזיקע אויפגאַבע? זי ליגט אויף צוויי כחות: אויף דער מאַנדאַט-רעגירונג און אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג.

די מאַנדאַט-רעגירונג מוז באַגרייפן, אַז אויפן גרונט פון דער שלעכטער אַדמיניסטראַציע, וועט זי — מעג זי אַליין זיין ווי מוסטערהאַפט און אין בעסטן אָרדנונג — נישט קענען דערפילן איר באַזונדערע אויפגאַבע, וואָס זי האָט איבערגענומען אין דאָזיקן איינציק-אַרטיקן לאַנד. זי מוז פאַרשטיין, אַז נישט האָבנדיק פאַרן אויג קיין באַשטימטן ציל, נישט דערפילנדיק טריי איר אייגענעם ציוויליזאַטאָרישן פּלאַן (און דאָס אין פולסטן ערנסט אוןווירקלעכקייט, נישט נאָר אויבערפלעכלעך) וועט זי נישט קענען אויספירן דעם איבערגענומענעם מאַנדאַט, אין זיינע צוויי גרונט-יסודות — אויפבוי פון דער יידיש-נאַציאָנאַלער היים און אַנטוויקלונג פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג. די ציוניסטישע באַוועגונג מוז פון דער צווייטער זייט פאַרשטייען, אַז זי קען נישט פאַרווירקלעכן איר אויפטוי אין אַ סביבה פון שקלאַפעריי און שטענדיקע ווירטשאַפטלעך-סאָציאַלע קאָנטראַסטן, און אַז די ביידע פּאַראַגראַפן פון דער באַלפור-דעקלעראַציע זענען נישט נאָר אויסערלעך, נאָר אויך אינערלעך, סאָציאַל, ווירטשאַפטלעך און מענטשלעך צווישן זיך ענג פאַרבונדן. יעדע פרידנס-באַוועגונג, זאָל זי קומען טיילווייז אָדער אינגאַנצן פון דער מאַנדאַט-רעגירונג, פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אָדער אויך פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג, וועט שטענדיק הענגען אין דער לופטן, וועט זיין „פּאָליטיש" און וועט זיך שטיצן אויף וואַקלענדיקע יסודות, ווי לאַנג ס׳וועט נישט ווערן פאַרשיט דער סאָציאַלער, ווירטשאַפטלעכער און קולטורעלער תהום צווישן די ביידע באַפעלקערונגס-טיילן. די דאָזיקע ביידע כחות, וואָס זענען פאַרינטערעסירט אין דער אויפהויבונג פון אַראַבישן לעבנס-ניוואָ, וועמענס ווערק — די פאַרווירקלעכונג פון מאַנדאַט און ציוניזם — איז פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער אויפהויבונג, מוזן זיך פאַרייניקן פאַר דער דערפילונג פון דער דאָזיקער אויפגאַבע.

צום אָט דעם צוועק זענען נויטיק ענערגישע און דרייסטע רעפאָרמען אויף אַלע געביטן פון לעבן. באַנייען דעם אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט און אים צופּאַסן צו די באַזונדערע פּראָבלעמען, וואָס רוקן זיך אַרויס אין א״י פאַר דער מאַנדאַט-רעגירונג. ענטלעכע אַרבעטן אין אַ ברייטער מאָס,

שולן און טעכנישע בילדונג (באַזונדערס לאַנדווירטשאַפטלעכע), שפּיטעלער און סאַניטאַרע איינריכטונגען, אַרבעטס-געזעצגעבונג, אָפּשאַפן די מוראדיקע עקספּלואַטאַציע, פון וואָס עס ליידט דער אַראַבישער ישוב, וואָס ווערט אין דער פּראַקטיק אונטערשטעצט פון דער רעגירונג; באַזונדערס קינדער- און פרויען-שוץ, ווי אויך די פעסטשטעלונג פון אַ מינימאַלן אַרבעטס-לוין, אַרבעטס-פאַרזיכערונג, סיסטעמאַטישע אונטערשטיצונג פון קאָאָפּעראַציע-וועזן אין אַלע אירע פאָרמען; שטענדיקע אָנשטרענגונגען אויפצוהייבן דעם לעבנס-ניוואָ פון די ברייטע מאַסן, און אויפשטעלן דעם רעגירונגס-ביודזשעט, אַנטשפּרעכנד צו די דערמאָנטע צילן. סיי זיין הוצאה, ווי דער הכנסה-טייל מוז זיין באַזירט אויפן יסוד פון דירעקטע און ירושה-שטייערן, באַזונדערס פון אַגראַר-באַזיץ.

דאָ שטייען מיר ווידער פאַר דער הויפּט-אויפגאַבע. דער יסוד פון דער פּאַלעסטינישער עקספּלואַטאַציע און נידריקן לעבנס-ניוואָ פון די מאַסן שטעלט מיט זיך פאָר דער אַגראַר-פעאָדאַליזם. זיין אָפּשאַפונג איז מעגלעך דורך אַ לאַנגזאַמען פּראָצעס פון ווירטשאַפטלעך-סאָציאַלער צע-ברעקלונג אָדער דורך אַ מאַסן-רעוואָלוציע, אָדער דורך דער אַגראַר-רעפאָרם. דער אינטערעס פון ציוניזם, פון לאַנד און פון דער רעגירונג פאָדערט די לעצטע לעזונג, וואָס ווערט דורכגעפירט דורך רעפאָרמען און נעמלעך (אין אַלגעמיינע שטריכן אָנגעמערקט): די פאַרצעלאַציע פון די שטחים, וואָס זענען נישט באַאַרבעט דורך זייערע בעלי-בתים. דער אַרענדאַטאָר, דער פעלאַך, באַקומט זיין טייל אויפן יסוד פון אַ אינטענסיווער ווירטשאַפט-חשבון, און דאָס איבעריקע פאַרבלייבט אַלס באָדן-רעזערוו פאַר די באַדערפענישן פון דער יידישער איינוואַנדערונג. דער דאָזיקער באָדן (נישט דער רעגירונגס-באָדן, נאָר דער באָדן פון די פריצים) ווערט די יידישע קאָלאָניסטן נישט איבערגעגעבן אומזיסט, נאָר פאַר אַ ענטשפּרעכנדן סכום (נישט אויפן גרונט פון ספּעקולאַטיוו-פּאָליטישע פּרייזן, ווי מיר זע-נען עס איצט געצוואונגען צו צאָלן). דאָס געלט קומט טיילווייז צונוץ די פריצים אַלס ענטשעדיקונג פאַר דער באָדן-עקספּראָפּירונג און טיילווייז די אַרענדאַטאָרן אַלס אינטענסיפיקאַציע-פאָנד פאַר דער ווירטשאַפט.

די דאָזיקע אַגראַר-געזעצגעבונג אַנטשפּרעכט די אויפגאַבן פון מאַנדאַט אין יעדער הינזיכט. זי וועט באַפרייען די אַראַבישע באַפעלקע-רונג פון דער הערשאַפט פון די אויסנוצער און צעברעכן די קייטן פון פעאָדאַליזם, וואָס שטערן יעצט דער אַנטוויקלונג פון אַראַבישן ישוב. זי וועט באַפרייען די אַראַבישע אַרענדאַטאָרן און שטאַרקן דעם קלאַס פון אַראַבישע לאַנדאַרבעטער. זי וועט פריי מאַכן די יידישע קאָלאָניזאַציע-אינסטיטוציעס — באַזונדערס דעם נאַציאָנאַל-פאָנד, — פון אַ שווערער, פּאָליטיש-פינאַנסיעלער קלעם, און פון די דריקנדע דאגות צו זאָרגן פאַר די אַרענדאַטאָרס, וואָס וועלן יעצט שוין זיצן אויף זייער אייגענעם גע-

קויפטן באָדן און ס'וועט ווערן אַזוי אַרום פאַרביליקט די יידישע קאָלאָניזאַציע. די אַגראַר-רעפאָרם וועט מיט איין מאָל שטעלן אין רשות פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע גרויסע שטחים באָדן און דאָס וועט דערמעגלעכן אָנצוהייבן פירן אַ ברייטע אַרבעט אין אַ גאָר אַנדערן מאַסשטאַב, ווי ביז היינט. דורך דער אינטענסיווירונג פון די אַרענדע-ווירטשאַפטן, און דאָס איז אַ נישט-צעשיידבאַרער באַשטאַנדטייל פון דער אַגראַר-רעפאָרם, וועלן פריי ווערן פאַר אונזערע ווירטשאַפטן גרויסע שטרעקעס באָדן. די עקזיסטענץ פון די פעלאַכן אין פאַלעסטינע איז פאַר אונז אַ פאַקט, וואָס איז נישט צו ענדערן, און מיר האָבן נישט קיין האָפנונג צו באַקומען דעם איבעריקן טייל פון זייער באָדן, אויב זיי וועלן נישט אויפן רעשט פון זייער געבליבענעם באָדן זיך שאַפן בעסערע עקזיסטענץ-מעגלעכקייטן. דער דאָזיקער רעשט, וועט, נאָך אַ סיסטעמאַטישער לאַנדווירטשאַפטלעכער אינטענסיווירונג, גענוגן פאַר זיי, פונקט ווי עס גענוגן פאַר אונז די באַגרענעצטע באָדן-שטחים, וואָס שטייען אין רשות פון אונזערע קאָלאָניסטן.

די דאָזיקע פאָליטיק איז נישט לייכט, און זי וועט זיכער אַרויסרופן דעם שאַרפסטן ווידערשטאַנד פון יענע קרייזן, וואָס זענען היינט אַנערקענט אַלס די הערשנדע צווישן דער אַראַבישער באַפעלקערונג און וואָס וועלן אָט די פאָליטיק פאַרשרייען אַלס רעוואָלוציאָנערע. און ווען אין איר געפונען זיך אויך טאַקע רעוואָלוציאָנערע יסודות, ווייל זי באַמיט זיך צו פאַרטרעטן איין קלאַס, וואָס איז דער יסוד פון דער געזעלשאַפט דורך אַ צווייטן קלאַס, וואָלט מען עס אויך אָבער געקענט ריכטיקער באַצייכנען אַלס אַנטירעוואָלוציאָנערע פאָליטיק, ווייל זי דערלאָזט נישט, ס'זאָל אויסברעכן אין דער צוקונפט אַ מוראדיקע סאָציאַלע איבערקערעניש. וואָס מיר האָבן געזען אין אויגוסט 1929 — אין דער צייט פון געפעלשטן און קינסטלעכן „אויפשטאַנד" פון די אַראַבער קעגן די יידן — איז נאָר אַ „קינדערשפּיל" קעגן דעם אמתן אויפשטאַנד, וואָס מוז אויסברעכן קעגן דער דורות-אַלטער סאָציאַלער אונטערדריקונג פון די אַראַבער, און הגם דער דאָזיקער קינפטיקער אויפשטאַנד וועט זיך ווענדן קעגן אַראַבישן פעאָדאַליזם, וועט דאָך די יידישע באַפעלקערונג נישט קענען בלייבן מחוץ דער פייער-שרפה; יעדנפאַלס איז אַזאַ מעגלעכקייט זיך שווער פאָרצושטעלן.

דער ווידערשטאַנד פון די פעאָדאַלע קרייזן קעגן דער נייער סאָציאַלער פאָליטיק פון דער מאַנדאַט-רעגירונג וועט זיין זייער שטאַרק, אָבער ס'זענען דאָ פאַרשידענע וועגן, כדי דעם ווידערשטאַנד ווייכער צו מאַכן און אים צו ברעכן. די רעפאָרמען מוזן ווערן דורכגעפירט אין אַ פאַרהעלטניסמעסיק-לאַנגער צייט. די פריצים מוזן באַקומען ענטשעדיקונגען פאַר זייערע באָדן-שטחים. אויפן מזרח איז אַזאַ אַגראַר-פאָליטיק לטובת די

פעלאַכן אַ גרויסער חדוש, אָבער אַזעלכע ענלעכע רעפאָרמען זענען גע־וואָרן דורכגעפירט נאָכן קריג כּמעט אין גאַנץ מזרח־ און מיטל־אייראָפּע, אויך אין לענדער, וואָס צייכנען זיך נישט אויס מיט אַ באַזונדערס הויכן קולטור־ניוואָ.

אין ענגלאַנד, וואָס פאַרוואַלטעט מיט אונזער לאַנד, זענען די אַג־ראַר־פאַרהעלטנישן ביז מיט אַ בערך קורצער צייט צוריק, געווען אין תּוך גע־נומען פעאָדאַלע; אויך דאָרט, אין אירלאַנד, שאָטלאַנד און ענגלאַנד אַליין, איז די לאַסט פון פויער געווען אומדערטרעגלעך, און דער קלאַס פון גרויסע ערד־באַזיצער האָט געהערשט אין לאַנד אומבאַגרענעצט; און ער האָט נישט נאָר געהערשט, ער האָט אויך געשאַפן אַ וועלט־מלוכה מיט איר הויכער קולטור. און נישט קוקנדיק אויף דעם האָט ענגלאַנד אָנגע־ווענדעט פיל כּחות און פּאָליטישע פאַרשטענדניש, כּדי צוזוברעכן דאָס דאָ־זיקע סיסטעם, צום ערשטן אין אירלאַנד, דאַן אין שאָטלאַנד און אין דער לעצטער צייט אויך אין ענגלאַנד גופא. דער דאָזיקער פּראָצעס איז נאָך נישט פאַרענדיקט, אָבער ער שטייט שוין כּמעט ביי זיין סוף. די ענגלישע אַגראַר־רעפאָרם, וואָס איז געוואָרן דורכגעפירט אין די לעצטע 40—50 יאָר, איז דורכגעגאַנגען כּמעט אָן ערשיטערונגען, לכל הפּחות אָן בלוטפאַרגיסונג און בירגער־קריג, אין אַזעלכע פאָרמען, וואָס זענען כּמעט נישט געווען באַמערקבאַר פאַרן אויג פון אַ זייטיקן. די דאָזיקע רעפאָרם שטעלט מיט זיך זיכער פאָר איינע פון די ערהאַבנסטע אָנטפּלעקונגען פון דעם ענגלישן פּאָליטישן זשעני. פון דער דאָזיקער דערפאַרונג מוז מען לערנען.

וואָס ס'זאָלן נישט זיין די שוועריקייטן פון דער נייער סאָציאַל־ און אַגראַר־פּאָליטיק, וועט די ברכה, וואָס דאָס וועט ברענגען פאַר אונז אַלע, פאַר דעם ציוניסטישן ווערק, פאַר דער אַראַבישער באַפעלקערונג, פאַר דער מאַנדאַט־רעגירונג, זיין אַזוי גרויס, אַז ס'לוינט זיך יעדער קאַמף, נישט קוקנדיק אויף אַלע מיט אים פאַרבונדענע געפאַרן. די אַט־מאָספער פון לאַנד וועט דאַן ווערן אינגאַנצן אַ אַנדערע. די אָביעקטיווע און סוביעקטיווע באַדינגונגען פון דער אַרבעט פון די יידן וועלן ווערן באַ־דייטנד פאַרלייכטערט, די סכּנות, וואָס שטייען פאַר דער יידישער באַפעל־קערונג, אַז זיי זאָלן צוליב דעם עקספּלואַטאַציע־סיסטעם, וואָס הערשט היינט אין לאַנד, ווערן אַריינגעצויגן אין דאָזיקן סיסטעם, וועלן דאַן פאַר־שווינדן. די אין פלוג אינערלעכע קאָלאָניזאַציע־פּראַגן (באַזונדערס די פראַגן פון יידישער און אַראַבישער אַרבעט און זייערע באַדינגונגען) וועלן דאַן געפינען זייער לעזונג. פיל ציוויליזאַטאָרישע אָנשטרענגונגען, וואָס ווערן יעצט צעשלאָגן אין פעלד פון פאַלעסטינישן פעאָדאַליזם, וועלן געבן זיי־ערע פולע פּרות. ס'וועלן זיך ווייזן די אויסזיכטן אויף אמתן שלום, באַ־זירט אויפן יסוד פון געזונטער און פּראָגרעסיווער סאָציאַלער באַציונג

צווישן יידישן און אַראַבישן פאָלק. דער ציוניזם וועט קענען געבן אַ קלאָרע תשובה אויף דער פראַגע פון יינגן אַראַבישן דור, ווען ער וועט זיך אויפהויבן קעגן די יעצטיקע אַראַבישע מאַכטהאָבער און קומען צו אונז פאָדערן אונזער פאַרגיטיקונג פאַר זיין צושטימונג צום אויפבוי פון דער יידישער היימאַט אין לאַנד. „די באַפרייונג פון דיין פאָלק" — דאָס וועט זיין אונזער תשובה אויף דער פראַגע פון דער ערלעכער און ריין דענקנדער אַראַבישער יוגנט, וואָס וועט זיך זוכן פאַרבינדעטע אין איר סאָציאַלער און גייסטיקער קלעם. נישט בלויז אויפן יסוד פון בלויזער אויפקלערונג, נאָר מיט דער הילף פון גרויסער, פראָדוקטיווער באַפרייענדער אַרבעט וועט זיך ענדערן די שטעלונג פון ציוניזם צו די פעלקער אין מזרח. ס'וועט זיך דאַן עפענען פאַרן „ציוניסטישן אימפּעריאַליזם" אַ ברייטער האָריזאָנט, פון וואָס עס וואַגן צו חלומען נאָר אייניקע צווישן אונז — אַ יידישע מלוכה אין פאַלעסטינע אין דער שפּיץ פון מזרח, אַ יידישע מלוכה, וואָס איז באַזירט אויף אַ אמתער פאָליטישער און סאָציאַלער באַנייונג. אַזאַ יידישע מלוכה וועט האָבן דאָס פולסטע רעכט צו טראָגן דעם טיטול: פּיאָנער פון אַ נייער וועלט אין מזרח. דער ענגלישער מאַנדאַט וועט דאַן דערשיינען אין אַ ניי ליכט. קיינער וועט נישט וואַגן זיך אויפצוהייבן קעגן אונז. אַלע פּראָגרעסיווע כחות אין דער גאַנצער וועלט וועלן ביי דער דאָזיקער גרויסער אַרבעט זיין מיט ענגלאַנד. מ'דאַרף נישט פאַרלירן קיין ווערטער איבער דער ברכה, וואָס די דאָזיקע פּראָגרעסיווע סאָציאַלע פאָליטיק קען ברענגען דער אַראַבישער באַפעלקערונג.

איז דאָס „אַראַבישע פּראָגראַם" אוטאָפּיש? איז נישטאָ קיין שום האָפנונג, אַז די מאַנדאַט-רעגירונג זאָל עס אָננעמען, האָבנדיק דעם אויפריכטיקן וואונטש צו דערפילן אירע הבטחות צוליב ריין בריטישע סבות? מיר שיינט, אַז די פאָליטישע סיטואַציע אין דער גאַנצער וועלט און אין ענגלאַנד דערלויבן אונז צו זיין אָפּטימיסטיש אין דער פראַגע. נישט זייט נעכטן און היינט זוכט דאָס ענגלישע פאָלק דעם וועג אויף קענען אומבויען די אימפּעריע אויף אַ נייעם יסוד. דאָס גאַנצע פאָליטיש-דענקנדע ענגלאַנד, אויך דאָס ענגלאַנד פון די קאָנסערוואַטיוון און ליבעראַלן, און באַזונדערס דאָס ענגלאַנד פון די אַרבעטער, זוכט אַ פּלאַן, אַ געדאַנק, אַ לאָזונג, אַ אויפגאַבע פון באַנייענדער, אַלגעמיינער באַדייטונג. דאָס ענגלאַנד פון די אַרבעטער איז אויך גרייט צו דרייסטע שריט און רעפאָרמען (זע אין פאַל עגיפּטן). עס איז דערפאַר דורכאויס נישט אויסגעשלאָסן, אַז זי זאָל זיך צובייגן צו אַ נייער סאָציאַלער פּאָליטיק אין פאַלעסטינע. אויף יעדן פאַל מוז די ציוניסטישע באַוועגונג און אין דער ערשטער רייע די אַרבעטער-באַוועגונג אין ציוניזם זיין די טרייבנדע קראַפט ביי דער פעסטשטעלונג פון דער דאָזיקער נייער פּאָליטיק. און ס'איז נישטאָ קיין סבה לכתחילה אָנצונעמען, אַז ענגלאַנד זאָל זיך אַנטזאָגן דורכצו-

פירן די דאָזיקע פּאָליטיק. אָבער ווי ס'זאָל נישט זיין דער גורל פון דאָזיקן פּראָגראַם אַלס אַ רעגירונגס-פּראָגראַם — די ציוניסטישע באַוועגונג און דער יידישער ישוב אין פּאַלעסטינע זענען פאַרפליכטעט לויט זייערע מעגלעכקייטן זיך צו באַמיען אויפצוהייבן דעם לעבנס-ניוואָ פון די אַראַבישע מאַסן אין לאַנד.

22 אָקטאָבער 1929

געדאַנקען צו אַ אַראַבער-פּראָגראַם

III

מיר זענען נישט קיין קבוץ פון 170.000 נפשות, וואָס זוכט אין ארץ ישראל רו און שלום בלויז פאַר זיך אַליין. מיר זענען נישט קיין מיסיאָנערן, וואָס זוכן אַריינצוברענגען דאָס ליכט פון גלויבן אין עמיצנס פינסטערניש, מיר זענען נישט קיין „טרעגער פון העכערער קולטור אין אַ האַלב-ווילדן לאַנד", קיין פילאַנטראָפּן, פאַר וועמען דאָס אויפהויבן דעם לעבנס-ניוואָ פון די אַראַבער איז אַ זעלבסטצוועק. מהגה צו זיין אַנדערע מיט אַזעלכע „טובות" האָבן מיר אויך געקענט אין רוסלאַנד און פוילן. דער פּאַלעסטינישער פעאָדאַליזם רופט אמת אַרויס אַלס פּאָליטישע, סאָציאַלע און מענטשלעכע דערשיינונג אַ עקל-געפיל, אָבער ער עקזיסטירט אויך אין דער אָדער אַנדערער פאָרם אין אַנדערע ערטער און כדי אים צו באַקעמפן, וואָלט עס זיך בכלל נישט געלוינט איבערצושווימען דעם ים. יעדער פון אונז איז באַרעכטיקט צו גלויבן אָדער נישט צו גלויבן אין „רענעסאַנס פון מזרח", זיך צו פרייען אָדער מורא צו האָבן פאַר דעם; מיר אַלס באַוועגונג האָבן אָבער נישט דערין קיין אינערלעכן אינטערעס, נאָר אַ פּאָליטישן. וואָס באַדייט פאַר אונז ראַסן-קרובהשאַפט מיט די אַראַבער, אין פאַרגלייך מיט דעם ווייטן אָפּגרונט אין דער באַגריפן-וועלט, לעבנס-פאָרמען און זעלישע ווערטן, וואָס טיילט אונז אָפּ פון זיי? אין דעם אַלעם שטייען מיר פיל נענטער די פעלקער פון אייראָפּע און אַמעריקע, טראָץ דער „בלוטפרעמדקייט". קען דען דער צייט-אָפּשניט פון אונזער געשיכטע, ווען אַ טייל פון אונז האָט געוווינט אויף דער זעלבער ערד מיט אַ טייל פון אַראַבישן פאָלק, זיין אַ גאַראַנטיע פאַר אונזער צוקונפטיקן צוזאַמענלעבן? במשך פון אַ לאַנגער צייט האָט זיך ישראל געפונען אין דער פרעמד. און נישט נאָר אין שפּאַניע אַליין, האָבן מיר אין משך פון אונזער צוזאַמענלעבן מיט די אַראַבער, אַריינגעבראַכט נייע ווערטן אין מענטשלעכן געדאַנקן-אוצר און אין דער מענטשלעכער קולטור.

פרידן מיט דער אַראַבישער באַפעלקערונג — יאָ. אַ קאָנסעקווענטער,

ענערגישער, דרייסטער „אַראַבער-פּראָגראַם״ אַלס אומצוטיילבאַרער באַשטאַנד-טייל פון אונזער אַרבעט — יאָ. אָבער נישט אַלס זעלבסטצוועק, נאָר אַלס פּאָליטיש מיטל. אָן אילוזיעס, און פאַרפעלשטע פילאַנטראָפּיע און זיך אויסדאַכטנדע מיסיאָנערן-טעטיקייט. קיין „רעוואָלוציאָנערע אַרבעט אין דערוואַכנדן מזרח״ אַלס זעלבסטצוועק, זאָל עס זיין אַ „נאַציאָנאַלער״, אַ „קלאַסנקעמפערישער״ אָדער אַ גייסטיק-רעליגיעזער מזרח. זאָל עס זיין אַ פּאָליטיש מיטל און נישט מער. ווייל מיר זענען אַ פּאָליטישע באַוועגונג, די באַוועגונג פון יידישן פאָלק, וואָס בויט זיין פאָטערלאַנד אויף זיין ערד כדי צו געווינען זיין פּאָליטישע זעלבסשטענדיקייט, און צוריקקערן צו אַ לעבן פון כבוד, פרייהייט און שעפערישער אַרבעט.

מיר טאָרן נישט מאַכן אַ מיטל פאַר אַ צוועק. ווען דאָס זאָל געשען, פאַרלירט אונזער לעבן דאָ אין לאַנד זיין גאַנצן אינערלעכן זין. מיר קומען אַהער, נישט כדי אַנדערע צו באַפרייען, נאָר כדי זיך זעלבסט צו באַפרייען; די אַנדערע זענען מיר גרייט צו העלפן, אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז אונזער באַפרייונג איז נישט מעגלעך אין אַ סביבה פון שקלאַפעריי. דאָס גאַנצע „אַראַבישע פּראָגראַם״ איז גאָרנישט ווערט, אויב די מאַסע פון יידן בלייבט אין דער פרעמד און דאָס יידישע פאָלק בלייבט אין גלות. די איינציקע באַרעכטיקונג פאַר אונזער אָנשטרענגונג צו פאַרווירקלעכן דאָס „אַראַבישע פּראָגראַם״ איז, וואָס מיר ווילן האָבן די פעיקייט, קראַפט און מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן בשלמות דאָס יידישע פּראָגראַם, דאָס ציוניסטישע פּראָגראַם, וואָס איז אָנגעשריבן — נישט אין באַזעלער פּראָגראַם, נישט אין דער באַלפור-דעקלאַראַציע, נישט אין מאַנדאַט — נאָר אין דער יידישער געשיכטע: זעלבסשטענדיקייט פון יידישן פאָלק, פרייע זעלבסטבאַשטימונג איבער זיין גורל, די אויסלייזונג פון ישראל אין זיין לאַנד.

פון דער צוויי-נאַציאָנאַליטעט ביז ליקווידאַציע

אַ מערקווירדיקער מנהג האָט זיך איינגעוואָרצלט אין אַ געוויסן סאָרט אַרטיקלען, וואָס ווערן ביי אונז לעצטנס געשריבן. הוגאָ בערגמאַן, וואָס רעדט אין „הפועל הצעיר" פון 18-טן תשרי איבער די „וועגן פון פאַרשטענדיקונג" מיט די אַראַבער, פאַרזוימט נישט די געלעגנהייט, כדי צו באַטאָנען, אַז „שלעכטע אינסטינקטן האָבן באַקומען די שליטה אין אַ גרויסן טייל פון אונזער פרעסע און אין אַ געוויסן טייל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע" און פאַרגעסט אויסצופירן, וואָס זענען עס פאַראַ „שלעכטע אינסטינקטן" און רופט נישט אָן ביים נאָמען דעם „געוויסן טייל" פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ווייטער: ווען ער פרעגט, צי עס וועלן זיך געפינען צווישן אונז פּאָליטיקער, וואָס וועלן דרייסט פּראָקלאַמירן די „וועגן פון פאַרשטענדיקונג", דאַן פרעגט ער נישט, צי זיי וועלן פאַרמאָגן דעם ישוב הדעת און חכמה, נאָר צו זיי „וועלן וואַגן". דאָס הייסט: מיר ווערן נישט באַשולדיקט אין אומפאַרשטענדניש, און קורצזיכטיקייט, נאָר אין פּחדנות. מיר „וואַגן" נישט. אויך דאָס איז אַ כאַראַקטעריסטישער פּרט, אין באַקאַנטן נוסח פון באַשולדיקונג וואָס ווערט געפּרעדיקט, אַראָפּבליקנדיק פון אַ מאָראַלישער הויך, וואָס איז שוין געוואָרן באַנאַל ביי אַ געוויסן אַרט זשורנאַליסטן און האָט דערפאַר פאַרלוירן זיין באַווייז-קראַפט. פאַקטיש, איז נישט דאָס וויכטיק אין בערגמאַנס אַרטיקל, נאָר דער פאַקט, וואָס דאָס איז, ווי עס שיינט, דער ערשטער פּרואוו פון זאָגן עפּעס קאָנקרעטס אויפן געביט פון „פאַרשטענדיקונג. צווישן דער גרופּע, צו וועמען עס געהערט בערגמאַן און דעם יידישן ישוב פירט זיך זייט אַ געוויסער צייט אַ פולשטענדיק אימפּאָטענטע דיסקוסיע. זיי זאָגן אונז: ס'איז נויטיק שלום. מיר ענטפערן: זעלבסטפאַרשטענדלעך, אָבער זאָגט אונז: ווי מאַכט מען דאָס? ווייל פאַר אַ גרויסער באַוועגונג, וואָס איז באַלאַסטעט מיט פיל אויפגאַבן און גרויסע שוועריקייטן, איז נישט ווירדיק, כסדר אַרומצורייטן אויף אַ בלויזן פּרינציפּ, נישט קענענדיק גאָרנישט זאָגן ווי מען פאַרווירקלעכט אים אין לעבן. די תשובה, וואָס

מיר האָבן ביז היינט דערהאַלטן פון יענער גרופּע, איז אין אַלגעמיין נישט מער ווי אַ איבערחזרונג פון טעקסט: ס'איז נויטיק פרידן. אָפּטמאָל מיט דער הוספה; בינאַציאָנאַלע מלוכה. און ווידער בעטן מיר קאָנקרעטע אויפקלערונגען: וואָס מיינט איר אונטערן וואָרט צווייגאַציאָנאַלע מלוכה? וואָס גיט זי אונז און וואָס נעמט זי ביי אונז? דאָסמאָל דערקלערט שוין ברעגמאַן, עפּעס נישט קיין סך, עטלעכע איינצלהייטן, אָבער פון אַ קאָנקרעטן כאַראַקטער, וואָס דערמעגלעכן אפשר צו פירן אַ מער פרוכטבאַרע דיסקוסיע.

לאָמיר איין רגע אָננעמען די הנחה פון אַ „צווייגאַציאָנאַלער מלוכה". וואָס זאָגט אונז אייגנטלעך דער דאָזיקער באַגריף? אין לאַנד וואוינען צוויי פעלקער און יעדעס פאָלק לעבט זיין לעבן, זאָרגט פאַר זיין אַנטוויקלונג, וואוקס, קולטור, געזונדהייט און גלייכצייטיק באַמיט עס זיך נישט צו שטערן דעם צווייטן טייל, און זאָגאַר אים העלפן. די ענינים, וואָס באַרירן גלייכצייטיקביידע פעלקער, וואָס גייען אָן דעם גאַנצן לאַנד, ווערן באַהאַנדלט געמיינזאַם דורך ביידע פעלקער און געלעזט אין גייסט פון פאַרשטענדיקונג און פרידן. אָבער די דאָזיקע ביידע פעלקער עקזיסטירן אָפּגעזונדערט איינער פון צווייטן, זיי בלייבן צוויי פאַרשידענע פעלקער, דערפאַר ווערט טאַקע די מלוכה אָנגערופן בינאַציאָנאַל. פון דער דערקלערונג פון ברעגמאַן און זיינע ביישפּילן קומט אָבער אַרויס גאָר עפּעס אַנדערש.

דער ערשטער ביישפּיל: שטייערן און עלעמענטאַרע פאָלקס-באַדערפנישן. די יידן איז פאַרבאָטן צו מאַכן זייער חשבון מיט דער מלוכה; ס'דאַרף זיי נישט אָנגיין וויפל זיי האָבן אַריינגעטראָגן אין דער מלוכה-קאַסע. דאָס ווערט באַצייכנט אַלס „קליינלעכקייט", די יידן דאַרפן שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז צו דער רעגירונגס-ווירטשאַפט דאַרפן זיי צולייגן, צווישן אַנדערן דערפאַר, ווייל „אונזער עקאָנאָמישע קראַפט" איז פאַרהעלטניסמעסיק שטאַרקער ווי די פון די אַראַבער. די דאָזיקע באַגרינדונג איז אין אַ גרויסער מאָס צווייפלהאַפט. דער טעזיס, אַז די פאַלעסטינישע אַראַבער זענען אַלס פאָלק, אַלס גאַנצעס שוואַכער און אין דער פאַלעסטינישער ווירטשאַפט ווייניקער פאַרוואָרצלט ווי די יידן, איז נישט אַזוי לייכט צו באַווייזן. אָבער נישט דאָס איז יעצט וויכטיק. די באַגרינדונג קען זיין אַ פאַלשע. וויכטיק איז דער גרונד-פּרינציפּ: אין אַ בינאַציאָנאַלע מלוכה טאָר נישט קיין פאָלק מאַכן זיין באַזונדערן חשבון מיט דער מלוכה, ס'עקזיסטירט אַ געמיינזאַמע קאַסע, וואָס עס קומט אַריין, — קומט אַריין, און וואָס עס ווערט אויסגעגעבן, ווערט אויסגעגעבן — און געענדיקט! ווען ס'איז טאַקע אַזוי, דאַן שטעלט זיך דאָך די פראַגע: אין וואָס באַשטייט די מעגלעכקייט פאַר אַ פאָלק אין אַ בינאַציאָנאַלע מלוכה איינצואָרדנען זיינע ענינים און זיינע באַציונגען מיט דער רעגירונג און איר קאַסע?

אַזאַ מעגלעכקייט עקזיסטירט נישט.. ס׳איז „קליינלעך״, צו פֿאָדערן חשבונות. מיר ווילן נישט רעדן איבער דער רעכט־פֿאַרבייגונג און איבער דער אומגערעכטיקייט, וואָס שטעקט דערין, אַז די יידן זאָלן אין אַלע גלות־לענדער אין יעדער שטאָט אין שטעטל, וואו עס וווינען יידן, לויפן, בעטלען און קלאַפּן מיט דער פּושקע, כּדי אויסצוהאַלטן זייערע דערציונגס און סאַניטאַרע אַנשטאַלטן, אין דערצייט, ווען זייערע שטייערן פֿאַר שפּיטעלער און שולן ווערן אויסגעגעבן פֿאַר די אַראַבער. מיר ווילן אורטיילן איבער דער פֿראַגע נאָר פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער בינאַציאָנאַליטעט. מיט וואָס קומט זי צום אויסדרוק אין בערגמאַנס קאָנצעפּציע? אין גאָרנישט. ס׳עקזיסטירט אַ געמיינזאַמע קאַסע און עס זענען דאָ הוצאות, אָן אונטערשיד, וויפֿל ועדער פֿון די צדדים האָט אַריינגעבראַכט אין דער קאַסע. אָבער דאָס איז דאָך די שלעכטע אָרדנונג, וואָס מיר אַלע קענען, נישט אין אַ בינאַציאָנאַלער, נאָר גראָד אין אַ איין־נאַציאָנאַלער מלוכה.

כּדי צו פֿאַרשטאַרקן זיין ביישפּיל ברענגט בערגמאַן (אין נאָמען פֿון ר׳ בנימין) אַ פֿאַרגלייך: די יידן און אַראַבער זענען כּלפּי פּאַלעסטינע, ווי די יידישע שבטים (אשכּנזים, ספרדים, תּמנער א. אַ. וו.) כּלפּי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — אָן קעגנזייטיקע חשבונות. דו פֿאַרטראַכסט זיך און דו פּרוווסט פֿאַרשטיין: „ווו געפינט זיך דער פֿאַרגלייכונגס־פּונקט?״ וואָלטן מיר געוואָלט אויפבויען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אויף בינאַציאָנאַלע אָדער פּילנאַציאָנאַלע יסודות? האָבן מיר נישט שטענדיק פּראָקלאַמירט, אַז מיר זענען איין פֿאָלק, און אַז אַלע אונטערשידן צווישן די פֿאַרשידענע געמיינדעס דאַרף מען פֿולשטענדיק באַזייטיקן? דערפֿאַר האָבן מיר אויך געזאָגט, אַז ס׳טאָרן נישט עקזיסטירן חשבונות צווישן די פֿאַרשידענע געמיינדעס, אינערהאַלב דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אָבער אין אַ בינאַציאָנאַלער מלוכה באַשטעטיקן מיר (דער באַגריף אַליין זאָגט דאָך עדות דערויף) די עקזיסטענץ פֿון ביידע פֿעלקער. דערפֿאַר זענען באַרעכטיקט באַזונדערע חשבונות, ווייל ס׳איז באַרעכטיקט די זאָרג פֿון יעדן פֿאָלק פֿאַר זיין עקזיסטענץ אין דער בינאַציאָנאַלער מלוכה.

אַ אַנדער ביישפּיל: נעמען מיר ווירטשאַפֿטלעכע אונטערנעמונגען. מען מוז די אַראַבער באַטייליקן אין דער יידישער ווירטשאַפֿט. ווידער ווילן מיר נישט פֿרעגן: באַטייליקן דען די אַראַבער די יידן אין זייער ווירטשאַפֿט? אפשר מוזן מיר פּאַקטיש אָנהויבן דערמיט. מיר ווילן אויך נישט פֿרעגן: אין וועלכער פֿאָרם זאָל עס געשעען? וועלן מיר פֿאַרטיילן אַקציעס אייניקע רייכע אַראַבער? ווער וועט האָבן נוצן דערפֿון, וואָס עטלעכע עפֿענדיס ווילן זיך פֿאַרגרעסערן זייערע רווחים? איז צו האָפֿן, אַז די פּריצים וועלן זיך באַמיען צוגעבן אונזערע ווירטשאַפֿטן אַ ברייטערע סאָציאַלע באַאַרבונג און פֿאַרקלענערן די עקספּלואַטאַציע פֿון די אַרבעטער? לאָזן מיר אין אַ זייט די אַלע פֿראַגן אָבער! מיר פֿרעגן: אויף

ווי ווייט אַנטשפּרעכט די דאָזיקע אַראַבער-באַטייליקונג אין יידישע אונ־
טערנעמונגען דעם פּרינציפּ פון בינאַציאָנאַליטעט? מיט דער רעגירונג און
איר קאַסע איז אונז פאַרבאָטן צו פירן אַ באַזונדערן חשבון — זאָל זיין
אַזוי! אָבער אויך אין אונזער אייגענער ווירטשאַפט זאָל עס אונז זיין
פאַרבאָטן צו זאָרגן אין דער ערשטער רייע פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער
יידישער באַפעלקערונג און איר פאַרגרעסערונג? אויב אונז איז עס פאַר־
באָטן, דאַרף עס אויך זיין חל אויף די אַראַבער; אויף וועלכן אופן קען
אַלזאָ דאַן יעדעס פאָלק זיך זיכערן זיין באַזונדערע עקזיסטענץ?

פון דער אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע פאָדערט בערגמאַן עפּעס פיל אַנט־
שיידענערעס ווי די „באַטייליקונג" פון די אַראַבער — זי זאָל אויפהערן
זיין אַ יידישע, און זיך פאַרוואַנדלען אין אַ אַלגעמיינע, ריין-סאָציאַליס־
טישע, פאַר וועמען עס עקזיסטירט נישט די פראַגע: וויפל אַראַבישע און וויפל
יידישע אַרבעטער זענען פאַראַן אין דעם אָדער יענעם אַרבעטס-פּלאַץ,
נאָר: אַרבעט דאָ אַ אָרגאַניזירטער אַרבעטער פאַר אַ אַנשטענדיקן לוין
אָדער אַ נישט-אָרגאַניזירטער פאַר אַ עקספּלואַטאַציע-לוין? אויך לאָזונגען
ווי יידישער שטיין, זאָלן ווערן אַוועקגעוואָרפן". דאָס באַדייט: די יידן איז
פאַרבאָטן צו זאָרגן פאַר דער פאַרגרעסערונג פון דער יידישער אַרבעט
און יידישער פּראָדוקציע; ס'איז זיי פאַרבאָטן צו זאָרגן דערפאַר, אַז די
יידן זאָלן האָבן אַרבעט און ברויט, נישט נאָר מיט דער הילף פון דער
רעגירונג, נישט נאָר מיט דער הילף פון גרויסע, עקאָנאָמישע אינסטיטו־
ציעס, נאָר אפילו מיט דער הילף פון זייער אייגענער אָרגאַניזאַציע.
זאָגאַר די עקזיסטענץ פון אַ באַזונדערער יידישער אָרגאַניזאַציע איז נישט
געוואונטשן. איז פאַראַן ביי דער דאָזיקער איינאָרדנונג עפּעס וואָס פון
בינאַציאָנאַליטעט? דאָס איז דאָך אַ אָרדנונג, וואָס איז דוקא כאַראַקטע־
ריסטיש פאַר אַ לאַנד, אין וועלכן עס לעבט גראַד א יין פאָלק. דער
געדאַנק, אַז ס'קענען עקזיסטירן צוויי אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס, פון וועלכע
יעדער זאָרגט פאַר איר פאָלק און ביידע אַרבעטן צוזאַמען אין געמיינ־
זאַמע פראַגן, דער דאָזיקער געדאַנק, וואָס איז דאָך דוקא פּאַסנד פאַר אַ
בינאַציאָנאַלע מלוכה, ווערט פון בערגמאַנען איבערהויפּט נישט גענומען
אין באַטראַכט, הגם ער איז נישט ניי פאַר אייראָפּע, און אַמעריקע, אין
לענדער, וואו עס וואוינען צוזאַמען צוויי אָדער מערער פעלקער, און ער
איז אויך נישט ניי ביי אונז — און דאָך אַלגעמיינע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע און
אויף קיין פאַל נישט קיין יידישע.

בערגמאַן מאַכט נאָך עטלעכע פאָרשלאָגן, פון וועלכע ס'איז שווער
צו באַגרייפן, אין וואָס עס באַשטייט זייער פּאָליטישע באַדייטונג פאַר דער
דערגרייכונג פון אַ „פאַרשטענדיקונג" צווישן ביידע פעלקער. באַשעפטיקונג
פון אַראַבישע דאָקטוירים אין „הדסה", אַראַבישע באַאַמטע אין יידישע

בענק. הייסט דאָס „פאַרשטענדיקונג", ווען עטלעכע טיץ אַראַבער וועלן באַקומען זייער געהאַלט אין יידישע אינסטיטוציעס?

זיינע אַלע „אָנווייזונגען" שליסט בערגמאַן מיטן פאָלגנדן טעזיס: „פּאָטערלאַנד איז קודמער פאַר נאַציאָנאַליטעט", אויך אין די גלות־לענדער און באַזונדערס אין פּאַלעסטינע; ווייטער, מיט אַ באַזונדערער באַטאָנונג: „אין אַלע ענינים, וואָס עס גייט אָן דעם געמיינזאַמען פּאָטערלאַנד, זענען מיר אין דער ערשטער ריי פּאַלעסטינענזער און דאַן ערשט אַראַבער אָדער יידן". אַ מערקווירדיקער טעזיס, וואָס שטעלט מיט זיך אייגנטלעך פאָר דעם שליסל פאַר אַלע זיינע געדאַנקען־גאַנגען און פאָרשלאָגן. „דאָס פּאָטערלאַנד איז קודמער פאַר דער נאַציע אין די גלות־לענדער" — פון וואַנט נעמט זיך ביי אַ דערפאַרענעם ציוניסט, וועמען דער ציוניסטישער, און נישט נאָר דער ציוניסטישער, נאָר אויך פשוט דער באַוואוסטזיניק־יידישער געדאַנק, דאַרף זיין אים גוט באַקאַנט, פון וואַנט נעמט זיך ביי אים פּלוצום אַזאַ משונהדיקער טעזיס? פאַרוואָס מוז איך, פּוילישער אָדער רוסישער אָדער דייטשער ייד, קודם־כל טראַכטן וועגן מיין „פּאָטערלאַנד", און שטעלן אין הינטערגרונט מיינע אייגענע ענינים און די אינטערעסן פון מיין פאָלק? וואָס פאַראַ באַדייטונג האָט דען פאַר מיר, דעם ייד, דאָס דאָזיקע פּאָטערלאַנד, וואָס זיכערט נישט אין דער ערשטער ריי די עקזיסטענץ פון מיין פאָלק, אָן וועלכן כ׳קען נישט האָבן קיין אינערלעכע באַציִונג צום דאָזיקן פּאָטערלאַנד? איך אַלס ייד האָב נישט קיין פּאָטערלאַנד אויסער אין די ראַמען פון מיין פאָלק, און ווען נישט, דאַן הער איך אויף צו זיין ייד, און ווער אַ פּאָלאַק, רוס אָדער דייטש. איך קען פאַרשטיין, ווען מען קומט און מען זאָגט מיר: אַ אַנשטענדיקע עקזיסטענץ פון דיין פאָלק איז אוממעגלעך אָן אַ אָנשטענדיקער עקזיסטענץ פון דיין פּאָטערלאַנד. זאָרג פאַרן פּאָטערלאַנד און דאַן וועט במילא ווערן פאַרבעסערט די לאַגע פון דיין פאָלק. מיט אַזאַ מיינונג בין איך גרייט צו דיספּוטירן, מסכים זיין צו איר אָדער נישט, ווייל דאָ איז דאָך דער יידישער נאַציאָנאַלער באָדן, אויף וועלכן איך שטיי, די פאָרויסזעצונג פון דער דיסקוסיע. אָבער ווען מען קומט און מען זאָגט מיר אַלס גרונדלייגנדן טעזיס: „דאָס פּאָטערלאַנד איז קודם פאַר דער נאַציע", דאַן קענען מיינע אויערן נישט פאַרנעמען דעם דאָזיקן פּזמון.

בערגמאַן זעצט פאָר: „און אודאי איז דאָס ריכטיק אין פּאַלעסטינע". פאַרוואָס? צווישן אונדז מוז דאָך איינמאָל אָפן געזאָגט ווערן: אמת, מ׳קען נישט פאַרגלייכן פּאַלעסטינע מיט פּוילן, ליטע אָדער רוסלאַנד, מיר האָבן שוין לאַנג אָפּגעשאָקלט פון זיך דעם טעריטאָריאַליסטישן נאַציאָנאַליזם, ארץ ישראל איז ארץ ישראל. און דאָך: וואָס פאַראַ באַדייטונג האָט עס פאַר מיר, אויב עס זיכערט נישט דאָס לעבן פון מיין פאָלק? וואָס טו איך אין דאָזיקן לאַנד, טראָץ זיין גאַנצער שיינקייט און זיינע הייליקטימער, היסטאָרישע ערינערונגען און פאַרבינדונגען, אויב מען צווינגט מיר עס צו באַ־

טראַכטן אַלס זעלבסטצוועק, און נישט אַלס רעטונג פאַר מיין פאָלק, ווען מען צווינגט מיר, אין זיין אַנטוויקלונג, צו זען די אַנטוויקלונג פון „פאָטערלאַנד" און נישט פון מיין פאָלק? די יעניקע, ביי וועמען ס'איז טייער דער ציוניזם זאָלן אונז נישט שטעלן פאַר דער ברירה: פאַלעסטינע אָדער די מאַסן פון יידישן פאָלק, ווייל ווען די דאָזיקע אַלטערנאַטיווע איז ריכטיק, דאַן קלויבן מיר אויס נישט דאָס לאַנד, נאָר דאָס פאָלק.

אין אַלע פראַגן, וואָס גייען אָן דעם געמיינזאַמען פאָטערלאַנד, זענען מיר קודם-כל פאַלעסטינענזער און דאַן ערשט אַראַבער אָדער יידן". — דערזעלבער געדאַנק אין אַלע פראַגן, „וואָס גייען אָן דעם פאָטערלאַנד" — וואָס גייט נישט אָן דעם פאָטערלאַנד? ווען, וואו, אויף וועלכן געביט פון מיין אַרבעט, פון מיין טעטיקייט, מיין געדאַנק, מיין לייסטונג דאַרף איך זיין ייד? בין איך נישט דערפאַר און נאָר דערפאַר אַהערגעקומען? איז עס דערלויבט, אַז די הויפט-אויפגאַבע פון ציוניזם זאָל זיין צו פאַרוואַנדלען דאָס לאַנד, וואָס איז באַשטימט דערצו, ס'זאָל אַרייננעמען אין זיך דאָס יידישע פאָלק, אין אַ פאַרטיק „פאָטערלאַנד?".

אין אַלע פאַרשלאָגן בערגמאַנס — געמיינזאַמע רעגירונגס - קאַסע „נישט מאַכנדיק זיך קליינלעך" מיט באַזונדערע חשבונות, געמיינזאַמעווירטשאַפטס-אונטערנעמונגען, איינהייטלעכע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע, די אויסשטרייכונג פון יידישן שטיין פון אונזער לעקסיקאָן, אַראַבישע דאָקטוירים אין „הדסה", אַראַבישע באַאַמטע אין יידישע בענק, אין אַלע זיינע טענות — שטייט דאָס פאָטערלאַנד איבער דער נאַציע", אין אַלע זיינע פאַרגלייכן — די באַציונגען צווישן אַראַבער און יידן אין פאַלעסטינע אַנטשפּרעכן די באַציונגען צווישן די פאַרשידענע יידישע געמיינדעס אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — ליגט באַהאַלטן, באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק, אַ גאַנץ אַנדער געדאַנק ווי די בינאַציאָנאַלע מלוכה, דאָ דאָמינירט די אויפפאַסונג, וואָס איז נישט „מאָלעקולאַר", נאָר „אַטאָמיסטיש", די אויפפאַסונג פון יידישע און אַראַבישע אַטאָמען, וואָס שאַפן נישט אַ געמיינזאַמע היימאַט, נאָר גיסן זיך צוזאַמען אין איינער און איינציקער היימאַט. די פולשטענדיקע צוזאַמענשמעלצונג פון ביידע פעלקער, וואָס באַוואוינען דאָס לאַנד, אין אַ נייעם יש, אין אַ ניי פאָלק, דאָס פאַלעסטינענזישע, וואָס האָט נישט קיין אינטערעס צום יידישן פאָלק און צו די האָפנונגען און אומגליק פון זיינע מאַסן און וועט אויך לויט דער אַנטוויקלונג פון די ענינים קיינמאָל נישט האָבן דערצו קיין באַזונדערן אינטערעס, אפילו דאַן ווען בערגמאַן וואָלט עס געוואָלט.

די אָנהענגער פון „ברית שלום" רעדן צו אונז על-פּי-רוב אין אַ טאָן פול מיט אויפרעגונג. אויסער דעם שטענדיקן רעפריין „איר האָט געזינ-

דיקט״, עקזיסטירט נאָך אַ סיבה פאַרן דאָזיקן צאָרן: פאַרוואָס מיר הערן
זיי נישט, פאַרוואָס מיר זאָגן, אַז זיי זענען אין אַ געוויסן זין „פאַרע־
טער״ אָדער אַמווייניקסטנס „פאָלקס־פרעמד״. נו, האָב איך זיך מיט גרויס
אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט צו דער דערקלערונג, וואָס בערגמאַן גיט פאַרן
באַגריף בינאַציאָנאַליטעט; איך האָב זיך באַמיט אים צו פאַרשטיין אָן יעדן
לכתחילהדיקן געדאַנק וועגן „פאַראַט אָדער פאָלקספרעמדקייט״, האַלטנ־
דיק אַז ער, פונקט ווי איך, ווי מיר אַלע, זוכן די וועגן פון אונזער באַ־
וועגונג. „פאַראַט״ — אין דעם באַגריף ליגט עפּעס פון פערזענלעכער הנאה,
דער ווילן צו ברענגען שאָדן און אונטערשטעלן יענעם אַ פוס און דער־
פאַר איז דאָ נישטאָ קיין אָרט פאַרן דאָזיקן באַגריף — „פאָלקס־פרעמדקייט״ —
ווער וועט אויסמעסטן די טיפקייט פון דער פאַרוואָרצלונג פונם ייד אינם באָדן פון
זיין פאָלק? ניין, די פראַגע פון פאַראַט אָדער פאָלקס־פרעמדקייט איז דאָ
זיכער נישט אויפן פּלאַץ, און מיר דאַרפן זיך אָפּגרענעצן פון דער כוונה
פון וועלן גרינגשעצן דעם קעגנער. דאָ ווערט אַנטשיידן אַ גאַנץ אַנדערע
פראַגע, — די פראַגע פון אונזער אויפגאַבע אין לאַנד און דער טעם פון
אונזער בלייבן דאָ. און בערגמאַן, וואָס לאָזט דאָס ערשטע מאָל צורו זיינע
מאָראַל־דרשות און הייבט אָן רעדן איבער קאָנקרעטע זאַכן, נעמט ביי אונז
צו אונזער אויפגאַבע און טעם פון אונזער בלייבן דאָ. ווייל אַלע די שיינע
זאַכן, וואָס ער איז אונז מבטיח — שלום מיט די אַראַבער, אַנטוויקלונג פון
„געמיינזאַמען פאָטערלאַנד״ — זענען נישט קיין זעלבסטצוועק אָן און פאַר
זיך. זיי זענען נאָר גוט אַלס פאָרבאַדינג פאַר גאָר עפּעס אַנדערעס — פאַרן
יידישן פאָלק אין זיין לאַנד. און אויפן אָרט פון דער דאָזיקער איינציקער
זאַך, וואָס נאָר דערין קעגען מיר זעען אונזער אויפגאַבע, וואָס נאָר דאָס
איז די סיבה און באַרעכטיקונג פון ציוניסטישן אויפבוי־ווערק, וואָס נאָר
צוליב דעם זענען מיר געקומען אַהער, לייגט בערגמאַן פאָר אונטער דער
פאַרפירנדער שולד פון „בינאַציאָנאַליטעט״ אַ „פּאַלעסטיניזם״ וואָס איז
קודמער פאַרן יידישן פאָלק און צו דעם קענען און וועלן מיר נישט
מסכים זיין. מיר וועלן נישט מותר זיין אויף דעם שלום מיט די אַראַבער,
ווייל אויך מיר פאַרשטיין, אַז אונזער ווערק קען זיך אין אַ פיינטלעכער
אַטמאָספער אַנטוויקלען נאָר דורך שווערע און אומנויטיקע קרבנות. מיר וועלן
די אַנטוויקלונג פון לאַנד נישט פאַרנאַכלעסיקן, ווייל פאַר אונז ב׳ייבט
נישט פאַרבאָרגן דער ווידערשפרוך פון דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער
באַפעלקערונג אין אַ אָפּגעשטאַנען לאַנד, אָבער דאָס אַלץ דאַרף געשען
אונטער דער פאָרויסזעצונג: דאָס יידישע פאָלק, זיינע אינטערעסן, זיין
לעבן, זיין עקזיסטענץ זענען קודמער, ווייל אָן דעם האָט נישט די ציוי־
ניסטישע באַוועגונג און איר ווערק קיין שום באַרעכטיקונג.

5 נאָוועמבער 1929

שוואַכקייט אָדער פּאָליטישע שפּיל?

די פּאַרלאַמענטאַרישע אויספאָרשונג, וואָס ציט זיך זייט 14 טעג אין ירושלים האָט אויפגעוויקלט אַ דערשרעקנד בילד פון פּאַלעסטינישן רעגירונגס-סיסטעם. במשך פון פיל טעג פאַרן אויסברוך פון די געשעענישן האָבן די אַראַבישע „נאָטאַבלען" געפירט אַ סיסטעמאַטישע העצע קעגן די יידן און גערופן די מאַסן צו מאַכן פּאָגראָמען. די העצע האָט זיך געפירט פאַר אַלעמענס אויגן. זי איז פאָרגעקומען אונטער די אויגן פון דער רעגירונג. אין דער פּאָליציי ליגן אויספירלעכע ראַפּאָרטן מיט די רעדעס פון דידאָזיקע אַלע נאָטאַבלען. נישט קוקנדיק דערויף, איז נישט געמאַכט געוואָרן קיין סוף צו דער דאָזיקער העצע און קיינער האָט נישט געטראַכט ערנסט וועגן רעכטצייטיקע פאָרזיכטס-מיטלען. אַלע התראות זענען געבליבן נוצלאָז. אויך נאָכן אויסברוך פון די אומרוען אין ירושלים האָט זיך די רעגירונג נישט באַנוצט מיט ענערגישע און ראַדיקאַלע מיטלען — נישט אין ירושלים, נישט אין די איבעריקע ערטער — פּונקט ווי ס'וואָלט איר נישט קלאָר געווען, אַז אַ שׂרפה וואָס מען פאַרלעשט נישט, מוז זיך אַלץ מער פאַרנאַנדערפלאַקערן. אויב די ווייטערדיקע אויספאָרשונג וועט אונז נישט באַווייזן קיין איין ליכט-פּונקט, קיין איין באַווייז פון ערנסטע פאָרזיכטס-מיטלען פון דער רעגירונג, כדי נישט צו דערלאָזן צו פּאָגראָמען און זיי אונטערצודריקן, גלייך נאָך זייער אויסברוך, דאַן וועלן מיר זיך נאָר דאַרפן וואונדערן פאַרוואָס די אומרוען האָבן זיך נישט איבערגעוואָרפן איבערן גאַנצן לאַנד. ווייל פון אויספאָרשונגס-מאַטעריאַל איז אַבסאָלוט נישט קלאָר, אין וואָס זענען עס באַשטאַנען די פאָרזיכטס-מיטלען פון דער רעגירונג נישט צו דערלאָזן צו די געשעענישן. אָבער אויך דאָס ביז אַהער פאַרעפנטלעכטע מאַטעריאַל, וואָס שטאַמט אויסשליסלעך פון רעגירונגס-בעאַמטע, גענוגט, כדי שאַרף צו פאַראורטיילן די פּאַלעסטינישע רעגירונג פון דער פּאָגראָם-צייט. ווייל דאָס איז נישט געווען קיין רעגירונג, וואָס וויל רעגירן. נישט וועלנדיק יעצט אונטערזוכן די סבות פון דערדאָזיקער דערשיינונג, קען דאָך נישט עקזיסטירן פאַר אַ רעגירונג קיין שלעכטערער אורטייל.

האָט מען דאָס רעכט צו זאָגן, אַז די יעצטיקע רעגירונג, פון די נאָך-פּאָגראָם-טעג, וויל יאָ רעגירן?

אינם מאַטעריאַל, וואָס איז געוואָרן פאַרנאַנדערגעוויקלט פאַר דער אונטערזוכונגס-קאָמיסיע, זענען זיכער דאָ פיל איבערראַשונגען פאַר די קאָמיסיע-מיטגלידער. אויך פאַר אונז זענען אַ טייל זאַכן ניי, ווייל טראָץ אונזערע שווערע חשדים האָבן מיר זיך דאָך נישט געקענט פאָרשטעלן אַזאַ מאָס פון שוואַכקייט פון אַ רעגירונג. אָבער פאַר דער רעגירונג זענען אין דעם מאַטעריאַל נישט פאַראַן קיין שום איבערראַשונגען, ווייל עס שטאַמט דאָך פון די פּאָליציי-ראַפּאָרטן און פון די טאָגביכער פון רעגירונגס-באַאַמטע. אַלע די נעמען, וואָס מיר הערן צום ערשטן מאָל — שייכן, וואָס העצן, פוילע בעאַמטע, וואָס ווייסן נישט זייער פליכט — אָבער דער רעגירונג זענען זיי גוט באַקאַנט. און טראָץ דעם: זענען די דאָזיקע שייכן נישט געשטעלט געוואָרן פאַרן געריכט און די דאָזיקע בעאַמטע זענען נישט געוואָרן אַנטזאַגט. די ערשטע גייען אַרום פראַנק און פריי און זעצן וואַרשיינלעך פאָר זייער טעטיקייט און די אַנדערע „פאַר-טיידיקן" אונזער לעבן און אונזער זיכערקייט.

אויף דער גאַס און אין די מעטשעטן איז אַלץ צוריק ווי געווען, יאָ, זאָגאַר פיל ערגער. די אַראַבישע פרעסע רעדט אויף אַ שפראַך, מיט וואָס זי וואָלט נישט געוואַגט זיך צו באַנוצן פאַר די אויגוסט-געשעענישן, און עס דאַכט זיך, ווי די געשעענישן וואָלטן אויפגעוועקט אין די אַראַבישע פּאָליטיקער נייעם חשק צו מאָרד-טאַטן. די פּאָגראָמשטשיקעס זענען געוואָרן העלדן. אין גאַנצן רעגירונגס-אַרסענאַל פון די געזעצן און אַד-מיניסטראַטיווע תקנות, געפינט זיך נישט ווי ס'ווייזט אויס קיין מיטל צו באַקעמפן דעם עקאָנאָמישן באָיקאָט, וואָס כאַפּט אַרום די גאַנצע באַ-פעלקערונג. עס איז דערלויבט, עפנטלעך און בפרוש צו דראָען די יידן מיט נייע פּאָגראָמען און דער רעגירונג מיט אַ נייעם אויפשטאַנד, ווען זי וועט וואַגן שטערן די פּאָגראָמען. די אויסלענדישע פרעסע רעדט איבער פאָרבאַרייטונגען פון די אַראַבער צו פּאָגראָמען, איבער זייער פסדרדיקער באַוואָפנונג, איבער געווער-שמוגל. אַ ענגלישער זשורנאַליסט ווייזט אונז אָן מיט קלאָרע ווערטער די וועגן פון דאָזיקן געווער-שמוגל און די מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך דערמיט, נאָר די רעגירונג ווייס פון גאָר-נישט. זי זעט נישט קיין ערנסטע באַוואָפנונגס-אַקציע פון די פּאָגראָם-העלדן. כדי ווייטער אויפצוהאַלטן און פאַרשטאַרקן דעם אויפברויז אין לאַנד, באַדינען זיך די אַראַבישע פּאָליטיקער מיט אַלע מעגלעכע מיטלען, וואָס זענען פעיק צו באַאיינפלוסן אַ נישט אַנטוויקלט און פאַנטאַזיע-רייך פאָלק. די גאַנצע „רעוואָלוציאָנערע" סימבאָליק, פון דער שוואַרצער פאָן ביזן „באַגראָבן די באַלפור-דעקלאַראַציע" ווערט אויסגענוצט פאַרן דאָזיקן צוועק, גאַסן-דעמאָנסטראַציעס הערן נישט אויף. די אויספאָרשונגס-קאָמיסיע

זאָגאַר קען נישט באַזוכן די ערטער, וואו די אַראַבער זענען באַפאַלן די ייִדן, אַז דער דאָזיקער באַזוך זאָל זיך נישט ענדיקן מיט אַ ייִדנפײַנדלע־כער דעמאָנסטראַציע. אויף דעם אַלעם רעאַגירט די רעגירונג מיט אומ־טעטיקייט. זי האָט זיך ביז אַהער נישט באַדינט מיט קיין איינציקן מיטל, וואָס זאָל באַווײַזן די אַראַבישע פּאָליטיקער, אַז זי איז גרייט זיך אַרײַנ־צומישן, און די אַראַבישע מאַסן, אַז זייערע פירער זענען פאַר זיי צו פירן אויף געפערלעכע, פאַר דער רעגירונג נישט געווינטשטע וועגן. ווען דער הויך־קאָמיסאַר האָט די געלעגנהייט עפנטלעך מיט זײַן פולן אויטאָריטעט צו רעדן איבער די צילן פון זײַן טעטיקייט און דער ריכטונג פון זײַן אַרבעט, דאַן קלינגען זײַנע ווערטער ווי אַ ענטשולדיקונג פאַר די אַראַ־בער און ווי אַ פולשטענדיק נישט אין אַכטנעמען די ייִדן און ציוניסטי־שע באַוועגונג. דער בריוו־אויסטויש צווישן עמיר אבדולאה און הויך־קאָ־מיסאַר איז געווען אַ אייגנאַרטיקער דאָקומענט: חוצפּהדיק און אַרויספאָ־דערנד די ווערטער פון עמיר, תּחנונימדיק די ווערטער פון הויך־קאָמיסאַר.

אין די דאָזיקע אַדמיניסטראַטיוו־געריכטלעכע ראַמען, וואָס לאָזט פריי די פּאָגראָם־אָרגאַניזאַטאָרן און גיט זיי די מעגלעכקייט ווייטער פאָרט־צוזעצן זייער אַרבעט, וואָס לאָזט אויפן פּאַפּיר די פאַראָרדנונג פון קאָ־לעקטיווע שטראָפן, עקזיסטירט נאָר איין אויסנאַם, אין וועלכער עס קומט דאַכט זיך צום אויסדרוק ענערגיע און די אָפּהיטונג פון געזעץ. דאָס זע־נען די טויט־אורטיילן, וואָס זענען געוואָרן אַרויסגעטראָגן איבער עטלעכע פּאָגראָם־העלדן. נאָך מײַן טיפער איבערצייגונג, וועט פון די דאָזיקע אור־טיילן ווען זיי זאָלן ווערן אויסגעפירט, נישט אַרויסקומען קיין ברכה פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג און ציוניסטישן ווערק. מײַן דאָזיקע איבער־צייגונג פליסט אַרויס, נישט נאָר פון אַן אַלגעמיין־נעגאַטיווער שטעלונג קעגן געריכטלעכע טויט־אורטיילן, נאָר אויך פון דעם באַטראַכטן די אַל־געמיינע פּאָליטישע סיטואַציע, אין וועלכער מיר געפינען זיך. ווען אין דער דאָזיקער אַדמיניסטראַטיוו - געריכטלעכער ראַם פון ברעכן רעכט, פון שטראָף־און געזעצלאָזיקייט, וויל מען, ביים צוריקשטעלן די אָרדנונג, זיך קלאַמערן אין דאָזיקן איינציקן פּונקט, דאַן וועט עס לויט מײַן מיי־נונג נאָר קענען דערפילן אַ פּראָוואָקאַטאָרישע אויפגאַבע.

פון וואַנט שטאַמט די דאָזיקע ראַם, פון וואָס עס דראָען אונז גרע־סערע געפאַרן ווי דאָס בלוטבאָד פון אויגוסט? אויף דער דאָזיקער משונהדיקער פּאָליטישער סיטואַציע וואַרפט אַ ליכט אַ כּמעט אַנעקדאָטי־שער געשפּרעך, וואָס איז פאָרגעקומען די טעג צווישן פאָרזיצנדן פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע און דעם רעגירונגס־אַדוואָקאַט. ווען זיי האָבן גע־רעדט וועגן דער געביידע וואָס איז געוואָרן אויפגעשטעלט עטלעכע וואָכן פאַר די געשעענישן ביים כּתל מערבי, האָט דערקלערט דער רעגירונגס־אַדוואָקאַט: ווען ס׳וואָלט געוואָרן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אויפהערן בויען

די געביידע, וואָלט עס אין דער מאַכמעדאַנישער וועלט געמאַכט אַ מוראדיקן איינדרוק. אָבער ה׳ שאו האָט זיך ווייזט אויס נישט געלאָזט פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט אַ גאָרנישט־זאָגנדער פראַגע און ער האָט געפרעגט: וועלכע מאַכמעדאַנישע וועלט — דער וואַקוף, דער מאַכמעדאַנישער ראַט, אָדער דער אַראַבישער עקזעקוטיוו — וואָס מיינט איר? ה׳ פרעידי, האָט ווערנדיק צוגעשטופּט צום וואַנט, געמוזט די דאָזיקע „מאַכמעדאַנישע וועלט״ אויסערגעוויינלעך באַשרענקען — ביז צו די „מאַכמעדאַנער, וואָס וואוינען ביים כתל״.

דאָ ליגט דער שליסל! די מאוסע און שענדלעכע לאַגע, אין וועלכער מיר געפינען זיך, שטאַמט דערפון, וואָס די רעגירונג געפינט זיך אין הענט פון מענטשן, וואָס זען קודם כל פאַר זיך די „מאַכמעדאַנישע וועלט״. ס׳איז נישט קלאָר, פאַרוואָס ה׳ פרעידי האָט געזאָגט דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם זאַץ — אָדער ווייל ער אַליין גלויבט אין דער דאָזיקער שעפּפונג פון זיין פאַנטאַזיע (אויך צווישן די ציוניסטישע פּאָליטיקער און שריפטשטעלער געפינען זיך מענטשן, וואָס זענען באַטייליקט אין דאָזיקן פאַנטאַזיע־ווערק) אָדער ווייל ער האָט געוואָלט שאַפן ביי די קאָמיסיע־מיטגלידער אַ פאַלשן איינדרוק. ס׳איז אוממעגלעך צו וויסן, וואָס איז פאַר די רעגירונגס־קרייזן אין לאַנד די „מאַכמעדאַנישע וועלט״ — אַ פּראָדוקט פון זייער קראַנקער פאַנטאַזיע אָדער אַ מיטל פון פּאָליטישן שווינדל. אָבער וואָס ס׳זאָל נישט זיין די דאָזיקע וועלט — די גרויסע, שטאַרקע אַראַבישע נאַציאָנאַל־באַוועגונג, וואָס איז פעיק אַרויסצורופן רעוואָלוציעס און אויפשטאַנדן, אָדער דער מופטי אין ירושלים, וואָס איז געוואָרן דער פירער פון דער נאַציע, אָדער דער אַראַבישער עקזעקוטיוו, וואָס איז געוואָרן אַ שטאַב פון אַ געוואַלדיקער אַרמעע, אָדער דער עמיר אַבדולא, דער הערשער פון אַ אַראַביש לאַנד, וואָס פאַרייניקט זיך אין הייליקן קאַמף קעגן איינציקן פיינד, וואָס באַדראָט די עקזיסטענץ פון אַראַבישן פאָלק, דאָס הייסט קעגן ציוניזם, די דאָזיקע „מאַכמעדאַנישע וועלט״ איז עס יענע, וואָס גיט דער ירושלימער רעגירונג דעם געווינטשטן אויסרייד, זיך מיט פאַרלייגטע הענט צוצוקוקן צו די פאַרברעכערישע מעשים אין לאַנד, און דעם הויך־קאָמיסאַר צו רעדן אין טאָג פון ענטשולדיקונג מיטן טראַנס־יאָרדאַנישן עמיר און כלפּי דעם אַראַבישן עקזעקוטיוו איינצוגיין אויף כּסדרדיקע פּשרות. און קיינער פרעגט נישט די מושלים אין לאַנד:

„וואָס איז דאָס פאַרא כּח, וועמען איר גיט איבער די גאַנצע הערשאַפט, וואָס געפינט זיך אין אייערע הענט?״ וואָלט די ירושלימער רעגירונג געוואָרן געצוואונגען צו געבן אויף דער דאָזיקער פראַגע אַ קלאָרן ענטפער, ווי עס האָט עס געמוזט טוען ה׳ פריידי דורך דעם פאָרזיצנדן פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, וואָלט דאַן איר תשובה נישט געווען אַ סך אַנדערש פון זיינער.

אָבער ווי עס שיינט פּרעגט נישט קיין מענטש, און דערפֿאַר געשעט אין לאַנד דאָס, וואָס געשעט איבעראַל, וואו עס הערשט אַ שוואַכע רע־גירונג — די קראַפט, וואָס עגזיסטירט נאָר אין דער פֿאַנטאַזיע, וואָס איז פּאַקטיש נאָר אַ נישט־אַנטוויקלטער קערן, וואַקסט און ווערט שטאַרקער און קרעפטיקער און ס׳דראָט די געפֿאַר, אַז זי זאָל ווערן אַ אמתע קראַפט. ס׳קען זיין, אַז די רעגירונג טרייבט נאָר מיטן לאַנד אַ פּאָליטישע שפּיל, אַ פּאָרטזעצונג פֿון שפּיל פֿון די אויגוסט־טעג. זיכער וועלן מיר אָבער דערפֿאַר באַצאָלן אַ הויכן פּרייז און מעגלעך, אַז אויך דער רעגי־רונג וועט די שפּיל קאָסטן טייער. דער הויך־קאָמיסאַר פֿון גרויסבריטאַניע אין פּאַלעסטינע וועט נישט זיין דער ערשטער פֿון די פּאָליטיקער, וועלכער קען זיך פֿון די גייסטער, וואָס ער האָט אַרויסבאַשוואוירן, זיך שוין מער נישט באַפֿרייען.

11 נאָוועמבער 1929

פאַניק-מאַכעריי

ציוניסטן פון חוץ-לארץ, ציוניסטישע זשורנאַליסטן, יידישע זשורנאַליסטן פון דער אַלגעמיינער פרעסע, אַלע מעגלעכע „ליבהאָבער פון דיפּלאָמאַטיע" אין ישוב זעלבסט טוען זיך באַשעפטיקן (מיט דער הילף פון פּאַרשידענע סאָרטן מעמאָראַנדומסן) מיט אַ, אין אונזער שווערע לאַגע, העכסט משונהדיקער אַרבעט. אין פלוג וואָלט דער חוב פון די דאָזיקע אַלע מענטשן, געדאַרפט זיין, זיך אָנצונעמען מיט כח און מוט און זיך צו שטעלן אין פראָנט פון דער פאַרטיידיקונג פון די עיקרדיקע ווערטן פון ציוניזם קעגן די פיל אָנגרייפנדע פיינט. אָבער די דאָזיקע מענטשן האָבן זיך געשטעלט אַ אַנדער ציל: „צו עפענען" אונזערע אויגן איבער דער שטאַרקייט פון פיינט און אַזוי אַרום אונז צווינגען צו שליסן מיט זיי „פרידן"; און אַזוי ווי לויט זייער אַנאַליז איז דער כח פון שונא געוואַלדיק שטאַרק און אונזער כח איז נישטיק, קען דער דאָזיקער שלום ווערן געשלאָסן נאָר פאַרן פרייז פון רעזיגנירן פון די גרונט-יסודות פון ציוניזם און זיינע דעראָבערונגען אין דער פאַרגאַנגנהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט.

ווי דערגרייכט מען דעם דאָזיקן ציל? באַזונדערס, דורך איבערטרייבן דעם כח פון שונא. די דאָזיקע ציוניסטן קומען צו אונז און צו דער אויסערלעכער וועלט און דערציילן אונז אָן גרויסע גוזמאות איבער דער אָרגאַניזאַציע פון די אַראַבער, זייער אחדות, די געוואַלטיקע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, מיט וועמען מיר קענען נישט האַלטן מלחמה. זיי זענען מלא חמה אויף אונז, ווי מיט אַ קורצער צייט צוריק, דער רעדאַקטאָר פון „יידישער רונדשוי", ווייל מיר ווילן נישט זען די ווירקלעכקייט און דאָס וואָרט „פירער" פון אַראַבער שרייבן מיר אין געגנזן-פיסלעך. ווייל די דאָזיקע מענטשן, וואָס האָבן אָנגערייצט אויף אונז די פּאָגראָמשטשיקעס, זענען לויט זייער מיינונג אמתע פירער און די בעסטע ראיה, וואָס די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן זיי טאַקע געפאָלגט.

איז די דאָזיקע שילדערונג ריכטיק, אַנטשפּרעכט זי דער ווירקלעכקייט פון די לעצטע חדשים?

די אראבער האבן זיך פארייניקט און ארגאניזירט. אין וואס איז געקומען צום אויסדרוק די דאזיקע ארגאניזירטקייט און אייניקייט? נישט חלילה אין שעפפערישער טעטיקייט און נישט אין טיפע געדאנקען, נאר דערין, וואס די צייטונגען, וואס זענען פריער דערשינען צווי מאל אין וואך, דערשיינען איצט טעגלעך און דערמיט, וואס דאסווארט פון דער אראבישער אפאזיציע הערט מען נישט מער. מיט אזעלכע מאטיוון, ממש אזעלכע און ענלעכע, קומען די דאזיקע זשורנאליסטן, כדי צו געבן זייערע לעזער א באגריף איבער דער געוואלטיקער מאכט פון די אראבער. עס פעלט זיי גארנישט אין דער געדאנק, אז די דאזיקע דערשיינונג דארף מען דערקלערן מיט דעם פאליטישן אויפברויז, וואס האט איצט ארומגעכאפט דאס לאנד, און מיט נאך א גאר פשוט פראזאישערע סיבה: אין די געלט-מיטלען, וואס געפונען זיך אין די הענט פון די „פירער פון דער באוועגונג". אויסער דעם: איז דורכאויס נישט ריכטיק, אז די אראבישע אפאזיציע איז פולקאם פארשווינדן. דוקא אין דער לעצטער צייט האט זי צוריק אויפגעהויבן דעם קאפ. פארוואס איז מען בכלל אזוי אייליק מיט ארויסציען מסקנות, פארוואס ווארט מען נישט נאך עטלעכע חדשים? אפשר פארענדערט זיך דאס בילד. איז עס דערלויבט, צו מאכן אנטשיידענע אפשאצונגען אויפן גרונט פון דער לאגע, וואס הערשט אין לאנד היינט צו טאג? דערצו קומט נאך צו דער מאמענט, אז מיר ווייסן זייער ווייניק פון דעם, וואס עס קומט פאר אינעווייניק, אין אראבישן לאגער, אבער ס'זענען דא גענוג און גענוג שווערוועגנדע סמנים, וואס שטעלן אונטער א פראגע-צייכן די „אייזערנע אייניקייט" פון דאזיקן לאגער, ווי די דויערהאפטיקייט פון דער דאזיקער אייניקייט.

ס'זענען דא מכלומרשט נאך אנדערע באווייזן איבער דער קראפט פון דער אראבישער „באוועגונג": שווארצע פענער אין 2-טן נאוועמבער, גענעראל-שטרייק. דא האבן מיר פאר זיך א זייער מערקווירדיקע דערשיינונג. די זעלבע מענטשן, וואס ווילן אונז באווייזן די קראפט פון די אראבער אויפן גרונט פון דער דאזיקער דעקאראציע, ווייזן ארויס א אבסאלוטע, איבערטרייבנדע גרינגשעצונג צו אלע אונזערע קאנפערענצן, קאנגרעסן, פאנען און רעדעס. דאס אלץ איז פאר זיי א „לארם-געשריי", וואס האט נישט קיין יסוד און באווייזט דורכאויס נישט דעם כח פון דער באוועגונג. ביי אונז שאצן זיי נאר מעשים, אויפטוען, באזונדערס געלט-אינוועסטיציעס. אגב, איבערטרייבן די דאזיקע קרייזן און זענען געצייגט מבטל צו זיין אלע אנדערע „אימפאנדעראבילִיען", אויף וועמען עס שטיצט זיך א באוועגונג, נישט ווייניקער, ווי אויף פאקטישע לייסטונגען. אבער דאס איז נישט וויכטיק. וויכטיק איז, אז די זעלבע דערשיינונגען, וואס, ווען זיי מערקן זיך ביי אונז, רופן זיי ארויס א גרינגשעצנדע פאראורטיילונג, ווערן באטראכט אלס ערנסט און וואגיק, ווען זיי באווייזן זיך אויף דער אראבישער

זייט. ביי די אַראַבער זעט מען אין גאַנצן דאָזיקן טעראָראַם סמנים פון א „געוואַלטיקער באַוועגונג״, פאַר וואָס מיר מוזן בויגן דעם קאָפּ.

נאַציאָנאַלע באַוועגונג, פירער. מען טאָר נישט שרייבן די דאָזיקע ווערטער אין גענזן־פיסלעך. פאַרוואָס? אין וואָס באַשטייט דאָס רעכט פון די דאָזיקע מענטשן — דעם מופטי און פון אַראַבישן עקזעקוטיוו — זיך אַרויסצושטעלן אַלס פירער פון דער אַראַבישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג? וואָלן? ניין, דער מופטי האָט באַקומען זיין רעגירונגס־פּאָסטן דורך סעמוּעל — קיינער קען נישט פון אונז פאַרלאַנגען, מיר זאָלן צונעמען די גענזנ־פיסלעך פון די „וואַלן צום אַראַבישן קאָנגרעס״. און דאַן „פירער״! פאַר־וואָס? וואָס האָבן זיי געטוען פאַר זייער פאָלק? מיט וואָס האָבן זיי עס אים געפירט פאַרויס, מיט וואָס האָבן זיי געדינט זיינע אינטערעסן? ווען האָבן זיי געזאָרגט פאַר זיין סאָציאַלער פרייהייט, זיין בילדונג, זיין געזונדהייט. וועלכע קרבנות האָבן זיי געבראַכט לטובת אים און ווען? קרבנות, וואָס פאַרפליכטן אונז דערצו, אַז מיר זאָלן זיי אָנערקענען אַלס פירער פון פאָלק? קיינע. זיי זענען אַ גרופּע אויסנוצערס פון זייער פאָלק, פאַר וועמען עס שטייט נאָר פאַרן אויג זייער פערזענלעכע טובה, ווייטער גאָרנישט — אַזוי איז עס היינט יעדנפאַלס. פאַרוואָס זאָלן מיר שרייבן פירער אָן גענזנפיסלעך?

אויף דער דאָזיקער פראַגע עקזיסטירט אַ, דאַכט זיך פאַרניכטנדע, תשובה: די מאַסן פאָלגן די דאָזיקע מענער, זענען זיי די פירער. לאָמיר זיך נישט איילן, לאָמיר פאַמעלעך אַנאַליזירן די דאָזיקע באַהויפּטונג. די מאַסן? ווען, וואו? הונדערטער אַראַבישע דערפער זענען געבליבן רואיק און האָבן בעת די אומרוען נישט פאַרלאָזט זייער פלאַץ. אין גאַנצע ראַ־יאָנען — יהודה, שומרון, גליל — איז דער אויפברויז כמעט ווי נישט גע־ווען פילבאַר. ווען מיר רעכנען צוזאַמען יענע אַלע, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין די פּאָגראָמען (זעלבסטפאַרשטענדלעך מיטן אויסנאַם פון די בעדואינער, וואָס זענען שטענדיק, ווען ס׳איז דאָ אַ געלעגנהייט, גרייט צו באַפאַלן יעדערן, מעגן עס זיין די נאָענטסטע ברידער) און נעמלעך אין אַלע ערטער, וואו אַראַבער זענען באַפאַלן יידן, וועלכער צאָל באַקומען מיר דאַן? מיר שיינט, אַז אויב מיר וועלן אָנציילן עטלעכע טויזנט, וועט עס שוין זיין אַ גוזמא. זענען דאָס די מאַסן? האָבןווירקלעך די דאָזיקע טויזנטער געפאָלגט דעם רוף גראַדע פון די דאָזיקע פירער און זייערע היינטיקע פּאָליטישע לאָזונגען? זענען זיי אַרויס אין גאַס, כדי צו קעמפן קעגן ציוניזם, באַלפור־דעקלעראַציע, יידישע באַפעלקערונג? דאָס איז פשוט נישט אמת. ווערנדיק פאַרבלענדעט, זענען זיי אַרויס קעגן אונז, אויסצופירן די בלוט־נקמה און פאַרטיידיקן די רעליגיע, טיילוויז כדי צו מאַכן פּאָגראָמען און ראַבעווען. פאַרוואָס האָבן זיי דאָס געטוען? נאָך די ערשטע זיצונגען פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע האָט וועגן דעם קיין ספק נישט געקענט

זיין: ווייל מען האָט זיי דערציילט פּלערליי שקרים און בלבולים און מ׳האָט זיי פאַרשפּראָכן, אַז „די רעגירונג איז מיט אונז״, און ווייל די רעגירונג האָט אַלץ געטוען, צו מאַכן גלויבן די פּאַגראָמשטשיקעס אין זייערע שקרים און אויך דערין, אַז זי, די רעגירונג איז „נייטראַל״. דער גאַנצער געדאַנקג־גאַנג, אַז די אַראַבישע פירער זענען דערפאַר פירער, ווייל די מאַסן האָבן זיי געפאָלגט, איז פולקאָם גרונדלאָז. דער אמת איז, אַז די פירער האָבן אַוועקגעלייגט אומגעהויערע כּחות ביים אויפבּונטעווען די אַראַבער קעגן די יידן, און האָבן זיך צו דעם צוועק באַנוצט מיט ראַדיקאַלע מיטלען (וואָס קען ווירקן מער ווי די ידיעה וועגן דער צעשטערונג פון אָמאַר־מעטשעט?), זיי האָבן געוואָרפן אויפן וואַגשאָל די העכסטע אויטאָריטעטן, וואָס זענען געשטאַנען צו זייער באַפעל (רעליגיע! גרויס־מופטי!), מ׳האָט אויפגערייצט די נידעריקסטע אינסטינקטן, מ׳האָט אַנטוויקלט די דאָזיקע גאַנצע טעטיקייט אונטער די גינסטיקסטע פּאָליטישע באַדינגונגען (לוק! די אָפּוועזנהייט פון הויך־קאָמיסאַר, די אָפּוועזנהייט פון יידישע פירער פון לאַנד, אומגלויבלעכע קורצזיכטיקייט פון געוויסע יידישע קרייזן!) און ס׳איז זיי פאַקטיש געלונגען צו צעשטערן 3—4 יידישע ישובים און אָרגאַניזירן די בלוט־שחיטה פון חברון און צפת (שוואַכע ישובים, וואָס זענען נישט פעיק געווען אויף קיין שום זעלבסט־פאַרטיידיקונג), אָבער פון שטאַנדפּונקט פון אַ „נאַציאָנאַלער באַוועגונג״, פון אַ „מאַסן־באַוועגונג״ האָבן זיי געליטן אַ אומגעהויערע מפּלה, אַזוי לויט דער צאָל באַטייליקטע אין די אומרוען, און אַזוי לויט דעם כאַראַקטער, וואָס די „באַוועגונג״ האָט געטראָגן.

אויך דאָ חזרט זיך איבער יענע משונהדיקע דערשיינונג, וואָס מיר האָבן אויבן כאַראַקטעריזירט. די זעלבע מענטשן, וואָס זעען אין די אויגוסט־פּאָגראָמען די באַפּולמעכטיקונג צו באַטראַכטן דעם גרויס־מופטי אַלס פירער פון דער אַראַבישער נאַציע, האָבן, ווען זיי אורטיילן איבער אונזערע ענינים, אַ גאַנץ אַנדערן מאַסשטאַב. זיי פאָדערן פון אונזער באַוועגונג אַלס באַווייז פון אונזער קראַפט און גרויסקייט, טיפע און רייכע געדאַנקען און אַ איבערנאַציאָנאַלן געדאַנקן־גאַנג. און דאָס מיט רעכט. אָבער פאַר דער אַראַבישער באַוועגונג גענוגן פּאָגראָמען, כּדי איר צו אָנערקענען אַלס שטאַרק און מעכטיק, אַלס נאַציאָנאַלע פרייהייט־באַוועגונג.

נאָך די פּאָגראָמען אין לאַנד האָט געשלאָגן די שעה פון דער „אַראַבישער וועלט״. וואו איז זי? וואו זענען עגיפּטן, סיריע, איראַק, זאָגאַר עבר־הירדן? וואו איז די גרויסע פּאָליטישע הילף פון די פּאָליטישע לענדער? וואו זענען די באַגייסטערטע מאַסן און די רייכע פּאַטריאָטן, וואָס זענען מנדר גרויסע סומען? וואו זענען די מעשים און אויפטוען? וואו זעט מען צום סוף די גרויסע באַטייליקונג אין דער בויקאָט־באַוועגונג פון דער יידיש־פּאַלעסטינישער פּראָדוקציע? פון דעם אַלעם האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם.

ס׳איז פֿאַרשטענדלעך, אַז די אַראַבישע פּרעסע פֿעלשט די ווירקלעכ־קייט. דערויף שטיצט זיך איר עקזיסטענץ. ס׳איז פֿאַרשטענדלעך, אַז ליוק און זיין חברותא פֿאַדרייט דעם אמת. זיי מוזן איצט ראַטעווען זיך זעלבסט. אָבער די ציוניסטן? צוואָס מוזן זיי זיך באַטייליקן אין דאָזיקן ווערק פֿון שקר און פֿאַרדרייונג? צו וואָס דאַרפֿן זיי האָבן די „נאַציאָנאַלע אַראַבישע באַוועגונג" מיט אירע „מעכטיקע פֿירער"? פֿאַרוואָס פֿאַרשטייען זיי נישט אַז דער כּוח, וואָס זיי שטעלן אַוועק פֿאַר אונזערע אויגן, שטאַמט פֿון זייער פֿאַנטאַזיע, און אַז אויב ער וועט באמת ווערן אַ כּח, וועט דאָס נאָר זיין אַ דאַנק ליוק און די פּאַניק צווישן די יידן, וואָס זיי אַליין, די גוטע ציוניסטן פֿאַרשפּרייטן מיטביידע הענט. זיי די ציוניסטן, וואָס קענען גענוי דאָס פּאָליטישע לעבן פֿון דייטשלאַנד, עסטרייך, פֿראַנק־רייך, ענגלאַנד, און אַמעריקע, ווי אַזוי האָבן זיי נישט געלערנט פֿון דער געשיכטע פֿון די דאָזיקע פֿעלקער אין די לעצטע יאָרן, און די נאָך־מלחמה־יאָרן, אַז ווען די דאָזיקע פֿעלקער וואָלטן זיך קעגן די „פּאָגראָם מאַכערס" צווישן זיי זיך אַזוי געהאַלטן, ווי די דאָזיקע ציוניסטן פֿאָדערן מיר זאָלן זיך האַלטן קעגן דעם מופֿטי און זיינע אָנהענגער, וואָלטן שוין די דאָזיקע מלכות לאַנג אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער דיקטאַטור פֿון קאָ־מוניסטן אָדער „די שוואַרצע הונדערט?" ווייל ווער האָט דען נישט גע־פּרוּווט — און ווען איז עס נישט אין אַ געוויסער מאָס געלונגען — אויפֿצוּווייזן די „פֿעיקייט צו זיין פֿאָלקס־פֿירער" מיט דעם איינפֿאַכן רע־צעפּט: די אָרגאַניזירונג פֿון אומרוען? פֿון אונז הענגט עס אָפּ אין אַ אַנטשיידענער מאָס, צי די דאָזיקע קרייזן וועלן בלייבן עקזיסטירן, אָדער זיי וועלן מוזן אויפֿגעבן זייער שטעלונג. פֿון אונז הענגט עס אָפּ — ווייל עס קעמפֿט קעגן אונז נישט אַ געוואַלדיקער חיל, נאָר גרופּן פּאָליטיקאַ־נער. די אַראַבישע פֿראַגע — דאָס אַראַבישע פֿאָלק איז אַ פֿראַגע פֿאַר זיך. מיר מוזן לעזן די דאָזיקע פֿראַגע, מיר מוזן געפֿונען אַ וועג פֿון פֿרידלעכן צוזאַמענלעבן מיט דעם אַראַבישן פֿאָלק. אָבער עס איז נישטאָ קיין פּאָליטישער, און נאָך מער נישט קיין מאָראַלישער יסוד, איבערצוגעבן אונזער גורל אין די הענט פֿון דער דאָזיקער באַנדע. ווען מיר וועלן נאָר זיין מוטיק און דענקען איבערלייגט, ווען מיר וועלן נישט לאָזן זיך מיטרייסן פֿון פּאַניק־שטימונגען, ווען מיר וועלן ביי יעדער געלעגנהייט און אויף יעדן אָרט אויפֿדעקן די פֿעלשונגען פֿון ליוק און מופֿטי, ווען מיר וועלן אָן אינערלעכן צווייפֿל און דרייסט פֿאָדערן אונזערע רעכט אויפֿצובויען די יידישע היים אין פּאַלעסטינע, נישט וועלנדיק קיינעם שאָדן ברענגען אָדער פֿאַרגוואַלדיקן עמיצנס רעכט, נאָר דאַן וועלן מיר קענען פֿאַרווירקלעכן אונזער ווערק.

13 נאָוועמבער 1929

שלום, אָבער נישט רעזיגנאַציע

אין זיין רעדע ביי דער אוניווערזיטעטס־דערעפנונג האָט ד״ר מאַגנעס געזאָגט: איינע פון די גרעסטע קולטור־חובות פון יידישן פאָלק איז דער פרואוו אַריינצוקומען אין צוגעזאָגטן לאַנד, נישט אויפן וועג פון ערָאבערונג ווי יהושע, נאָר אַריינצודרינגען אין לאַנד דורך וועגן פון פרידן, קולטור, פון אַרבעט, קרבנות און ליבע און מיטן באַשלוס נישט צו טוען קיין זאַך, וואָס איז נישט רעכטפערטיק פאַרן וועלט־געוויסן. ריכטיקע רייד. מער נאָך: מיר זענען באַרעכטיקט צו זאָגן, אַז די דאָזיקע פליכטן, וואָס ד״ר מאַגנעס האָט אָנגעוואָרפן ווי אַ מין צוקונפטס־פּראָגראַם, דערפילט דאָס יידישע פאָלק, לכל הפחות אין אַ ברייטער מאָס. ווייל דער דאָזי־קער פרואוו אַריינצוקומען „אינצוגעזאָגטן לאַנד״ האָט זיך נישט אָנגעהויבן דאַן, ווען דאָס לאַנד איז געוואָרן ערָאבערט דורך די ענגלענדער. עס איז געווען אַ צייט, ווען די לאַנדעס־רעגירונג האָט אונז נישט אַנערקענט, נאָר באַ־קעמפט; אָבער אויך דאַן האָבן די יידן זיך נישט צוריקגעצויגן פאַר שווערע אַרבעט און קרבנות און האָבן פאָרטגעזעצט פירן זייער קאָלאָני־זאַציע־טעטיקייט אין „וועגן פון פרידן און קולטור״. זייט דער ערָאבערונג פון לאַנד דורך די ענגלענדער האָט זיך אין פלוג געענדערט דאָס בילד. אָבער נאָר פאַרן אויג פון פרעמדן צושויער. די וועלכע שטיין אינערהאַלב דער יידישער אַרבעט אין לאַנד, ווייסן זער גוט, אַז אין דער ווירקלעכ־קייט איז אונז אויך אין דער דאָזיקער תקופה געבליבן פאַרשלאָסן דער וועג פון יהושע״, אַז אויך דאַן ווען מיר וואָלטן געוואָלט, וואָלטן מיר אויך נישט געקענט גיין אויף דעם דאָזיקן וועג, און אַז מיר האָבן זיך אויך אין דאָזיקן צייט־אָפשניט קיינמאָל נישט באַנוצט מיטן „באַגנעט״. אויך במשך פון די דאָזיקע יאָרן איז אונז נישט געבליבן אָפן קיין אַנדער וועג, ווי דער וועג פון שווערער, קרבונות־פולער, פרידלעכער אַרבעט, דעם וועג, וואָס עס פּרעדיקט אונז ד״ר מאַגנעס.

אָבער דורך דעם, וואָס מיר האָבן פעסגעשטעלט די דאָ־זיקע טאַט־זאַך, און דערמיט, וואָס מיר האָבן ווידער אַמאָל

איבערגעחזרט, אַז ס'איז נויטווענדיק אייגצושטעלן פרידן און פאַרשטענדיקונג, האָבן מיר דעם וועג, וואָס ליגט פאַר אונז, נאָך נישט געגנוי באַצייכנט און אָנגעוויזן. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז מיר וועלן אין דער צוקונפט מאַכן נאָך גרעסערע אָנשטרענגונגען ווי ביז אַ הער און מיר וועלן ווידמען אונזערע בעסטע כּחות פאַר דער לעזונג פון אַראַביש-יידישן פּראָבלעם. לאָמיר זיך ווייטער פאָרשטעלן, אַז מיר וועלן געפונען וועגן פאַר פאַרשטענדיקונג, וואָס זיכערן אונז דאָס, וואָס מיר ברויכן (אָן דעם איז נישטאָ קיין יסוד פאַר אַ פאַרשטענדיקונג): די פאָרטזעצונג פון אונזער ווערק; און פון דער צווייטער זייט וועט דער 2-טער צד בלייבן איינגעקשנט ביי זין איינגעשפּאַרטער בייזוויליקער קעגנערשאַפט צו אונזער זאַך און וואָלט ווי ביז אַהער געענטפערט מיט אַ אַבסאָלוטן „ניין“, — וואָס וועלן מיר דאַן טוען? דאָס איז די פראַגע, וואָס קיינער, וועלכער זוכט דעם וועג פון פרידן, נישט נאָר, כּדי אים צו פרעדיקן, נאָר כּדי צו אַרבעטן פאַר דער ציוניסטישער זאַך, קען נישט אויסמיידן, און דר. מאַגנעס, וועלכער האָט זיכער געפילט די דאָזיקע פראַגע—וואָס איז די באמת-טראַגישע פראַגע אינם יידיש-אַראַבישן פּראַגן-קאָמפּלעקס, גיט אויף איר אַ ענטפער, וואָס ס'איז פאַר אונז אוממעגלעך אָנצונעמען, ווייל ער איז אומגערעכט און איז פאַרבינדן מיט דעם אונטערגאַנג פון אונזער פאָלק. ד"ר מ. זאָגט. „אויב ס'זאָל אונז נישט געלונגען, צו געפונען וועגן פון שלום און פאַרשטענדיקונג, איז אונזער גאַנצע אַרבעט נישט ווערט, אַז מיר זאָלן זיך מיט איר באַשעפטיקן, און ס'איז בעסער, אַז דאָס „אייביקע פאָלק“, וואָס האָט אַזוי לאַנג געלעבט און געזען אונטערגיין אַזוי פיל מעכטיקע פעלקער, זאָל זיך ווייטער אָנגירטלען מיט געדולד, נעמען שמידן אַנדערע פּלענער און אויסוואַרטן“. וואָס באַדייטן די ווערטער: „ווען ס'זאָל אונז נישט געלונגען צו געפונען וועגן פון פרידן און פאַרשטענדיקונג?“. אויב דאָס באַדייט: מיר האָבן אַלץ געטוען, כּדי צו געפונען די דאָזיקע וועגן, אָבער מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אייזערנער וואַנט — די אַראַבער זענען נישט מסכּים צו דער פאָרטזעצונג פון אונזער ווערק או, ערפאַר מוזן מיר זיך אָפּזאָגן פון אונזער זאַך און ווייטער נעמען „וואַר — ליגט נישט דאַן אין דער דאָזיקער נאָכגעביקייט קיין גערעכטיקייט און זי איז סותר דעם לעבנסווילן און דער שעפערישער קראַפט פון אונזער פאָלק.

דער צוריקקער פון די יידן אין זייער לאַנד איז אַ אַבסאָלוטער ווערט, וואָס איז נישט אָפּהענגיק פון באַדינגונגען. זי איז דער אַלף און תּיו פון דער ציוניסטישער לערע און ווער עס טרעט אַרויס קעגן דאָזיקן גרונדזאַץ, דער טרעט אַרויס קעגן גאַנצן ציוניזם. דאָס דאָזיקע לאַנד פּאַלעסטינע איז אַ לאַנד פון יידישן פאָלק. עס איז אויך דאָס לאַנד פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג און קיין ציוניסט וויל די אַראַבער נישט פאַר-

טרייבן אָדער באַקעמפן; מיר אַלע זענען פאַרפליכטעט, צוזאַמען מיט זיי, צו זוכן געמיינזאַמע לעבנספאָרמען, אָן געוואַלט און אונטערדריקונג. אָבער דער פאַקט, אַז אין פּאַלעסטינע געפינען זיך עטלעכע הונדערט טויזנט אַראַבער, ענדערט גאָרנישט אינם יסודותדיקן טעזיס, מיט וואָס דער גאַנצער ציוניזם שטייט אויף און פאַלט: אַז דער צוריקקער פון די יידן אין דאָזיקן לאַנד שטיצט זיך נישט אויף חסד, נאָר אויף רעכט. דאָס איז נישט נאָר אַ גליקלעכער זאַץ פון ענגלישן דאָקומענט, וואָס קאָמענטירט די באַלפור-דעקלעראַציע, נאָר דער יסוד פון גאַנצן ציוניזם, וואָס איז אומדערשיטערלעך. די פאָרטזעצונג פון אונזער ווערק הענגט נישט אָפּ פון עמיצנס הסכמה. אונזער זאַך קען דערגרייכט ווערן שווערער אָדער לייכטער, שנעלער אָדער לאַנגזאַמער, אינגאַנצן קאָנצענטרירט אויף שעפערישע אַרבעט אָדער ווערנדיק געצוואונגען אַוועקצורוימען אַלע שטערונגען פון וועג — דאָס אַלץ ווענדט זיך אין דער צושטימונג אָדער שטערונג מצד אַנדערע כחות, וואָס זענען אינטערעסירט אין פּאַלעסטינע, אָבער קיין כח אין דער וועלט, און מעגן עס זיין דער פעלקער-בונד, אָדער די מאַנדאַט-רעגירונג, אָדער די אַראַבער אין לאַנד, קען אונז נישט צונעמען דאָס רעכט אויף קאָלאָניזאַציע-אַרבעט אין דאָזיקן לאַנד. וואָס עס זאָל נישט געשען מיט אונז, אונזער ווערק רייסן מיר נישט איבער און פון אונזער אַרבעט אַנטזאַגן מיר זיך נישט. אונזער ציל גייען מיר אַנטקעגן מיט אַלע אין אונזער רשות פאַרהאַנענע מיטלען, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פאָלק, וואָס ווייס זיין רעכט. דאָס „וועלט-געוויסן” וועט אונז געבן גערעכט, ווייל אין זיין יסוד ליגט די אַנערקענונג פון די רעכט פון יעדן פאָלק אויף זיין היימאַט. אויב עס פעלט די דאָזיקע אַנערקענונג, ווען די „נישט צושטימונג” פון עטלעכע הונדערט טויזנט אַראַבער, וואָס וואוינען אין פּאַלעסטינע און וועמען מיר האָבן קיינמאָל קיין עולות נישט געטוען, וועלן ווערן העכער געשטעלט איבער די רעכט פון יידישן פאָלק און דער יידישער געשיכטע, איז דאַן דאָס וועלט-געוויסן געפעלשט און עס עקזיסטירט בכלל נישט.

איז עס דען דאָס ערשטע מאָל, ווען עס ווערט באַצווייפלט די רעכט פון אַ פאָלק אויף זיין פרייהייט? באַגלייטן דען נישט ענלעכע קאַמפן, אָנגעפירט פון מעכטיקערע כחות ווי די, וואָס באַקעמפן אונז, די ווידער-אויפלעבונג פון יעדן פאָלק, וואָס קעמפט פאַר זיין פרייהייט? ד״ר מ. דערמאָנט אָן זיין רעדע מאַזיניז. ווען דער דאָזיקער פירער האָט זיך באַוויזן אין איטאַליענישן פאָלק, מיט וויפל פאַרפאָלגונגען איז ער געוואָרן אויפגענומען! מיט חוזק און באַליידיקונגען האָט אים באַגעגנט דאָס איטאַליענישע פאָלק, פון פּיעמאָנט אין צפון ביז סיציליע אין דרום. און פון דרויסן זענען געשטאַנען קעגן אים דער קייזער פון עסטרייך און די קעניגן פון רוסלאַנד, פראַנקרייך און שפּאַניע, די גרעסטע וויכטיקסטע כחות פון יענער צייט. די קאַטוילישע וועלטקירכע, האָט פּראָקלאַמירט

קעגן אים אַ קאַמף אויף טויט און אויף לעבן. אַ פאַנטאַזיאַר און מער־דער איז ער געווען אין די אויגן פון דער וועלט. אַן אַלגעמיינע „נישט־צושטימונג". פאַקטיש האָט נישט עקזיסטירט קיין כח, אויף וועלכן ער זאָל זיך קענען שטיצן. ווייל איטאַליע האָט גאָרנישט עקזיסטירט דאַן, ס'איז נאָר געווען אַ „געאָגראַפישער באַגריף". וואָלט ד"ר מ. זיין רעדע געהאַלטן נישט איבער דעם יידישן רענעסאַנס, נאָר איבער דעם איטאַליע־נישן, און נישט אין 1929 נאָר אין 1829—מאַציני איז דאַן אַלט געווען 24 יאָר און איז שוין געווען אינמיטן פון זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט -- וואָלט ער דאַן אים געגעבן די עצה זיך אָפּצוזאָגן פון זיינע פּלענער צוליב דער אַלגעמיינער נישט צושטימונג פון אינעווייניק ווי פון דרויסן. און די אוממעגלעכקייט צו געפונען „וועגן פון פאַרשטענדניש" מיטן פויבסט, מיט די קעניגן און פירשטן און מיט דעם אייגענעם, אַלס פאָלק נאָך נישט עקזיסטירנדן, פאָלק? די לאָגיק פון זיין רעדע וואָלט ד"ר מ. פאַרפליכטעט צו געבן מאַזינין אַזאַ ענלעכע עצה. הונדערט יאָר זענען פאַריבער — און די געשטאַלט פון מאַזיני לייכט אויפן האָריזאָנט פון דער געשיכטע ווי דער נביא פון איטאַליע און דער גאַנצער וועלט.

מען זאָל אונז נאָר נישט טרייסטן מיט „געדולד", מיט אויסזיכטס־פולע נייע פּלענער, מען זאָל אונז נאָר נישט פאַרוויגן מיט דעם באַוווסט־זיין, אַז מיר זענען אַ אַלט פאָלק, וואָס האָט „געזען אונטערגיין פיל מעכטיקע אימפעריעס". די צייטן זענען פאַריבער, ווען פאַר אַ פאָלק איז גענוג געווען צו האָבן דעם כח אויסצוואַרטן בעסערע צייטן, ווען דאָס צוקוקן זיך צום אונטערגאַנג פון אַנדערע, האָט געקענט טרייסטן דאָס „אייביקע פאָלק". מיר האָבן שוין פאַרזוכט דעם טעם פון דעם דאָזיקן בילדיקן טרייסט. אין וואָס ס'זענען גלייכצייטיק פאַראַן סיי קריכערישקייט און געפאַלנקייט און סיי דאָס גאוהדיקע אתה בחרתנו־געפיל פון שוואַכערן. מיר האָבן דעם בעכער פון דער דאָזיקער טרייסט אויסגעטרונקען ביז צום דנאָ, און זיין זיסער סם איז אונז ביטער ביז אומדערטרעגלעכקייט. און וואָס אַנבעלאַנגט די „נייע פּלענער", זענען פאַרן יידישן פאָלק נישטאָ קיין אַנדערע, ווי דער צוריקקער נאָך ארץ־ישראל. וואָלט נישט געלעבט אין אונז דאָס דאָזיקע געפיל, וואָלט עס אונז נישט דורכגעדרונגען ביז די טיפסטע טיפענישן פון אונזער נשמה, וואָלטן מיר דאַן נישט געהייסן ציוניסטן און מיר וואָלטן נישט געקומען אַהער פון אַלע ווינקלען פון דער וועלט. נאָר איין ברירה שטייט פאַר אונזערע אויגן: אָדער פאָרטזעצן דאָס פּאַלעסטינישע אויפבוי־ווערק אָדער ענטאַרטונג און אונטערגאַנג אין דער פרעמד. און קיין—מעג זיין דער גלענצנדסטער נאָמען פאַר דער דאָזיקער אַנט־אַרטונג, קען נישט פאַרדעקן איר אינערלעכן וועזן. דערפאַר האָבן מיר נישט קיין ברירה: פאַר דער פאַרלייכטערונג פון אונזער אויפטו, פאַר זיין ריינקייט און דער ריינקייט פון זיינע בויער, ווען מיר זיך באַמיען

צו באַקומען די צושטימונג פון אַלע יענע, וואָס זענען אינטערעסירט אין לאַנד פאַר אונזער זאַך, און אין דער ערשטער רייע וועלן מיר זוכן יעדע מעגלעכקייט פון אַ אויסגלייך מיט די פאַלעסטינישע אַראַבער, אָבער אונזער זאַך אַליין. אונזער רעכט און אונזער פליכט פאָרטצוזעצן אונזער אַרבעט צו יעדער צייט און אונטער אַלע באַדינגונגען, זענען נישט אָפּהענגיק פון קיינעמס הסכמות.

22 נאָוועמבער 1929

אויפן פאליטישן געביט

א.

דער בריוו פון מאק־מאהאן און די ריינקייט פון דעמאראטיע

די אויפקלערונג און באטראכטונג פון דער איינציקער פראגע — די פראגע פון באציונגען צווישן די יידן, אראבער און ענגלענדער — קאנצענטרירט זיך כמעט שטענדיק בלויז אין שטח פון פאליטיק. מען רעדט וועגן זעלבסטפארוואלטונג, וועגן „פארלאמענט", וועגן א „נאציאנאלער רעגירונג" אין פארשידענע פארמען, מיט פארשידענע באגרענעצונגען, מיט א ברייטער אדער שמאלער קאנפאטענץ פון די רעפרעזענטאטיווע אנשטאלטן.

דער דאזיקער צוגאנג צו דער פראגע ווערט בכלל נישט באטראכט דורך דעם איינגעארטיקן מצב, אין וועלכן עס געפונט זיך ארץ ישראל.

די פאדערונגען פון די אראבישע פירער, ס'זאל ווערן געשאפן א „נאציאנאלע רעגירונג", זענען קודם־כל באזירט אויף די ענגלישע פארפליכטונגען בעתן קריג. ס'איז דא א בריוו פון מאק־מאהאן. אבער צו ס'איז גוט, צו שלעכט, ס'בלייבט אבער א פאקט, אז די הבטחות, וואס מ'האט געגעבן בעת דער מלחמה, אין ברען פון די שלאכטן, ווען די פאליטיקער און די פעלקער זענען גרייט געווען זיך צו באנוצן, כדי זיך צו ראטעווען, מיט כלערליי פלענער און פארשלאגן, אבי זיי זאלן געווינען דעם קריג, זענען נישט פארפליכטנד אויך נאך דער מלחמה, אויב די אין דער זאך פאראינטערעסירטע האבן נישט געזארגט דערפאר, אז די דאזיקע הבטחות זאלן אננעמען א רעאלע פארם און אויף וויפל דאס איז מעגלעך א אינטערנאציאנאלע פארם אויך נאך קריג, בעתן שליסן דעם שלום. קיינער האט נישט געקענט פאראויסזעען מיט אבסאלוטער באשטימטקייט דעם מיליטערישן און דיפלאמאטישן מצב פון דער וועלט נאכן קריג און די ענדערונגען, וואס קענען פארקומען אין דער אינטערנאציאנאלער קארטע און אין די צווישן־פעלקערלעכע כחות־באציונגען. די קאאליציע־רעגירונגען האבן געהאט באשטימטע התחיבותן כלפי רוסלאנד, אבער דער צארישער

רעזשים איז געפאַלן און מיט אים זענען אַנולירט געוואָרן די קריגס-פאַר-פליכטונגען פון דאָזיקן לאַנד. באַשטימטע הבטחות זענען געגעבן געוואָרן איטאַליע בנוגע דעם אַדראַטישן ים, אָבער די צוזאָגן זענען געגעבן געוואָרן, איידער די פאַראייניקטע שטאַטן זענען צוגעשטאַנען צו דער קאָאַליציע — און דער נייער, מעכטיקער פאַרבינדעטער האָט זיך אַנטזאָגט צו אָנערקע-נען די הבטחות און דערפאַר זענען זיי נישט געוואָרן אויסגעפירט אין זייער פולן פאַרנעם. פאַרשפּרעכונגען זענען געוואָרן געמאַכט גריכנלאַנד — און נישט נאָר בעתן קריג, נאָר שוין בעתן שליסן דעם שלום — אין דזשעמאַל פּאַשאַ האָט זיך זיי קעגנגעשטעלט, האָט געענדערט דעם אָביעק-טיוון מצב און די קאָאַליציע-רעגירונגען האָבן זיך אונטערגעגעבן. ווען ס'איז געוואָרן פּראָקלאַמירט די באַלפור-דעקלאַראַציע, איז איר אינהאַלט, אין באַוואוסטזיין פון די ענגלישע פּאָליטיקער, געווען פיל ברייטער פון א"י-מאַנדאַט, וואָס איז געוואָרן דערנאָך באַשטעטיקט. קיינער — אויסער אפשר די ציוניסטן אַליין — האָט נישט פאַרשטאַנען די דעקלאַראַציע אַנדערש ווי די פּראָקלאַמירונג פון דער „יידישער מדינה". און דאָך איז געוואָרן געשאַפן, נאָכן קריג, אַזאַ אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע, וואָס האָט נישט דערמעגלעכט צו געבן אַזאַ ברייטע אויסטייטשונג פון דער דעקלאַ-ראַציע, און די ציוניסטן האָבן שלום געמאַכט מיטן מאַנדאַט, און ווען די ציוניסטן וואָלטן נישט געזאָרגט דערפאַר, אַז זיי זאָלן האָבן דעם מאַנדאַט, ד. ה. אַז די באַלפור-דעקלאַראַציע זאָל נישט באַלד נאָכן קריג באַקומען אַ באַשטימטע אינטערנאַציאָנאַלע פאָרם, וואָלט דער ווערט פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע נישט געווען קיין סך גרעסער ווי דער פון מאַק-מאַהאָנס בריוו. גוט, צו שלעכט — אַזוי איז דער מצב, וואָס האָט אויך זיין אָביעקטיווע באַרעכטיקונג. מלחמה-הבטחות זענען נישט קיין קאָנטראַקטן, זיי זענען נאָר ווערט - פּאַפּירן, וואָס מען דאַרף נאָך פיל אַרבעטן כדי צו באַקומען זייער פולן ווערט.

אַ באַזונדערס קליינע באַדייטונג האָט דער בריוו פון מאַק-מאַהאָן, אויף וועמען עס שטיצן זיך די אַראַבישע פירער און פיל פון די ענגלענדער, און צווישן זיי — ווי משונהדיק! — אויך פילבי. וואָס האָט בעתן קריג אָנגעשטרענגט אַלע כחות כדי צו מאַכן צו נישט מאַק-מאַהאָנס בריוו. אַן און פאַר זיך — איז די דאָזיקע הבטחה אומבאַשטימט און זי האָט אויך נישט קיין אָפיציעלע באַשטעטיקונג פון דער ענגלישער רעגי-רונג. די איבריקע לענדער, וואָס זענען געווען די פאַרבינדעטע פון ענג-לאַנד, און דערפאַר האָבן זיי געמעגט צוזאַמען מיט איר זיך באַטייליקן ביים אויסאַרבעטן די געאָגראַפישע קאַרטע נאָכן קריג, אויך זיי האָבן גאָרנישט געוואוסט וועגן דעם בריוו. דער בריוו דערמאָנט אויך בפירוש די נויטווענדיקייט אין געוויסע רעפאָרמען אין הוסיין-פּלאַן און ס'איז טערליגט נישט קיין ספק, אַז די ערשטע רעפאָרם האָט געדאַרפט זיין דאָס אַרויס-

נעמען סיריע (וואָס האָט איינגעשלאָסן אויך ארץ ישראל) פון דער הוסיי־נער „אַראַבישער מלוכה". דערויף זאָגן עדות די אונטערהאַנדלונגען, וואָס האָבן זיך פונקט דאַן טאַקע געפירט צווישן די קאָאַליציע־רעגירונגען דוקא וועגן א"י, (דער סייקס־פּיקאָ־אָפּמאַך), דערויף זאָגן אויך עדות די אונטער־האַנדלונגען, וואָס מ'האָט דאַן געפירט, איבער אַ יאָר, מיט דער ציוניסטי־שער אָרגאַניזאַציע, כמעט עפנטלעך, על כל פנים נישט געהיים. איידער ס'איז געקומען צו דער פאַרעפנטלעכונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע. אין משך פון דער דאָזיקער גאַנצער צייט האָבן די הוסיינער נישט פּראָ־טעסטירט קעגן אויסשליסן א"י פון זייער צוקונפטיקער מלוכה, צוליב אַ פשוטן טעם — ווייל אַנדערש האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען מאַק־מאַהאָנס בריוו און זיי האָבן פריער שלום געמאַכט מיטן געדאַנק וועגן „פאַרלירן" די דאָזיקע קליינע פּראָווינץ. און נישט נאָר וואָס זיי האָבן נישט פּראָטעסטירט, נאָר זיי האָבן אויך אויף אַ אָפיציעלן, קאַטעגאָרישן אויפן אַנערקענט דעם ציוניסטישן פּראָגראַם (בריוו פון פייזול צו ד"ר פראַנקפורטער אין דער צייט פון ווערסיילער קאָנפערענץ).

און צי האָט דען נאָר דאָס באַזייטיקן א"י פון אַלגעמיינעם פּלאַן געשטערט אויסצופירן מאַק־מאַהאָנס־בריוו? די אַראַבישע מלוכה איז דאָך סיי ווי נישט אַנטשטאַנען, און נישט דוקא דערפאַר, ווייל אין דער צווישן־צייט איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט די באַלפור־דעקלאַראַציע. דער זעלבער פילבי, וואָס שטיצט זיך היינט אויף מאַק־מאַהאָנס בריוו, כדי צו מאַכן אַ דרוק אויף די ציוניסטן, ער אַליין האָט פיל מערער פאַר זיי מיטגעווירקט צום דורכפאַל פון די הוסיינער פּלענער. און אויב ס'וועט שוין ווערן אַנולירט די באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָלטן דען דאַן זיך פאַרייניקט אַלע אַראַבישע לענדער אונטער דער הערשאַפט פון אַלטן הוסיין, וואָס זיצט אויף דער ציפּערן־אינזל?

די „אינטערנאַציאָנאַלע" פאָדערונג פון די אַראַבישע פירער האָט נישט קיין שום יסוד. — על כל פנים, וואָס נוגע ארץ־ישראל, אין דאָזיקן פונקט האָבן זיי אפילו נישט קיין רעכט צו באַהויפּטן, אַז ווער ס'איז האָט זיי „גענאַרט", ווייל זיי האָבן זיך בכוונה אויסגעטראַכט אילוזיעס און גע־גלויבט זיי צו קענען דערנאָך פאַרוואַנדלען אין פאַקטן. אין דעם פאַל זענען אויך קיינמאָל אפילו קיין אילוזיעס נישט געווען.

די אַראַבישע פירער — און אָפטמאָל ציוניסטן — האָבן אַן אַנדער טענה: דער דעמאָקראַטישער פּרינציפּ, וואָס יידן קעמפן פאַר אים איבעראַל, דער פּרינציפּ פון זעלבסבאַשטימונגס־רעכט, אויף וואָס עס באַזירט דער ציוניזם, זיי פאַרפליכטן עס איינצופירן אַ רעפּרעזענטאַטיוון רעזשים אין א"י.

דער דעמאָקראַטישער פּרינציפּ איז הייליק — נישט קוקנדיק אויף די שווערע נסיונות, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין אין פיל איירא־

פעישע לענדער. אַלע תּורות פון די קאָמוניסטן און פאַשיסטן איבער דער אַנטאַרטונג פון פאַרלאַמענטאַריזם, איבער די פעלערן פון פאָלקס-פירשאַפט האָבן נישט קיין האַפט. אַלע זענען זיי געשאַפן געוואָרן צו אַ באַשטימטן ציל: צו באַרעכטיקן די הערשאַפט פון טיראַנען איבער די פאָלקס-מאַסן. דער פאַרלאַמענטאַריזם ליידט באמת אויף פיל קרענק, אָבער מען דאַרף נישט זוכן אַ רפואה אין דער אָפּשאַפונג פון עצם פאַרלאַמענטאַריזם. כּדי אויסצוהיילן דעם קראַנקן הרגעט מען אים נישט. דאָס פאָלק וועט נישט ווערן דערצויגן צו זעלבסטהערשאַפט, ווי נאָר דורכן וועג פון זעלבסט-הערשאַפט. די הערשאַפט פון סאַטראַפן שטופּט נאָר אָפּ דעם דאָזיקן נאַטירלעכן פּראָצעס און מאַכט אים שווערער און ווייטאָקפולער. און אויב די הערשאַפט פון דער מערהייט – און דאָס מיינט דעמאָקראַטיע — איז אָפּטמאָל נישט באַקוועם פאַר דער מינדערהייט, דאַרף מען פאַרזיכערן באַשטימטע רעכט פון דער מינדערהייט. אָבער מ'טאָר זיך נישט לאָזן אויפן וועג פון מאַכן הערשן די מינדערהייט איבער דער מערהייט, נישט נאָר דערפאַר, ווייל דאָס איז אומגערעכט, נאָר אויך דערפאַר, וואָס אַזוי אַרום איז נישטאָ קיין האָפענונג, אַז די מערהייט וועט ווען עס איז זיך אויסלערנען די קונסט פון זיין אַ אָרגאַניזירטע מאַכט, וואָס איז נוצלעך דעם כּלל און איז פריי פון אַ איבעריקער אונטערדריקונג פון דער מינדערהייט. אויך די טענה קעגן דעמאָקראַטיזם, וואָס מיר הערן אָפּטמאָל פון פירער פון „הערשנדע פעלקער" קעגן נישט אַנטוויקלטע פעלקער, אַז פון דער דעמאָקראַטישער אָרדנונג, וואָס וועט ווערן געגעבן דעם אונטערדריקטן פאָלק וועלן נאָר געניסן די אויבערשטע שיכטן פון נישט-אַנטוויקלטן פאָלק און די ברייטע מאַסן וועלן נאָר ליידן דערפון — אויך די טענה האָט נישט קיין יסוד. ס'איז נישטאָ דער מאַסשטאַב, וואָס זאָל דערלויבן איין פאָלק, מעג עס זיין ווי אנטוויקלט, צו דערציען דאָס צווייטע, מעג עס זיין ווי נישט אַנטוויקלט, אפילו פאַר זיין טובה וועגן. און די ברייטע מאַסן פון „נישט-אַנטוויקלטן" פאָלק האָבן נישט קיין אַנדער וועג צוקומען צו דער מאַכט, ווי נאָר דורכן קאַמף מיט די אויבערשטע שיכטן, און נאָר אַ דעמאָקראַטישער רעזשים קען פאַרזיכערן מענטשלעכע פאָרמען פון דאָזיקן קאַמף. אויך דער פּרינציפּ פון זעלבסטבאַשטימונגס-רעכט פון יעדן פאָלק איז הייליק. יעדעס פאָלק האָט דאָס רעכט אויף זיין פאָטערלאַנד, און קיינער קען דאָס נישט קוויעסטיאָנירן.

ווען איז דאָס אַלץ ריכטיק? ווען אַ פאָלק וווינט אין זיין לאַנד און ער איז נישט להוט אויף פרעמד פאַרמעגן. אין דער גאַנצער אינערלעכער אָרגאַניזירונג פונם פאָלק פאָדערן די סאָציאַליסטן און דעמאָקראַטן — און די יידן זענען על-פּי רוב מיט זיי — אַ דעמאָקראַטישע רעגירונג, ד. ה. אַ רעגירונג פון דער מערהייט. אָבער אויב אַ פאָלק, וואָס איז גרעסער אין צאָל וועט באַשליסן צו פאַרנעמען די ערד פון צווייטן

פאָלק, וואָס איז קלענער אין צאָל — וועט דאַן דער כח פון אָפּשטימונג טאַקע זיין אויף דער זייט פון גרויסן פאָלק, אָבער צי וועט זיך דען דאַן געפינען אַ משוגענער, וואָס זאָל זאָגן, אַז דער דעמאָקראַטישער געדאַנק האָט דאָ געפייערט אַ נצחון? ווען דייטשלאַנד האָט אָקופּירט בעלגיע — און דאָס דייטשע פאָלק איז אינגאַנצן געשטאַנען אויף דער זייט פון זיין רעגירונג — דאַן האָט זיך דאָך די גאַנצע וועלט אויפגעהויבן קעגן דייטשלאַנד, און דוקא זיך שטיצנדיק אויף דער קדושה פון דעמאָקראַטיע. די גרויסע צאָל דייטשן אין פאַרגלייך מיט דער קליינער צאָל בעלגיער האָט דייטשלאַנד גאָרנישט געהאָלפן, נאָר פאַרקערט, נאָך פיל מערער באַשווערט איר מצב אין באַוואוסטזיין פון די פעלקער. יעדעס פאָלק קען זאָגן: איך אָרגאַניזיר זיך מיינע ענינים ווי מיר געפעלט, מעג עס נישט געפעלן די אַנדערע, אָבער קיין פאָלק קען נישט זאָגן: איך מיש זיך אַריין אין די ענינים פון אַ צווייטן פאָלק, ווייל ווען עס וועלן זיך פאַרייניקן די בירגער פוןביידע פעלקער וועט די מערהייט זיין אויף מיין זייט. און נישט נאָר דאָס. ס'זענען פאַראַן פאַלן, ווען דער כח פון דער מערהייט איז נישט מאַסגעבנד, אפילו ווען די דאָזיקע מערהייט איז ביי זיך אין לאַנד, אָבער דאָס דאָזיקע לאַנד רירט אָן אין געוויסע הינזיכטן אויף די אינטערעסן פון אַנדערע פעלקער. ס'עקזיסטירט נישט נאָר אַ פאָלק אָן און פאַר זיך, אין זיינע גרענעצן, נאָר אויך אַ פאָלק אין באַציונג צו זיינע שכנים. ס'זענען דאָ פאַלן ווען ס'איז מחויב איין פאָלק זיך „איינצושרימפּן", כדי צו געבן די מעגלעכקייט דעם שכנותדיקן פאָלק צו קענען אָטעמען. כדי צו געבן פוילן אַ אַרויסגאַנג צום ים האָט מען געמוזט אָפּשניידן אַ שטיק ערד מיט דייטשע בירגער פון דייטשלאַנדס אָרגאַניזם און שאַפן פון איר אַ פּוילישן קאָרידאָר צום ים. אפשר, אַז אין דעם פאַל האָבן זיך טועה געווען די וועלכע האָבן געשניטן, ס'קען מעגלעך זיין, אַז פוילן דאַרף בכלל נישט האָבן דעם ים, און אפשר איז געווען אַ אַנדערע מעגלעכקייט צו באַפרידיקן די דאָזיקע באַדערפעניש, אויב זי איז דאָ — אָבער דער פּרינציפּ איז אָן און פאַר זיך זיכער אַ ריכטיקער: אַ פאָלק איז מחויב מותר צו זיין אויף אַ זאַך, וואָס אין פלוג האָט עס דערויף דאָס פולע רעכט, אויב פון דער זאַך זענען אָפּהענגיק די לעבנס-באַדערפענישן פון צווייטן פאָלק. אויב פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן באַוואוסזיין שטייען די דאָזיקע צוויי מאָמענטן, איינער קעגן צווייטן — דאָס נאָכגעבן עפּעס מצד איין פאָלק, און די באַפרידיקונג פון לעבנסבאַדערפנישן פון אַ אַנדער פאָלק — קען זי עפּעס אַנדערש נישט טוען, ווי אויסוויילן די באַפרידיקונג פון די לעבנסבאַדערפענישן. בנוגע צו לענדער, וואו עס וואוינען פיל פעלקער האָט מען זיך שוין לאַנג אַנטזאַגט פון דעמאָקראַטישן פּרינציפּ — ד. ה. פון פּרייהייטס-פּרינציפּ — אין זיין ריינער געשטאַלט. אויב היינט זאָלן קומען פּאָלאַקן אָדער טשעכן פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן געריכט — פאַרן סאָציאַ-

ליסטישן קאָנגרעס, אָדער פאַרן פעלקער-בונד און דערקלערן: איר אָנער-קענט דאָך דעם דעמאָקראַטישן פרינציפּ, מיט וועלכער רעכט נעמט פון אונז צו אונזערע דעמאָקראַטישע רעכט (מיר זענען דאָך אַ מערהייט אין אונזער לאַנד) צו פאַרשליסן די שולן פון די „פרעמדע" — פון די יידן, רוטענער, דייטשן — וועט קיינער זיך נישט צו הערן צו זייערע טענות און זייער שטיצן זיך אויפן דעמאָקראַטישן פרינציפּ וועט אויסקוקן ווי אַ חוזק. אין דיין לאַנד, אין דיינע גרענעצן, טו וואָס דו ווילסט, אָבער ריר נישט אָן די רעכט פון די אַנדערע, ריר נישט אָן זייער פאַרמעגן, און אָפּטמאָל מוזסטו אויך קענען מותר זיין אויף עפּעס פון דיינע רעכט, כּדי צו דערמעגלעכן באַפרידיקן די לעבנסבאַדערפנישן פון די איבעריקע — דאָס איז דער אמתער פרינציפּ פון דעמאָקראַטיע און דער פרינציפּ פון זעלבסטבאַשטימונגס-רעכט פון יעדן פאָלק.

3 דעצעמבער 1929

אויפן פּאָליטישן געביט

ב.

דאָס רעכט אויפן לאַנד

און אויב ס'איז באַרעכטיקט דאָס באַגרעניצן די רעכט פון דער מערהייט און זיין „זעלבסטבאַשטימונגסרעכט", ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער אָרגאַניזירונג פון לעבן פון פאָלק, איז דאַן ווען עס האַנדלט זיך וועגן דער עקזיסטענץ פון אַ פאָלק — אודאי און אודאי. און אַזוי שטייט די פראַגע בנוגע א"י. דער אַראַבישער ישוב איז נישט דער איינציקער בעל-הבית פון דאָזיקן לאַנד, דאָס לאַנד געהערט אויך צום יידישן פאָלק, דאָס געהערט צו אים אלס זיין פאָטערלאַנד. פאַרוואָס? ווייל אין באַוווסטזיין פון יידישן פאָלק — און פאַקטיש אין באַוווסטזיין פון דער גאַנצער מענטשהייט — איז דאָס דאָזיקע לאַנד דאָס פאָטערלאַנד פון די יידן; ווייל דאָס יידישע פאָלק האָט נישט געהאַט קיין אַנדער פאָטערלאַנד, האָט נישט און וועט נישט האָבן; ווייל דאָס יידישע פאָלק איז פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג, אויב ס'וועט בלייבן אָן אַ פאָטערלאַנד; ווייל דאָס דאָזיקע לאַנד איז נישט באַזעצט אינגאַנצן און ס'איז דאָ אין אים גענוג אָרט כדי אויפצושטעלן דאָרט אַ יידישע היימאַט, נישט טוענדיק די מינדסטע שלעכטס אירע איינוווינער. דאָס זענען היסטאָרישע און מענטשלעכע פאַקטן, טאַטזאַכן פון דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט, טאַט-זאַכן פון אַ נאַציאָנאַלער טראַגעדיע, וואָס האָט נישט איר גלייכן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, און קיין שום אַראַבישע מערהייט קען דאָ גאָרנישט ענדערן. און אויב אַזוי איז די לאַגע, אויב דאָס לאַנד געהערט באמת נישט נאָר צום אַראַבישן ישוב, נאָר אויך צום יידישן פאָלק, איז נישט מאָסגעבנד פאַר אים דער דעמאָקראַטישער פּרינציפּ און מ'קען נישט לעזן די מאַכט-פראַגע בלויז דורך אַ אָפּשטימונג. מ'קען נישט געבן דעם אַראַבישן ישוב די פולע רעכט „צו אָרגאַניזירן" דאָס דאָזיקע לאַנד ווי

עס געפעלט אים, ווי לאַנג מ'וועט דורכדעם דאַרפן שטערן די איבעריקע וואָס האָבן אַ רעכט אויפן דאָזיקן לאַנד. דער דאָזיקער געדאַנק קען אַנטשטיין אַלס אַ מאָראַלישע, דעמאָקראַטישע תביעה — נאָר ביי מענטשן, וואָס זענען נישט פולשטענדיק זיכער אין די רעכט פון יידן אויף א"י, וואָס האָבן אַ געפיל, ווי די יידן וואָלטן געקומען אַהער אין אַ פרעמדער היים און דורך זייער עצם עקזיסטענץ רויבן זיי צו פון בעל-בית אַ זאַך, אויף וואָס זיי האָבן נישט קיין רעכט. די דאָזיקע מענטשן, וואָס פאַרשטייען, אַז מ'קען נישט דערלויבן די דייטשן צוליב זייער גרעסערער צאָל — צו אָקופּירן דאָס לאַנד פון די בעלגיער — די קלענערע אין צאָל, די דאָזיקע מענטשן, וואָס פאַרשטייען, אַז ס'איז אַ פליכט צו געבן פוילן אַ צוגאַנג צום ים, אַפילו אויפן חשבון פון די דייטשן, וואָס וווינען אויף דער ערד פון קאָרידאָר (דאָ רעדט זיך נישט וועגן דעם פאַקט פון דער דאָזיקער באַשטימונג, נאָר וועגן פרינציפּ, וואָס ליגט אין זיין יסוד), די דאָזיקע מענטשן, וואָס פאַרשטייען, אַז מ'קען נישט לעזן די פראַגע פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, אויפן וועג פון אַן אָפּשטימונג, די דאָזיקע מענטשן ווילן נישט פאַרשטיין, אַז אויך די א"י-פראַגע און די פראַגע פון דער רעגירונג אין א"י, קען מען נישט לעזן מיט דער הילף פון דעמאָקראַטישן פרינציפּ און פרינציפּ פון זעלבסטבאַשטימונגסרעכט פון ישוב בלויז. פון וואַנען אַזאַ אומפאַרשטענדניש? צי נאָר ד'ערפאַר, ווייל דאָס יידישע פאָלק האָט נישט דעם גענוגנדן פ י ז י ש ן כ ח, כדי צו צווינגען אַנערקענען זיין רעכט און רשות (צוזאַמען מיטן אַראַבישן ישוב) אויפן דאָזיקן לאַנד?

און ס'איז דאָ אויך אַ מענטשלעכע טענה: וואָס איז שולדיק דער דאָזיקער אַראַבער, אויב דאָס יידישע פאָלק האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין פאָטערלאַנד? פאַרוואָס איז ער מחויב צו באַצאָלן דעם דאָזיקן היסטאָרישן חוב? מיט וואָס האָט ער נעזינדיקט, וואָס מיר נעמען צו פון אים יענע רעכט, וואָס זיינע ברידער האָבן אין די שכנותדיקע לענדער, זיך איינצואָרדנען אין זיין לאַנד ווי אים געפעלט? און אויף דער דאָזיקער פראַגע איז נישטאָ קיין תשובה. אויב מיר וועלן זאָגן: מיר, די ציוניסטן, וועלן איינאָרדנען דאָס לאַנד אַזוי, אַז ס'זאָל זיין אַ שיין און גוט לאַנד פאַר אירע איינוווינער, רייך אין איר קולטור, אַנטוויקלט מיט איר אינדוסטריע, פאָרטגעשריטן אין אירע געזעלשאַפטלעכע באַציונגען, וועט דאָס נישט זיין קיין גענוגנדע תשובה אויף אונזער גרונד-פראַגע. בולגאַריע אָדער יוגאָסלאַוויע זענען ווייניקער אָרגאַניזירט ווי דייטשלאַנד אָדער ענגלאַנד, און דאָך האָבן נישט דייטשלאַנד און ענגלאַנד קיין רעכט אַריינצודרינגען אין די דאָזיקע לענדער און זיי צו אָרגאַניזירן. ס'איז נישטאָ קיין ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע און זי קען אויך נישט זיין, און מיר זענען נישט מחויב צו געבן די תשובה, ווייל מיר זענען

נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער דאָזיקער וועלט, אין אַלע אירע איינצל־הייטן. מיר זענען נישט פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר, וואָס פלוני בן פלוני איז געבוירן געוואָרן אויף אַ געוויסן אָרט, און נישט מיט וויפל קילאָ־מעטער ווייטער. וואָס איז שולדיק דער דייטש, וואָס וווינט אויף דער ערד פון פוילישן קאָרידאָר, וואָס איז אָפּגעריסן פון זיין פאָלק? וואָס איז שולדיק דער פּאָלאַק אין זיין לאַנד, ווען דער פעלקערבונד וויל נישט לאָזן אָרגאַניזירן זיין לאַנד ווי עס געפעלט אים, און דערלויבט נישט שליסן אַלע „פּרעמדע" שולן, וואָס שטייען אים ווי אַ ביין אין האַלז? און מיט וואָס זענען שולדיק מיר, יידן, און אונזער פאָטערלאַנד, וואָס טויזנטער יאָרן זענען מיר געווען פאַרבונדן מיט אים און מיר האָבן אויף דעם אָרט נישט געפונען קיין צווייט פאָטערלאַנד, וואָס דאָס דאָזיקע לאַנד איז טיילווייז געווען באַזעצט פון אירע אַראַבישע איינוווינער? ס'זענען נישטאָ קיין תשובות אויף דער דאָזיקער אומגערעכטיקייט, וואָס קומט „מן השמים". אַזוי האָבן זיך אויסגעשטאַלטעט די וועגן פון דער געשיכטע און מ'קען זיך נישט מאַכן זיי זעענדיק. אַלץ איז רעלאַטיוו, אויך די באַציונגען צווישן די פעלקער, און מען טאָר נישט גורם זיין אַ פאָלק אַלס פאָלק אַ גרויסע אומגערעכטיקייט, וואָס מ'קען נישט פאַררעכטן כדי אָפּצוהיטן אויף „הונדערט פּראָצענט" (און דאָס איז אויך אין אַ גרויסער מאָס איבערגעטריבן) די רעכט פון יעדן איינעם מיטגליד פון צווייטן פאָלק. מ'טאָר נישט צונעמען פון יידישן פאָלק זיין עקזיסטענץ־רעכט, כדי מיט אַלע פּרטים מקיים צו זיין די זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט פון די אַראַבישע איינוווינער פון לאַנד.

ווייל מען טאָר אויך נישט פאַרגעסן: ס'איז דאָ אַ וועזנטלעכער אונטערשייד, אַ אַנטשיידענער אונטערשיד צווישן דער לאַגע פון די א"י־דיקע אַראַבער, אַלס פאָלק, און צווישן דער לאַגע פון די יידן אַלס פאָלק. א"י, דאַרף פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, נישט האָבן די אַראַבער. זיי זע־נען פאַרבונדן מיט אַנדערע צענטרן. דאָרט — אין סיריע איראַק, אויפן אַראַבישן האַלב־אינזל — דאָרט איז דאָס פאָטערלאַנד פון דער אַראַבישער נאַציע. אויב צו די דאָזיקע לענדער וועט אויך צוקומען א"י, וועט זיי דערפון גאָרנישט צוקומען. נאָך אַ קליינע פּראָווינץ צווישן ריזיקע ערד־מאַסיוון — און נישט מער, און אויב זיי וועלן איר פאַרלירן — וועלן זיי גאָר־גאָרנישט האָבן פאַרלוירן. מיר, די יידן האָבן נישט קיין אַנדער פאָטערלאַנד. קיין אַנדער צענטער אויף דער גאַנצער וועלט, און אויב מיר וועלן פאַרלירן דאָס דאָזיקע לאַנד, האָבן מיר אַלץ פאַרלוירן. ווען מען רעדט וועגן דער א"י־פראַגע און איר רעגירונגס־פאָרם, קען מען נישט פאַרגעסן דעם דאָזיקן יסודותדיקן און אַנטשיידענעם פאַקט. א"י האָט אַ קליינע באַדייטונג פאַרן אַראַבישן פאָלק, דאָס דאָזיקע לאַנד האָט אַ ענט־שיידענע באַדייטונג פאַרן יידישן פאָלק. מיר האָבן דערפאַר דאָס רעכט

צו פאָדערן פון די אַראַבער, דעם דאָזיקן קליינעם „ותור" פאַר אונזער עקזיסטענץ, און מיר האָבן דאָס רעכט צו פאָדערן פון דער גאַנצער וועלט, אַז זי זאָל אונדז העלפן ביים דערפילן די דאָזיקע פאָדערונג.

ס'זענען לעצטנס צוגעקומען אַ סך מענטשן, אין, און מחוץ אונזער מחנה, וואָס אַנערקענען די אוממעגלעכקייט צו לעזן די אויפגאַבע אויפן יסוד פון דעמאָקראַטישן פרינציפּ אָדער פרינציפּ פון זעלבסטבאַשטימונגס-רעכט בלויז פון אַראַבישן ישוב, און זיי באַמיען זיך שלום צו מאַכן צווישן די דאָזיקע ביידע מאָמענטן: צווישן די רעכט פון יידישן פאָלק און די רעכט פון אַראַבישן ישוב. אין די דאָזיקע אַלע פּלענער דרייט זיך דער געדאַנק פון שלום-מאַכעריי אַרום אַ דריטן כח — ענגלאַנד. דער דאָזיקער דריטער כח דאַרף פעסטשטעלן די קאָמפּעטענץ פון דער דעמאָקראַטישער רעפּרעזענטאַנץ און באַהאַלטן פאַר זיך דאָס וועטאָ-רעכט איבער אַלע ענינים, וואָס זענען נוגע דעם אויפבוי פון אַ יידישער היים פאַרן יידישן פאָלק.

דער קערן פון די דאָזיקע אַלע פּראָיעקטן איז על פּי רוב פּאָלי-טישע זעלבסט-נאַרעריי אָדער אילוזיע, וועמענס יסוד איז דער אומווילן צו קוקן גלייך אין פּנים אַריין דערווירקלעכקייט מיט אָפענע אויגן און דערגיין צו די לעצטע מסקנות, צו וואָס זי איז מחייב. דער כח פון „אַליין-פאַרוואַלטונג" איז אין איר גאַנצקייט, און אויב ס'שטייט ווער פון אַ זייט און גיט אַכטונג און איז אַן אויפזעער, און נישט אין אַ ענגער, באַגרעניצטער פראַגע, נאָר ביי זאַכן, וואָס רירן אָן דער גאַנצער צוקונפט פון לאַנד, דאַן האָט די „אַליין-הערשאַפט" אויפגעהערט זיין אַ פאַקטישע הערשאַפט און האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פיקציע, באַזונדערס, ווען די „מאַכט" געפינט זיך אין די הענט פון אַזאַ שוואַכן פּאָליטישן אָרגאַניזם ווי דער א"י ישוב, און דער „אין-אַ-זייט-שטייער" איז אַזאַ ריז ווי ענגלאַנד. ווי לאַנג אין לאַנד זיצט דער ענגלישער הויך-קאָמיסאַר, און אין זיין רשות וועט שטיין דער מעכטיקער פּרעסטיזש פון ענגלאַנד, מיט זיין גאַנצן קולטורעלן, פינאַנסיעלן, פיזישן כח, איז משוגעדיק צו רעדן דאַן וועגן אַ דעמאָקראַטישער הערשאַפט; די אַנטשיידונג וועט שטענדיק ליגן אין די הענט פון הויך-קאָמיסאַר. אמת, אַז אַ ענלעכע רעגירונגס-פאָרם טרעפן מיר אויך אין אַנדערע לענדער און אָפטמאָל האָט עס אַ פּראַקטישע, ווי אַ דערציערישע באַדייטונג. אָבער אַזאַ ווערט האָט דאָס נאָר דאַן, ווען די מאַכט איז צוטיילט צווישן די פאַרשידענע מאַכט-קוואַלן אויף אַ קלאָרן, גענוי-אָנגעצייכנטן אופן. ווען אַ גרויס און שטאַרק לאַנד היט אָפּ אין אַ געוויס לאַנד אירע אינטערעסן, גיט זי דערפאַר דעם לאַנד אַ געוויסע פאַרגיטיקונג (זאָגן מיר אין פאָרם פון אינערלעכער און אויסערלעכער זיכערקייט). אָבער אַלע איבעריקע אינערלעכע ענינים, לאָזט זי איבער אינגאַנצן אָדער צום גרעסטן טייל דער זאָרג פון די אָרטיקע איינוואוי-נער. אַזאַ אָרדנונג איז אוממעגלעך איינצופירן אין א"י, ווי לאַנג מען

טראַכט ערנסט וועגן שאַפן אַ נאַציאָנאַלע היים פאַרן יידישן פאָלק און מען וויל נישט דערפון מאַכן אַ קאַריקאַטור. ס'איז נישטאָ קיין געביט, ס'איז נישטאָ קיין שום לעבנס-פלעכע, אויסער די אינערלעכע ענינים פון יעדן פאָלק, וואו דו זאָלסט קענען זאָגן מיט פאָלקאָמער זיכערקייט: די דאָזיקע ענינים האָבן נישט קיין שייכות צום אויפבוי פון דער יידישער נאַצ. היים און דערפאַר קען מען זיי אַרויסנעמען פון דער קאָמפעטענץ פון הויך-קאָמיסאַר און איבערגעבן זיי דער קאָמפעטענץ פון דער דעמאָקראַטישער פאָרשטייערשאַפט פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. גרעסטנטיילס באַטאָגען מיר די פראַגן פון קאָלאָניזאַציע און עמיגראַציע, ווי זאַכן, אין וואָס מיר זענען מערער פאַראינטערעסירט און וואָס זיי דאַרף מען באַזונדערס זאָרגפעלטיק אָפהיטן. אָבער צי איז דען מעגלעך קאָלאָניזאַציע און עמיגראַציע, נישט איינאָרדנדיק די איבעריקע ענינים, אָן אַ אַנטשפרעכנדער רעגולירונג פון צאָל- און שטייערן-סיסטעם, פון די באָדנס, בוי פון שאָסייען, אויסטרוקנונג פון בלאָטעס, זאָרג פאַר געזונדהייט א. א. וו. בקיצור: אָן אַ שטענדיקער הילף — אָדער לכל-הפחות אָן שטערונגען — ביים אַנטוויקלען דעם אויפנאַמס-כח פון לאַנד? און וועלכע זענען עס די ענינים, וואָס זענען נישט משפיע אויפן דאָזיקן אויפנאַמס-כח? ביי אונז רעדט מען אָפט וועגן די „אַלגעמיינע אינטערעסן פון גאַנצן לאַנד", וואָס מ'דאַרף און מען מעג איבערגעבן דעם „א"ידיקן פאַרלאַמענט", אָבער פון שטאַנדפונקט פון דער אויפנאַמס-פעיקייט פון א"י (און דאָס איז פאַר אונז דער אַנטשיידענער מאָמענט) איז דען אמת, אַז דוקא די אינערלעכע ענינים פון יעדן פאָלק, דוקא זיי, קען מען איבערגעבן צו באַטראַכטן דעם פאַרלאַמענט (אָבער דאָס האָט נישט קיין זין און קיינער פאָדערט דאָס נישט), אין דער צייט, ווען די „בשותפותדיקע ענינים", זיי באַשטימען עס דעם כאַראַקטער פון לאַנד, פון עקאָנאָמישן שטאַנדפונקט, ד. ה. פון איר אויפנאַמס-שטאַנדפונקט. דאָס ציוניסטישע ווערק ווערט נישט געשאַפן אין אַ פוסטן חלל, און ס'איז נישטאָ קיין זאַך, גרעסערע אָדער קלענערע, נאָענט צו די ענינים פון עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע, אָדער ווייט פון איר טויזנט מייל, וואָס זאָל נישט קענען שעדיקן שווער די אויפנאַמס-פעיקייט פון לאַנד.

אויסערדעם: אַלע פלענער-מאַכער פון פאַרלאַמענט, וואָס האָפן, אַז ס'איז דאָ אַ מעגלעכקייט צו געפונען אַ פאָרם פון פאַרלאַמענטאַריזם, וואָס זאָל נישט שעדיקן אונזערע אינטערעסן, פאַרגעסן, אַז נאָר אין זייער אַנטוויקלטע לענדער, נאָר אין לענדער פון הויכער פאָליטישער קולטור און אַלטער פאָליטישער טראַדיציע, איז דער פאַרלאַמענט אַ געזעלשאַפטלעכע קערפערשאַפט, וואָס באַשליסט באמת און אַנטשיידט אין לעבן פון לאַנד. פאַקטיש אַנטשיידן דאָך די עקזיסטירנדע כחות פון דער געזעלשאַפט, וואָס שטייען הינטער די פלייצעס פון די פאַרטייען און שטרעמונגען,

וואָס קומען צום אויסדרוק אין פּאַרלאַמענט. אין דער געשיכטע פון פיל פּאַרלאַמענטן האָט נישט איינמאָל געטראָפן, אַז די מערהייטס-פּאַרטייען קענען נישט ענדערן דעם געזעלשאַפטס-סדר לויט זייער ווילן, ווייל די געזעלשאַפטלעכע כחות, וואָס שטייען אונטער די פּלייצעס פון די מינדערהייטס-פּאַרטייען זענען פיל שטאַרקער. די פּאַרלאַמענטאַרישע שטים איז נאָך נישט דער פּאַקטישער געזעלשאַפטלעכער כח. און אויב מיר וועלן שוין געפינען אויך אין א״י אַ פאָרם פון אַ פּאַרלאַמענט, אָדער „געוויילטע רעגירונג״, וואָס וועט אפשר פּאַרטושן דעם פּאַקט, וואָס מיר זענען אַ מינדערהייט אין לאַנד, אויב אַפילו די יידן וועלן זיצן צוזאַמען מיט די אַראַבער אין די געזעצגעבערישע אַנשטאַלטן אויף פּאַריטעטע יסודות, וועלן מיר שטענדיק ליידן דערפון, ווי לאַנג מיר וועלן נאָך אַלץ זיין אין לאַנד 20% קעגן די 80% אַראַבער. אין דער לאַגע וועלן די אַראַבישע פירער שטענדיק זיין גרייט צו שטאַרקן זייער פּאַרלאַמענטאַרישע שטעלונג דורך אַ „גאַסן-קאָמפּאַניע״, ענלעך צו יענער, וואָס איז אונז באַקאַנט פון די אויגוסט-געשעענישן.

דערפאַר: איז אָדער מיר זענען מותר אויף אונזערע רעכט אין דאָזיקן לאַנד און אַנערקענען די רעכט פון אַראַבישן ישוב אויף „זיך זעלבסטבאַשטימען״, אין דער גרויס פון זיין צאָל היינט-צו-טאָג — און דאַן איז דער לאָגישער, אמת-דעמאָקראַטישער אויספיר: פולע זעלבסטשטענדיקייט פון לאַנד, אָדער מיר באַשטייען אויף אונזערע רעכט צו בויען אין דאָזיקן לאַנד אונזער נאַציאָנאַלע היים — און דאַן וועלן מיר נישט באַרואיקן די אַנדערע און זיך דורך אַ מער אָדער ווייניקער רעפּרעזענטאַטיווער פיקציע און דורך אַ ענגלישן הויך-קאָמיסאַר מיט אַ געוויסער קאָמפּעטענץ. אויב די דאָזיקע קאָמפּעטענץ וועט זיין גרויס און ברייט, איז עס נישט קיין דעמאָקראַטישער רעזשים, אויב ווידער קליין און באַגרענעצט, גאַראַנטירט זי אַבסאָלוט נישט, מ׳זאָל נישט שעדיקן אונזער זאַך. און צו נאָך אַ מסקנא מוזן מיר קומען ביי אַלע פאָרמען פון אַ פּאַרלאַמענט: דאָס באַפרייען זיך פון ענגלאַנד פון דעקן אירע פּאַרפליכטונגען כלפּי דעם יידישן פאָלק און זיין אויפטו אין לאַנד, ד. ה. דאָס פאַרלירן יענעם קליינעם פּאָליטישן פאַרמעגן (דאָס איז דער איינציקער, ערנסטער), וואָס מיר האָבן און וואָס מיר האָבן דערגרייכט נאָך אַ מאַטערניש און קרבנות פון גאַנצע דורות.

4 דעצעמבער 1929

אויפן פּאָליטישן געביט

ג.

„פון אונטן ארויף"

א״י געהערט נישט בלויז דעם אַראַבישן ישוב, און זי געהערט אויך נישט בלויז דעם יידישן ישוב. די אומבאַשטרייטבאַרע רעכט, וואָס די יידן האָבן אויפן דאָזיקן לאַנד זענען נישט קיין רעכט פון הערשן אויף יעדן שטיקל ערד אין דאָזיקן לאַנד און אויף זיין יעדן איינוואוינער. דער אַראַבישער ישוב אין לאַנד — איז אַ פאַקט, אַ מענטשלעכער און אַ פּאָליטישער, וואָס די ענגלישע און ציוניסטישע פּאָליטיק טאָר נישט פאַרבאַהאַלטן. אויך די רעכט פון דאָזיקן ישוב אויף זיין לעבן אין לאַנד, אויף אַ פרייען זעלבסשטענדיקן לעבן, אונטערליגן נישט קיין ספק. און נישט נאָר בירגער-רעכט פון איינצלנע יחידים, נאָר אויך די רעכט פון אַ קאָלעקטיוו, די רעכט פון אַ נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם. די קאָלאָניזירונג פון יידן קען נישט און דאַרף נישט אָנרירן אויף אַ האָר די רעכט פין אַראַבישן ישוב און דער אויפהויבונג פון זיין לעבנס-ניוואָ, און די מאַנדאַטאָר-מאַכט איז מחויב צו זאָרגן פאַר זיין אַנטוויקלונג און פאַרפאָלקאָמונג.

דער פאַרלאַמענט אין א״י קען נישט דינען ווי אַ ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע, די פראַגע פון דער אַנטוויקלונג פון אַראַבישן ישוב. נישט דאָס פעלן פון אַ פּאָליט־שער רעפּרעזענטאַנץ שטערט אויסציבעסערן דאָס לעבן פון די אַראַבער, און דאָס שאַפן דעם פּאַרלאַמענט וועט נישט געבן אַ שטופּ פאָרויס און פאַרשטאַרקן די טענדענצן פון אויפהויבן דעם אַראַבישן לעבנס-ניוואָ. מ׳דאַרף נישט זיין קיין נביא כדי צו וויסן, ווי ס׳וועט אויסזען דער דאָזיקער פאַרלאַמענט,ביים היינטיקן טאָג און נאָך אין פיל יאָרן אַרום, אויב אין דער צווישנצייט וועט נישט ווערן געפירט אַ פולשטענדיק-אַנדערע אַרבעט צווישן אַראַבישן ישוב, אַ לעבנס-וויכטיקע פּראַקטישע און דערציערישע אַרבעט, וואָס דער פּאַרלאַמענט וועט נאָר ביים היינטיקן טאָג שטערן צו טוען. די אַרבעטנדע מאַסן פון אַראַבישן ישוב געפינען

זיך אין אַ מצב פֿון עקאָנאָמישער, סאָציאַלער און זעלישער פֿאַרשקלאַפֿונג. מיטן פֿעסטשטעלן דעם דאָזיקן פֿאַקט גיבן מיר נישט קיין נעגאַטיווע אָפּשאַצונג פֿון אַראַבישן פֿאָלק. אַלע פֿעלקער — אויסער אפֿשר דאָס יידישע פֿאָלק, מיט איר אייגנאַרטיקער סאָציאַלער און גייסטיקער סטרוקטער — האָבן זיך געפֿונען, און טיילווייז געפֿינען זיי זיך אויך היינט, אין דער דאָזיקער לאַגע, במשך פֿון טויזנטער יאָרן. די זיטן פֿון קנעכטשאַפֿט און די באַגריפֿן פֿון קנעכטשאַפֿט הערשן אין לעבן פֿון אַראַבישן ישוב. דער אַרבעטער האָט נישט קיין זעלבסטבאַוואוסטזיין, דעם באַוואוסטזיין איבער זיינע רעכט אין דער געזעלשאַפֿט און זיינע אויפֿגאַבן אין דער צוקונפֿט. נישט נאָר וואָס ער קען נישט לעזן און שרייבן (אַ קליינער ישוב בערך לעבט אין לאַנד און מ׳קען אים שנעל אויסלערנען לייענען און שרייבן), נאָר ער באַטראַכט אין זיין נאַאיוויטעט אַלס נאַטירלעך אָט די שטעלונג פֿון קנעכטשאַפֿט, אָדער ענלעכעס צו דעם, וואָס ער פֿאַרנעמט ביים היינטיקן טאָג. דער הערשער הערשט איבער אים, נישט נאָר מיט זיין כח, נישט נאָר מיט דער קראַפֿט פֿון זיין געלט, נאָר אויך מיט דער זעלישער הסכמה פֿון פֿאַרשקלאַפֿטן. נישט רעליגיע און רעליגיעזיטעט, נאָר קלעריקאַליזם הערשט איבערן גייסט פֿון פֿעלאַך, וואָס גיסט זיך פֿולשטענדיק צוזאַמען מיט זיין סאָציאַלער פֿאַרשקלאַפֿונג. אין לעבן פֿון אַראַבישן ישוב איז נישטאָ קיין שום געזעלשאַפֿטלעכע לעבנס־צעלע, קיין שום קערן פֿון פֿרייען שאַפֿן אויף וועלכן ס׳איז לעבנס־געביט. עס עקזיסטירט נישט קיין אַרבעטער־אָרגאַניזירונג, אָדער ס׳איז געפֿעלשט, אָדער ס׳איז אויסגעטראַכט און עס האָט נישט קיין שום פּראַקטישן און דערציערישן ווערט. אין דער שפּיץ פֿון אַראַבישן ישוב שטייט אַ כאָפּטע תקיפֿים, גרויסע גוטסבאַזיצער, פּראָצענטניקעס, באַאַמטע, גלחים, וואָס האָבן נאָך נישט אַרויסגעוויזן קיין צייכן פֿון אמתער פֿאַראינטערעסירונג מיטן גורל פֿון זייער פֿאָלק. זיי האָבן קיינמאָל נישט געזאָרגט פֿאַר דער בילדונג פֿון די מאַסן, פֿאַר דער אויפֿהייבונג פֿון זייער לעבנס־ניוואָ, צו פֿאַרבעסערן זייערע אַרבעטס־באַדינגונגען, פֿאַרקערט: שטענדיק האָבן זיי באַקעמפֿט יעדע שטרעבונג אויסצובעסערן די לאַגע פֿון די מאַסן. די דאָזיקע באַנדע, וואָס עקספּלואַטירט און אונטערדריקט די פֿאָלקסמאַסן, פֿילט זיך תקיפֿותדיק און איז אַדורכגעדרונגען מיט אַ זעלבסטבאַוואוסטזיין, דעם באַוואוסטזיין פֿון איר רעכט צו הערשן איבער די מאַסן און זיי צו עקספּלואַטירן — אין דער זעלבער צייט, וואָס די מאַסן זענען באַרויבט פֿון יעדן זעלבסטבאַוואוסטזיין. ס׳האָבן זיך נישט באַוויזן אין אַראַבישן ישוב מענטשן פֿון גייסט אָדער יונגע כחות, וואָס טראָגן אויס אויף זייערע פּלייצעס די לאַסט פֿון זייער פֿאָלק. נאָר איין שטרעבונג האָבן אַרויסגעוויזן די הערשנדע קרייזן, און דאָס איז די שטרעבונג צו גענוס, רייכקייט און געזעלשאַפֿטלעכע קאַריערע. און דערפֿאַר איז דאָ אַ פֿאָלקאָם רעכט צו מאַכן דעם אויספֿיר, אַז

אויך זייער פּאָליטישע שטרעבונג („נאַציאָנאַלע רעגירונג״) איז נישט מער ווי אַ ווילן צו זיכערן זיך אויף אייביק און פאַרשטאַרקן זייער הער־שאַפט איבער די פאָלקסמאַסן, כּדי זיי צו עקספּלואַטירן און אונטערדריקן אָן שום שטערונג.

אין די דאָזיקע באַדינגונגען קען נישט דער פּאַרלאַמענט, און ער וועט עס קיינמאָל נישט באַווייזן, זיין אַ פאַקטאָר פאַר דער אַנטוויק־לונג פון אַראַבישן ישוב, אַ פאַקטאָר פאַר זיין פּראָגרעס און באַפרייונג. דער דאָזיקער פּאַרלאַמענט וועט אַלץ טוען, כּדי אויפצוהאַלטן די אַנט־וויקלונג און שטערן די באַפרייונג פונם פאָלק. מ׳קען לכתחלה זיין זיכער, אַז אַפילו איין געזעץ, וואָס זאָל פאַרלייכטערן דאָס לעבן פון אַרבעטער און באַשיצן עס, וועט נישט דורכגיין אין פּאַרלאַמענט (אויף וויפל ער וועט זיין פריי אין זיינע באַשלוסן). דער דאָזיקער פּאַרלאַמענט וועט, נישט קוקנדיק אויף די נאַציאָנאַלע און דעמאָקראַטישע לאָזונגען, וואָס ס׳רוקן יעצט אַרויס זיינע אָנהענגער, זיין אַ פאַקטאָר פון פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער רעאַקציע.

און וואו איז דער אויסוועג? ווי קען מען פאַרזיכערן די אַנטוויק־לונג פון אַראַבישן ישוב מיט זיינע אייגענע כּחות, ווי קען מען באַפרי־דיקן די לעבנס־אינטערעסן פון יעדן באַזונדערן בירגער און פון גאַנצן ישוב, אַלס נאַציאָנאַלער אָרגאַניזם? קען מען דען דורכפירן די אַלע נויטיקע רעפאָרמען פאַרן אַראַבישן ישוב, בלויז מיט דער הילף פון דער מאַנדאַט־רעגירונג, אויב דער אַראַבישער ישוב אַליין זאָל נישט קענען אַנטפּלעקן זיינע אייגענע כּחות? אויפן צענטראַליזירטן, מלוכהשן, פּאָלי־טישן וועג קען מען אודאי נישט זוכן דעם דאָזיקן אויסוועג. דער דאָזי־קער וועג וועט אומבאַדינגט זיין אַ וועג פון פאַלשקייט און הערשאַפט פון תּקיפים. דאָס דאַרף מען זוכן צו דערגרייכן דורכן שאַפן באַנייטע געזעלשאַפטלעכע צעלן, נישט פון דער הויך, נאָר פון אונטן, נישט דורך אויפשטעלן פּאָליטישע אינסטאַנצן, נאָר דורך שאַפן דאָס לעבן.

און צי האָבן מיר דען, ציוניסטן־סאָציאַליסטן, געפונען דורך אַ צופאַל דעם דאָזיקן וועג, כּדי צו „נאַרן״ וועמען ס׳איז, כּדי אָפּצוציען די אויפ־מערקזאַמקייט פון אַ אַנדער וועג, ווייל ער איז אונז נישט געווונטשן און געפערלעך? אויך מיר אַליין, אין אונזער אייגענער אַרבעט, זענען דאָך געגאַנגען און גייען אויפן דאָזיקן וועג. אַלס ציוניסטן האָבן מיר זיך שוין לאַנג אַנטוישט, נאָך פאַר צענדליקער יאָרן, אין דאָזיקן ריין־פּאָליטישן וועג. מיר האָבן אויפגעהערט צו האָפן אויף רעגירונגס־דערקלערונגען, דעקרעטן און דאָקומענטן און אויך אַנשטאַלטן, ווי לאַנג מיר זעען נישט אין דעם אַלעם קיין הילף און שטיצע פאַר אונזער ממשותדיקער אַרבעט, פאַר אונזער קאָלאָניזאַטאָרישן אויפטו. מיר האָבן זיך אויך נישט פאַרלאָזט אויף דער באַלפור־דעקלאַראַציע און אויפן א״י־דיקן מאַנדאַט. דער עיקר

איז שטענדיק געווען פאַר אונז און איז געבליבן נאָך די אַלע דעקלאַראַציעס — אונזער אייגענע אַרבעט, דער לאַנגזאַמער, פּערמאַנענטער, געדולדזאַמער שאַפונגס-פּראָצעס פון די צעלן פון יידישן ישוב. ווען ס'וואָלט דער געקומען צווישן אונז און אונז פאָרגעלייגט אַ „רעגירונג", אַ פולקאָמע, אַבסאָלוטע, אַ „נאַציאָנאַלע רעגירונג", וואָס זאָל הערשן איבערן דאָזיקן לאַנד, אָדער איבער אַ טייל פון אים, און ווען מיר וואָלטן פאָרויסגעזען, אַז די דאָזיקע הערשאַפט איז פאַרבונדן מיט דער אויפהאַלטונג פון אונזער אַנטוויקלונג, מיט דער שטערונג פון אונזער קאָלאָניזאַטאָרישער שאַפונג, וואָלטן מיר אָפּגעוואָרפן די הערשאַפט און אויסגעוויילט דעם ישוב. אמת, אויך אין דער ציוניסטישער באַוועגונג געפינען זיך מענטשן — ווייניק אין צאָל — וואָס זענען ווי באַצויבערט דורך דער אויסערלעכקייט פון מאַכט, און דעקאָראַטיווע סימבאָלן זענען פאַר זיי וויכטיקער פון דער קאָלאָניזאַציע-טעטיקייט, אָבער די מערהייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, און באַזונדערס די ציוניסטישע אַרבעטס-באַוועגונג, באַציט זיך מיט חוזק צו די דאָזיקע „ריינע פּאָליטיקער". אַ דונאַם באָדן, אַ אויסגעבויטע שולע, מענטשן-דערציונג, אַ ייד, וואָס לעבט אין לאַנד דורך זיין אַרבעט, זעלבסטשטענדיקע קולטור — זענען אונז טייערער פון „יידישע סימבאָלן", און מיר חלומען אויך נישט פון אַ „יידישע מלוכה", נאָר וועגן אַ אָרגאַנישן סכום פון אָנשטרענגונגען פון יידישן פאָלק פאַר אַ לעבן פון אַרבעט און זעלבסטשטענדיקער שאַפונג.

און אַלס סאָציאַליסטן — האָבן מיך זיך דען נישט אַנטוישט אין דער ריינער פּאָליטיק, מעג זי זיך אויסדריקן אין וואַל-קאַסטן אָדער באַריקאַדע? צי זענען מיר נישט איין אַלץ מערער און מערער, דעם רעטונגס-וועג פון די יידישע מאַסן אין אינערלעכע אַרבעט, אין פּראַקטישע און דערציערישע, אין אָרגאַניזירונג, אין געשלאָסנקייט, אין קאָנסאָלידאַציע, אין שאַפן אַ ממשותדיקן געזעלשאַפטלעכן כח, ביי וועמען די קבוצה און דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָאָפּעראַטיוו, דער פּראָדוציר-אַרטעל, דער שטאַרקער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין, דער קאָנסום-קאָאָפּעראַטיוו, וואָס האַלט זיך אַליין אויס, אַ נייע קולטור, דאָס געפיל פון סאָלידאַריטעט, וואָס לעבט באמת אין הערצער פון מענטשן, — זענען אים פיל וויכטיקער פון פּאַרלאַמענטאַרישן נצחון און פון דער געוואַלט-איבערקערעניש?

און דער דאָזיקער באַוואוסטזיין דער באַוואוסטזיין פון דער נויטווענדיקייט פון אָרגאַנישער שאַפונג, פון — „אונטן אַרויף", אַלס יסוד פון דער נייער געזעלשאַפט,—איז נישט דער קנין בלויז פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און די א״ידיקע אַרבעטער. דער ציוניזם, און באַזונדערס די אַרבעטס-באַוועגונג אין אים, זענען געקומען צום דאָזיקן באַוואוסטזיין, מיט דער הילף פון אינסטינקט, דורך אַ שווערן און ווייטיקפולן נסיון, דורך פאַלן און מפלות. אָבער היינט-צו-טאָג — איז עס — באַזונדערס נאָכן

וועלט-קריג און דער שטורמדיקער ברויזנדער תקופה, וואָס איז געקומען נאָך אים, מיט אַלע אירע רעוואָלוציעס — דער באַוואוסטזיין פון דער גאַנצער מענטשהייט, וואָס הערשט אין אַלע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען מיט אַ שאַפונגס-כּח, סיי נאַציאָנאַלע, סיי סאָציאַלע. ווען אַ קלאַס אָדער אַ פאָלק וועט אויפכאַפּן אַ לאָזונג: פּאַרלאַמענט, דעמאָקראַטיע, רעוואָלוציע — וועט עס שוין נישט ציען זיך צו אים מיט דעם זעלבן צוטרוי און גלויבן, ווי ר׳האָט זיך באַצויגן צו אים אַמאָליקע יאָרן. נאָר ער וועט אַנאַליזירן זיין אינהאַלט, וואָס פאַרא בשורות ברענגט ער מיט זיך און ער וועט קודם-כּל זיך אינטערעסירן איבער זיין שאַפונגס-קראַפט אין לעבעדיקן לעבן. און אויב ער וועט זיך איבערצייגן, אַז דער דאָזיקער כּח איז אַ גאָרנישט אָדער נאָך ערגער ווי גאָרנישט, וועט ער נישט שטיצן דעם לאָזונג און נישט העלפן, אַז ער זאָל ווערן געקרוינט מיט אַ נצחון.

נישט צופעליק און נישט צוליב יאָגעניש נאָך רוחים, נאָר צוליבן אינערלעכן אמת, וואָס שטייט אין פולשטענדיקן איינקלאַנג צו אונזער ציוניסטישער און סאָציאַליסטישער אויפפאַסונג, וועלן מיר פאָרלייגן דעם אַראַבישן ישוב, פאַר זיין באַנייונג, אַנטוויקלונג און פּראָגרעס, אַנדערע וועגן ווי דעם וועג פון פּאַרלאַמענט, וועגן פון גייען „פון אונטן אַרויף״.

זייער פּרוש אין פּאָליטישן לעבן. אין דער געזעצגעבונג פון לאַנד מיינט: דאָס שאַפן אָרגאַנישע געזעלשאַפטלעכע צעלן, אַ דעמאָקראַטישן, פאָלקסטימלעכן דאָרפס-ראַט, וואָס אָרגאַניזירט דאָס לעבן פון דאָרף; אַ פאָלקסטימלעכער, דעמאָקראַטישער שטאָט-ראַט, וואָס זאָרגט פאַר די אינטערעסן פון דער שטאָט און אירע איינוווינער; די פאַרייניקונג פון די דאָרפס-און שטאָט-ראַטן צו גרעסערע איינהייטן, וואָס זאָרגן פאַר די ענינים, וואָס אינטערעסירן געמיינזאַם דעם גאַנצן ראַיאָן. אַ לאַנד-פאַרייניקונג פון גאַנצן אַראַבישן ישוב, אַלס נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט פאַר דער באַפרידיקונג פון אַלע נאַציאָנאַלע און אינערלעכע באַדערפענישן; אַ לאַנד-פאַרייניקונג פון די רעליגיעזע געמיינדעס פאַר דער באַפרידיקונג פון די רעליגיעזע באַדערפענישן. די כּנסת ישראל״ קען דינען אַלס ביישפּיל צו אַזאַ סאָרט פאַרייניקונג, בתּנאי אַז ס׳זאָלן אויך ווערן אָפּגעהיטן אירע דעמאָקראַטישע יסודות. די מאַנדאַט-רעגירונג האָט אויסגעאַרשט און אַנאַליזירט אין משך פון יאָרן יעדן פּאַראַגראַף פון דער קאָנסטיטוציע פון דער „כּנסת ישראל״. מיט דער זעלבער פּינקטלעכקייט, דאַרף זי אויך בודק זיין די קאָנסטיטוציע פון דער אַראַבישער כּנסת, אַז דער שטאַרקער זאָל נישט קענען הערשן איבערן שוואַכערן. אויף די דאָזיקע יסודות האָט דער אַראַבישער ישוב אַ רעכט צו שאַפן זיין לאַנד-פאַרייניקונג.

מ׳קען נישט מאַכן קיין פאַרגלייך צווישן דער יידישער אַגענץ און דער רעפּרעזענטאַנץ פון אַראַבישן ישוב. די א״ידיקע אַראַבער האָבן נישט קיין ברידער, מחוץ די גרענעצן פון לאַנד, וואָס זאָלן קלאַפּן אין די טירן

פון לאַנד, פאַר וועמען די פראַגע פון עפענען די טירן זאָל זיין אַ לעבנס־פראַגע. ס׳זענען נישטאָ קיין אַראַבער מחוץ א״י, וואָס זאָלן נישט האָבן קיין פאָטערלאַנד, וואָס נאָר א״י, זי אַליין, קען זיין זייער לאַנד. גרויסע שטרעקעס ערד שטייען אין רשות פון די אַראַבער און ס׳וועלן נאָך אַדורך צענדליקער יאָרן, ביז די אַלע ערד־מאַסיוון וועלן ווערן באַאַרבעט. דער גרונט־אונטערשיד צווישן געזעצלעכן מצב פון די יידן און אַראַבער אין א״י, איז אין די פאַרפליכטונגען פון דער מאַנדאַטן־מאַכט צו זאָרגן פאַר דער עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע פון די יידן, וואָס געפינען זיך נאָך אויסער א״י. דער דאָזיקער אונטערשיד פליסט אַרויס פון באַזונדערן מצב פון די יידן, פון דער לעבנס־באַדערפעניש, וואָס זיי האָבן אין א״י, און דאָס פעלן פון דער דאָזיקער באַדערפעניש ביים אַראַבישן פאָלק. די „יידישע אַגענץ״ איז די רעפּרעזענטאַנץ פון די יידן, וואָס געפינען זיך מחוץ א״י, וואָס האָבן דאָס רעכט און דעם ווילן צו קומען אַהין. דאָ איז נישטאָ קיין אָרט פאַר אַנאַלאָגיעס און ס׳איז איבעריק צו רעדן וועגן אַ אַראַבישע אַגענץ, און אַוודאי און אַוודאי איז זינלאָז און אומגערעכט די רייד וועגן אַ „מוסולמענישע אַגענץ״, אַ „קריסטלעכע אַגענץ״. אָבער ס׳איז יאָ דאָ אַ אַנאַלאָגיע צווישן מצב פון די א״ידיקע יידן און א״ידיקע אַראַבער, און מ׳דאַרף געבן דעם אַראַבישן ישוב די פולע מעגלעכקייט נישט נאָר צו אָרגאַניזירן זיך אין זיינע לאָקאַלע צעלן, נישט נאָר צו זאָרגן, אין דער ראַם פון זיין אויטאָנאָמיע, פאַר זיינע אינטערעסן (דערציונג, רעליגיעזע אַנשטאַלטן, סאָציאַלע און הילפס־אינסטיטוציעס), נאָר אויך זיך פאָרשטעלן פאַר דער מאַנדאַט־רעגירונג אַלס אַנערקענטע, אָפיציעלע אינסטאַנץ, וואָס איז פעסטגעשטעלט אין דער קאָנסטיטוציע פון לאַנד.

די פולע פּאָליטישע אַנטוויקלונג — איז אַ פראַגע פון דער צוקונפט. אָבער אויב אינעם אַראַבישן ישוב שלומערן באמת שאַפונגס־כּחות, אויב די גאַנצע באַוועגונג, וואָס איז ביז היינט נאָר געווען נעגאַטיוו און צעשטערנד, כּלפּי פנים, ווי כּלפּי חוץ, האָט אַ ממשות, אויב ס׳איז פאַראַן אין איר ווער, וואָס זאָרגט אויפריכטיק פאַר די אינטערעסן פון די א״ידישע אַראַבער, און נישט נאָר פאַר פּאָסטנס, געזעלשאַפטלעכער קאַריערע, אָנזאַמלען קאַפּיטאַל און פאַרשטאַרקן די הפקרות קעגן דעם אַרבעטער און האָרעפּאַשניק, — עפנט זיך דאַן אויך פון דאָזיקן „שמאָלן״ פּאָליטישן פּראָגראַם אַ ברייט פעלד פאַר פרוכטבאַרער אַרבעט אויף צענדליקער יאָרן אַרויס.

8 דעצעמבער 1929

די פּאָליטישע אילוזיע

טייל זאָגן: די גאַנצע וועלט — דער עיקר מיינט מען דאָ ענג-לאַנד — פאָדערט פון אונז מסכים צו זיין צו דער רעפּרעזענטאַנץ פון אַראַבישן ישוב אין דער פראַגע פון דער רעגירונגס-פאָרם אין לאַנד. די באַדערפעניש פון אונזער ווערק אין לאַנד פאָדערן פון אונז, מיר זאָלן פאַרזיכערן דעם שלום און קומען צו אַ הסכם.

דאָס איז אָבער נישט ריכטיק. ס'זענען טאַקע דאָ ענגלישע פּאָליטי-קער, וואָס פאָדערן פון אונז, מיר זאָלן מסכים זיין צום פּאַרלאַמענט און צו „אַ נאַציאָנאַלע רעגירונג" אין א״י, אָבער זייער אמתע כונה איז צו באַ-פרייען ענגלאַנד, פּאַקטיש אויב נישט טעאָרעטיש, דורכן שאַפן אַ אַראַבישע פאַרטרעטונג, פון אירע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרפליכטונגען קעגן א״י און קעגן דעם יידישן אויפבוי-ווערק. אָבער דאָס פּאָליטישע ענגלאַנד, וואָס האָט גע-נומען און נעמט אויף זיך די זאָרג צו העלפן אונזער זאַך פאָדערט נישט פון אונז אונזער הסכמה צום פּאַרלאַמענט. די שאַפונג פון פּאַרלאַמענט וועט אמת, נישט טויטן אונזער ווערק — נישטאָ דער כח אין דער וועלט, וואָס זאָל דאָס קענען באַוויזן — אָבער דאָס קען פאַרשווערן אונזער אַרבעט, און דערפאַר קענען די באַדערפענישן פון אונזער ווערק נישט פאָדערן דאָס דורכפירן די דאָזיקע קאָנסטיטוציאָנעלע ענדערונג.

די לאַגע איז אַ אַנדערע. סיי ענגלאַנד, סיי אונזער אויפטו אין לאַנד פאָדערן פון אונז צו געפינען אַ לעזונג פאַרן יידיש-אַראַבישן פּראָבלעם. אויף וויפל די דאָזיקע לעזונג איז אָפּהענגיק פון אונז. זיי פאָדערן פון אונז, אויף וויפל דאָס ליגט אין אונזערע מעגלעכקייטן, מיר זאָלן שאַפן די באַציונגען, וואָס זיכערן דעם פרידן, אויך אָן דער הילף פון די גרויסע כחות פון מיליטער און פּאָליציי. ווען מיר וואָלטן געקענט קומען צו ענג-לאַנד, צום פעלקער-בונד, צו די יידן פון אויסלאַנד, און זיי זאָגן: „מיר האָבן אַ וועג ווי צו זיכערן דעם שלום, דעם אמתן שלום אין לאַנד", וואָלט דאָס זיי פּאָלקאָם באַפרידיקט, און זיי וואָלטן צו אונז מערער נישט געהאַט קיין טענות.

איז דער פּאַרלאַמענט און נאַציאָנאַלע רעגירונג דער אייגנטלעכער וועג פאַר דער זיכערונג פון פרידן, פאַרן לעזן דאָס יידיש-אַראַבישע פּראָבלעם? די, וואָס ענטפערן פּאָזיטיוו אויף דער דאָזיקער פראַגע, געפינען זיך אונטערן איינפלוס פון דער איבערגעטריבענער פּאָליטיזאַציע פון אונזער גאַנצער באַוועגונג. דער איראָפּעאישער שאַבלאָן, אַ שאַבלאָן, וואָס איז אויך דאָרט שוין געוואָרן פאַרעלטערט, האָט זיי דערצויגן אויפן געדאַנק, אַז מ׳קען לעזן לעבנס-פּראָבלעמען דורך פּאָליטישע מיטלען, און זיי פירן איבער, אָן קווענקלעניש, דעם דאָזיקן שאַבלאָן, אין אַ לאַנד מיט באַזונ-דערע נויטן, מיט איר ספּעציפישער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע. די דאָזיקע פּאָליטיזאַציע קען אויך זיין אַ רעזולטאַט פון פּאַניק, אָדער פון ווילן זיך אַרויסצודרייען פון געבן אַ תשובה אויפן אמתן פּראָבלעם. ווייל פּאַקטיש קען נישט דער פּאַרלאַמענט אונז זיכערן דעם שלום פון לאַנד, און ר׳איז נישט בכּח צו לעזן דאָס יידיש-אַראַבישע פּראָבלעם.

די אַראַבישע „פּאָרשטייער" אין פּאַרלאַמענט וועלן קומען פון באַ-שטימטע קרייזן, לויטן יעצטיקן מצב, אין וועלכן עס געפינט זיך די אַראַבישע געזעלשאַפטלעכקייט. וועגן דעם קענען גאָר קיין צוויי מיינונגען נישט זיין. און די דאָזיקע קרייזן זענען אונזערע פיינט און באַקעמפער. אויב זיי וועלן זיצן אין פּאַרלאַמענט, האָבן זיי פאַר זיך צוויי וועגן: זיי קענען פאָרטזעצן זייער קעגנערשאַפט צו אונז, און דאַן וועלן זיי זוכן כּלערליי מיטלען, אינערהאַלב און מחוץ דעם פּאַרלאַמענט, צו שטערן אונזער אַרבעט, און איר ברענגען צו אַ דורכפאַל. דערין קענען מיר זיכער נישט זען קיין לעזונג פון יידיש-אַראַבישן פּראָבלעם, — דער דורכ-פאַל פון אונזער זאַך קען דאָך נישט זיין די לעזונג פונם פּראָבלעם. אויך פרידן וועט נישט אַרויסקומען פון דאָזיקן וועג. אויך די אַראַבישע פאָרשטייער, וועלן, אויב זיי וועלן נישט באַווייזן שטערן אונזער אַרבעט אין פּאַרלאַמענט, איבערפירן זייער אַרבעט מחוץ אים, און אויך די יידן וועלן דאַן זיך אויפהויבן צום קאַמף קעגן דער אונטערדריקונג פון זייער נאַציאָנאַלער האָפנונג. אָדער ס׳איז מעגלעך, אַז די דעפּוטאַטן פון פּאַרלאַמענט און די אַראַבישע רעגירונגס-מיטגלידער וועלן אין פּאַרלאַמענט ענדערן זייער האַלטונג און פאַר פּאַרשידענע באַקוועמלעכקייטן, פּריוואַטע און פאַר זייער קלאַס, וועלן זיי באַזייטיקן די שטערונגען, וואָס זיי לייגן היינט אויף אונזער וועג, און זיי וועלן „פאַרראַטן" די אויפגאַבע, פאַרוואָס זיי טרעטן היינט אַרויס. אַזאַ מעגלעכקייט איז נישט אויסגעשלאָסן. אָבער אויב דאָס קען אונז זיכערן דעם אויסערלעכן פרידן, שטעקט דערין בכלל נישט קיין לעזונג פאַרן יידיש-אַראַבישן פּראָבלעם. און אויך דער שלום איז נאָר אַ אילוזאָרישער פרידן, וואָס גרייט צו אַ נייעם שטורם, אַפילו אַ שווע-רערערן, ווי דער, וואָס מיר האָבן יעצט איבערגעלעבט, און דער דאָזיקער שטורם וועט אויך זיין גערעכט. אַ שלום מיט די שטאַרקע און מעכטיקע

איז נישט קיין שלום פון אמת און רעכט, און ער וועט ווערן דערגרייכט אויפן חשבון פון די אַראַבישע פּאָלקס-מאַסן. דאָס יידיש-אַראַבישע פּראָבּלעם באַשטייט נישט דערין, וואָס אַ געוויסע צאָל אַראַבישע אינטעליגענטן האָבּן נישט קיין רעגירונגס-פּאָסטנס און פיל אַראַבישע פלאַנטאַטאָרס ווערט אַלץ שווערער צו מאַכן זייער עקספּלואַטאַציע-אַרבעט אין אַ לאַנד, וואו ס'ווערט פאַרווירקלעכט אַ גרויסע פּראָגרעסיווער אויפטו. ס'דאַרף אונז גאָר נישט איינפאַלן, אַז די אַראַבישע פּאָרשטייער וועלן זיך אויסקלויבּן אַ דריטן וועג, און זיי וועלן אין פּאַרלאַמענט זוכן די מעגלעכקייט צו באַפרידיקן די אמתע אינטערעסן פון אַראַבישן ישוב. די דאָזיקע נויטן וועלן קודם כל פאַרלאַנגען אַ שטאַרקן קאַמף מיט דער פאַרשקלאַפונג פון די אַראַבישע מאַסן, און די פּאַרלאַמענטס-דעפּוטאַטן וועלן דאָך זיין די פאָרשטייער פון די הערשער, וואָס געניסן פון דער דאָזיקער פאַרשקלאַפונג. אין געזעלשאַפטלעכן לעבּן טרעפן זיך נישט קיין נסים. ווי ס'זאָל נישט זיין, טאָר מען נישט בויען רעאַל-פּאָליטיק אויפן יסוד פון גלויבּן אין נסים. דער אויסנוצער-קלאַס וועט זיך קיינמאָל נישט פאַרוואַנדלען אין קעמפער פאַר פאָלקס-באַפרייונג און ער וועט נישט, מיטן גוטן ווילן, מותר זיין אויף זיין שטעלונג און פּריווילעגיעס אין דער געזעלשאַפט.

מ'דאַרף נישט זוכן די לעזונג פון יידיש-אַראַבישן פּראָבּלעם—אין וואָס עס ליגט די גאַראַנטיע פאַר דער זיכערונג פון פרידן אין לאַנד—אין דער פלעכע פון פּאָליטיק. די דאָזיקע לעזונג דאַרף מען זוכן אין דער פלעכע פון די לעבּנס-נויטן פון די פאָלקס-מאַסן, אויפן סאָציאַל-עקאָנאָמישן געביט. און ס'איז זער מאָדנע, וואָס אויך פיל סאָציאַליסטן אין ציוניסטישן לאַגער זענען געוואָרן געשטרויכלט מיט דער פּאָליטישער אילוזיע. עס לערנט אונז דאָך דער סאָציאַליזם שוין צענדליקער יאָרן — אין זיין לערע און אַנאַליז פון דער ווירקלעכקייט פון אַרבעטער-לעבּן — נישט צו באַגנוגנען זיך מיט פּאָליטישע לאָזונגען און בלויז מיט פּאָליטישע פּאָרמען, נאָר אַריינצודרינגען אין קוויל פון די אמתע נויטן און די עקזיסטירנדע סאָציאַלע כחות, וואָס קענען נישט ווערן געלעזן אויפן פּאָליטישן וועג. דאָ, אין רעאַלן, סאָציאַל-עקאָנאָמישן אַנאַליז, שטעקט דאָך דער גרונט-אונטערשיד צווישן סאָציאַליזם און דער לערע פון דעמאָקראַטיע און ליבעראַליזם. און אויב אַ אויפריכטיקער דעמאָקראַט מעג זיך באַגייסטערן מיטן „פּאַרלאַמענט", טאָר נישט אַ סאָציאַליסט פאַרגעסן, וואָס ס'קען זיך באַהאַלטן אונטער דער דאָזיקער פּאָרם. און נאָך מערער משונהדיק זעט עס אויס, ווען עס געפינען זיך צווישן אונז מענטשן, וואָס אסרן אונז צוצוגיין מיטן סאָציאָלאָגישן אַנאַליז-מעסער צו דער אַראַבּישער באַוועגונג, און הייסן אונז שלום מאַכן מיט איר, אַזוי ווי זי איז, און זוכן צו מאַכן מיט איר אַ פּשרה, אַזוי ווי זי איז. דער הויפּט-אַרגומענט פון ד"ר מאַרטין בובער, ביים קריטיקירן די שטעלונג

פון די א״ידיקע אַרבעטער צו דער אַראַבער-פראַגע איז — אויף וויפל מ׳קען אורטיילן לויט אַ געקירצטן באַריכט פון דער פרעסע, — וואָס מ׳טאָר נישט רעדן וועגן „עפענדיס״ און „פעלאַכן״, ווען ס׳עקזיסטירט אַ פאַרייניקטע אַראַבישע באַוועגונג, ענלעך צו דער „יידישער באַוועגונג״, וואָס האָט אויך אירע עפענד ס.

בובער האָט פיל בייגעשטייערט צו דער יידישער רענעסאַנס-באַוועגונג, און נישט ווייניק איז זי אים שולדיק. דערפאַר ווייטיקט אונז זער צו הערן פון אים ווערטער, וואָס שטייען אין פולסטן קעגנזאַץ צו דעם אַלעם, וואָס ער האָט אונז געלערנט אין משך פון צענדליקער יאָרן. וואָס האָט ער אונז געזאָגט, אונז די יידן? דער נאַציאָנאַלער געדאַנק, אַן און פאַר זיך, איז נישט מער ווי אַ כּלי, וואָס מיר האָבן די אויפגאַבע אים אָנצופילן מיט ערהאַבענעם מענטשלעכן און סאָציאַלן אינהאַלט, און אויב מיר וועלן דאָס נישט באַווייזן צו טוען, ווען מיר האָבן פאַרראַטן אונזער אויפגאַבע. די „נאַציע״ איז נישט קיין פעטיש, איז נישט קיין נייער געטש, וואָס גייט ירשענען דאָס אָרט פון די אַלטע געצן, וואָס מיר האָבן צעשמעטערט, נאָר איז אַ מיטל פאַר דער אויפהויבונג פון מענטש, אַ וועג צו זיין סאָציאַלער באַפרייאונג, צו זיין קולטורעלער באַרייכערונג. די נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז אַן און פאַר זיך נישט הייליק — זי קען אויך זיין רעאַקציאָנער, אַ פיינט צו אַנדערע פעלקער, זי קען אויך זיין אַ מיטל צו פאַרשקלאַפן די אַרבעטער-מאַסן. אַ נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז נאָר דאַן הייליק, ד. ה. זי האָט דאָס רעכט צו עקזיסטירן און זיך אַנטוויקלען, אויב זי איז אַ באַ-וועגפאַקטאָר און אַ אויסדרוק פאַר אויפלעבונג, פאַר באַנייען און שאַפן נייע ווערטן, אויב איבער איר וויעט דער גייסט פון פרייהייט, פון מענטשלעכער, סאָציאַלער באַפרייונג און ברידערשאַפט מיט אַנדערע פעלקער. אַזוי האָט אונז געלערנט מאַרטין בובער, און מיר האָבן פאַרנומען זיינע רייד, און דערקענט אין אים איינעם פון אונזערע לערער, און די א״ידיקע אַרבעטער-באַוועגונג האָט זיך באַמיט און געשטרעבט מיט אַלע אירע כּחות — אונ-טערן דרוק פון זיין איינפלוס — צו גייען אינם וועג, וואָס ער האָט אונז אָנגעצייכנט. אָבער אויב אַזוי שטייט דאָס פּראָבלעם, פאַרוואָס-זשע זאָלן מיר נישט צוגיין אויך צו אַ געזעלשאַפטלעכער דערשיינונג, וואָס איז אויסער אונז, מיט דעם זעלבן מאַסשטאַב, וואָס ער האָט אונז געלערנט, אַז מיר זאָלן באַנוצן אין באַצוג צו אונזער אייגענער באַוועגונג? צי זענען אמת און רעכט נאָר אַ פליכט פאַר יידן, און אַנדערע פעלקער זענען פּטור דערפון? און ווען ס׳האָט זיך באַוויזן אויף אונזער וועג אַ רעאַקציאָנערע קליקע און זי פאַרשטעלט זיך אַלס פרייהייטס-באַוועגונג, צי טאָרן מיר דאַן נישט זאָגן, אַז אירע לאָזונגען זענען פאַלש, און אַז שלעכט וועט זיין, אויב די ציוניסטישע באַוועגונג וועט זוכן מאַכן כּשרות דווקא מיט דער דאָזיקער קליקע? צי טאָרן מיר נישט זאָגן, אַז יעדער בעל תּקיף, געוואַלדן-מאַכער

און וואוילער יונג איז נישט גערעכט און ער איז נישט דער קאָמפּעטענטער פאָרשטייער פון פאָלק? צי טאָרן מיר נישט זאָגן, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג וועט זיך באַפּלעקן, אויב זי וועט שליסן אַ שלום־אָפּמאַך, ווילנ־דיק אָדער אונטער אויסערלעכן דרוק, מיט דער דאָזיקער קליקע, ווען דער דאָזיקער שלום וועט געמאַכט ווערן אויפן חשבון פון די אַראַבישע מאַסן? נישט פון בובערן האָבן מיר געקענט דערוואַרטן צו הערן אַזאַ תורה פון שלום־מאַכן מיט דער „נאַציאָנאַלער באַוועגונג", וואָס האָט נישט צו פאַרצייכענען קיין איין פּלוס אויף איר חשבון — נישט אויף דער מענטשלעכער, נישט אויף דער סאָציאַלער פּלעכע, נישט פאַר די אַראַבישע מאַסן, נישט פאַר אַנדערע פעלקער און גאַנצער מענטשהייט — אויסער די פּאָגראָמען קעגן יידן. נישט פון מאַרטין בובער האָבן מיר געדאַרפט הערן אַנערקענונגס־ווערטער פאַר דער דאָזיקער קליקע, וועמענס כח און שטיצע זענען בלוט־שחיטות.

און וואָס נוגע די „עפענדיס" אין אונזערע אייגענע רייען, וועלן מיר מיט דער גאַנצער קראַפט אַרויסטרעטן קעגן פאַרגלייכן זיי מיט יענער קליקע. אונזערע רבנים הראשים און גבירים פון דער אַגענץ האָבן נאָך נישט אָרגאַניזירט אונזערע ייִנגעלייט צו מאַכן פּאָגראָמען אויפן אַראַבישן ישוב, צו פאַרברענען דאָס האָב און גוטס פון די אַראַבישע האַרעפּאַש־ניקעס, צו הרגענען זקנים און פאַרגוואַלדיקן פרויען. בובער ווייסט דאָך על כל פּנים, אַז אויך אין דער „עפענדישקייט" זענען דאָ מדרגות — מענטשלעכקייט, קולטורן, סאָציאַלע צווישן־שטאַפּלען, — וואָס דערלויבן נישט מאַכן פאַרגלייכן צווישן די פאַרשידענע אַרטן עפענדיס. דער קאַלטער סאָ־ציאָלאָגישער אַנאַליז קען אפשר זיך נישט מאַכן באַמערקן די מענטשלעכע כאַראַקטער־שטריכן פון די פירער (הגם די דאָזיקע כאַראַקטער־שטריכן זענען נישט קיין צופאַל). אָבער ער טאָר נישט, אויף קיין פאַל טאָר ער נישט פאַרגעסן דעם אינהאַלט פון דער באַוועגונג און איר אינערלעכן מהות. פאַר אַ סאָציאָלאָגישן אַנאַליז איז אַבסאָלוט נישט וויכטיק, אַז ס'זענען דאָ „עפענדיס" צווישן אונז, נאָר וויכטיק און אַנטשיידנד איז פאַר אים, אַז אונזער באַוועגונג איז נישט קיין „עפענדישע", נאָר אַ באַפרייענדע, פון מענטשלעכן ווי פון סאָציאַלן שטאַנדפּונקט, און נישט דאָס געפינען זיך פון עפענדיס אין דער יעניקער באַוועגונג, וואָס וויל זיך פאַרשטעלן אַלס די אַראַבישע באַוועגונג, נישט דאָס, נאָר די עפענדישקייט פון דער דאָזיקער באַוועגונג, אירע שטרעבונגען פון שקלאַפעריי און עקספּלואַטאַציע, דאָס באַשטימט אונזער קלאָרע באַציאונג צו איר.

ווי ס'זאָל נישט זיין, איז דער שלום מיט די דאָזיקע קרייזן נישט דער שלום, צו וואָס מיר שטרעבן, און די רעגולירונג פון די באַציונגען מיט זיי איז נישט די לעזונג פון דער יידיש־אַראַבישער פראַגע. וואָלט אַזוי געווען די לאַגע, וואָלט דאַן דאָס גאַנצע פּראָבלעם נישט געווען בלויז קיין

פראַגע פון רעזשים, אָדער אַ פראַגע פון ביליקע „דיפּלאָמאַטיע", וואָס באַזירט בעיקר אויף דעם פערזענלעכן גענויס פון דעם אָדער יענעם און אויף דער איינהיטונג פון די פּריווילעגיעס פאַרן אויסנוצער-קלאַס. די ערנסטקייט פון אונזער לאַגע פליסט אַרויס דערפון, וואָס ס'איז פאַראַן און עס עקזיסטירט אַ יידיש-אַראַביש פּראָבלעם, אַ אמת, לעבעדיק פּראָבּלעם, און פון דעם טאָרן מיר זיך נישט אַרויסדרייען, אַפילו מיט דער הילף פון אַזאַ, אויף דער וועלט אָנגענומען, מיטל, ווי די רעגולירונג פון אונזערע באַציונגען מיט די תקיפים דורך אַ א״ידיקן פאַרלאַמענט און געבן אונזער הסכם צו אַ „נאַציאָנאַלער רעגירונג". קעגנאיבער דעם דאָזיקן אמתן פּראָבלעם איז אַזאַ סאָרט רעגולירונג פון דער פראַגע נישט מער ווי אַ פיקציע.

10 דעצעמבער 1929

אויפן סאָציאַל־עקאָנאָמישן געביט

אויב מיר וועלן אַוועקנעמען פון דער אַראַבישער אַנטי־יידישער באַוועגונג דאָס גאַנצע יאָגן זיך נאָך פּערזענלעכער קאַריערע, נאָך בייזוויליקער העצע און דעם גאַנצן צופלוס פון כחות, וואָס די באַוועגונג האָט באַקומען, אַדאַנק דער אומטעטיקייט (און אָפּטמאָל — אַדאַנק דער מיטהעלפנדער טעטיקייט) פון אַ טייל בעאַמטע — וואָס וועט בלייבן אין איר אַלס פאַקטישער קערן, מיט וועמען מ׳דאַרף זיך רעכענען? אַ רעליגיעזע באַוועגונג איז עס זיכער נישט — ס׳איז דאָך אַ חוזק צו מיינען, אַז די יידישע קאָלאָניזאַציע שטעלט אין אַ געפאַר אויף וועלכן ס׳איז אופן, היינט אָדער אין דער צוקונפט, די מוסולמענישע אָדער קריסטלעכע רעליגיע. אַ מורא פאַר דער עקזיסטענץ, אין פשוטן זין פון וואָרט, אַ מורא פאַרן לעבן פון די אַראַבער, פאַר זייער פאַרמעגן און אַרבעט? דאָס איז דאָך לויטער אומזין. נישטאָ דער ציוניסט, וואָס זאָל טראַכטן וועגן „אַרויסטרייבן” די אַראַבער פון א״י, און ס׳איז נישטאָ קיין גרונד פאַר דער דאָזיקער השערה. וואוהין וועלן גיין די דאָזיקע דריי פערטל מיליאָן? ווי אַזוי וועלן זיי אַרויסגיין פון לאַנד, ווי אַזוי וועלן זיי זיך אונטערגעבן דער משונהדיקער גזרה? ווי אַזוי וועלן דאָס דערלויבן די שכנותדיקע לענדער, די מאַנדאַטן־מאַכט, דער פעלקערבונד? איז נישטאָ קיין רעכט אויף דער וועלט — נישטאָ אין אַזאַ מאָס, אַז אַזאַ פאַרברעך זאָל זיין מעגלעך? און וואָס זענען די יסודות פאַר דער דאָזיקער מורא? די יידישע קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט אין לאַנד האָט זיך דאָך נישט אָנגעהויבן פון נעכטן, און ס׳איז דאָך שוין דאָ אַ מעגלעכקייט צו אורטיילן איבער אירע רעזולטאַטן פאַרן אַראַבישן ישוב. זען מיר דען אַ פאַרגרעסערטע אויסוואַנדערונג פון די אַראַבער פון לאַנד און באַזונדערס פון די ראַיאָנען, וואו די יידן האָבן קאָנצענטרירט זייער טעטיקייט? פונקט פאַרקערט — די עמיגראַציע פון די אַראַבער פאַרקלענערט זיך אַלץ מער און אַממערסטן געשעט דאָס דוקא אין די „יידישע” ראַיאָנען.

טאָמער שטעקט דער פאַקטישער קערן פון קאָנפליקט אין נאַציאָנאַליזם?

אין לאַנד איז אָבער — אויף וויפל מען רעדט דאָ נישט וועגן לאָזונגען, נישט וועגן פּראָקלאַמאַציעס, נישט וועגן אויסריידן, נאָר וועגן פאַקטישן אָביעקטיוון קערן — נישטאָ אַפילו דער אָנהויב פון אַ נאַציאָ־נאַלער באַוועגונג, ווי מיר זענען איר געוואוינט צו זען אין אייראָפּע. מ׳טאָר נישט פאַרגעסן: דער נאַציאָנאַליזם האָט אין זיך אַלס פּאָליטי־שער קולטור־באַגריף פיל נייעס אויף לגבי די אייראָפּעישע פעלקער. דער דאָזיקער באַגריף איז קוים אַלט איבער הונדערט יאָר. פריער האָבן די אייראָפּעישע פעלקער געוואוסט פון אַ געמיינזאַמער רעליגיע, פון אַ גע־מיינזאַמער שטאָט און דאָרף, און אַ ביסל פון אַ געמיינזאַם לאַנד. אויך די געמיינזאַמע שפּראַך איז אַלס קאָלעקטיווער ווערט, וואָס איז כאַראַק־טעריסטיש און טייער דעם דאָזיקן קאָלעקטיוו, נאָר די שאַפונג פון דער מאָדערנער קולטור. אָבער אַ „נאַציע״ — אַ גורל־געמיינשאַפט פון אַ סך מענטשן, וועמען עס טיילט אָפּ צווישן זיך דאָס אָרט און די לאַגע, דער לעבנס־שטייגער און וועלט־אָנשויאונג, אָפטמאָל אויך די רעליגיע און דאָך איז יעדער מיטגליד פון דער נאַציע פּונקט ווי פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן צווייטן — אין דאָזיקן באַגריף איז דאָ אַ געוויסע אַבסטראַקציע, וואָס דער מיטלאַלטער וואָלט עס נישט געקענט תּופס זיין. מיר גייען נאָך ווייטער: אויך היינט־צו־טאָג, זענען, — נאָך די גרויסע נאַציאָנאַלע אויפברויזן, וואָס אייראָפּע האָט איבערגעלעבט אין משך פון לעצטן יאָרהונדערט, — פאַראַן געוויסע טיילן אין אייראָפּע, וועמען דער באַגריף איז נאָך פרעמד. און אודאי און אודאי איז אַזוי דער מצב ביי די מזרח־פעלקער, און אודאי און אודאי אין אָפגעשטאַנענעם פּאַלעסטינע. מ׳דאַרף אָננעמען, אַז די אויבערשטע שיכטן פון אַראַבישן פאָלק באַנוצן זיך מיטן דאָזיקן באַגריף, נישט אָפּ־געבנדיק זיך קיין קלאָרן דין וחשבון איבער זיין אינהאַלט און ווערט, נישט וויסנדיק, מיט וואָס דער באַגריף איז פאַרבונדן אין לעבן פון אַנ־דערע פעלקער, פון וועמען זיי האָבן אים איבערגענומען, סתּם דורך נאָכמאַכונג. און מ׳קען זיין זיכער, אַז דעם פעלאַך און אַראַבישן אַרבע־טער אין א״י איז שוין אַבסאָלוט פרעמד דער דאָזיקער באַגריף און ער רעדט אַבסאָלוט גאָרנישט צו זיין האַרץ.

און דאָך איז, — אויך אַוועקנעמענדיק אַלע פּערזענלעכע חשבונות, מיט די זוכענישן נאָך אייגענעם נוצן און הנאה — פאַראַן אַ אָביעקטיווער קערן פון יידיש־אַראַבישן קאָנפליקט. נאָר דער דאָזיקער קערן, סיי ווען ער איז איינגעוויקלט אין אַ טלית פון רעליגיע, פון נאַציע אָדער פון אַ באַזונדערן לעבנס־שטייגער — איז דער סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכער קערן. דאָס איז בעצם אַ צוזאַמענשטויס צווישן צוויי פעלקער, וואָס לעבן צוזאַמען אין איין לאַנד, און צווישן זיי עקזיסטירט אַ טיפער סאָ־ציאַל־ווירטשאַפטלעכער תּהום. די סאָציאַליסטן אין ציוניסטישן לאַגער וועלן זיך אודאי נישט וואונדערן דורך דער דאָזיקער אַנטפלעקונג פון סאָציאַלן

קערן פון קאָנפליקט — זיי זענען דאָך געוואוינט צו דערזען דעם דאָזיקן
קערן אויך אין אַנדערע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, און אויך אין דער יידי-
שער רענעסאַנס-באַוועגונג. אָבער וואָס איז ספּעציפיש אין אונזער באַ-
האַנדלטן פאַל איז דאָס, וואָס דער דאָזיקער קערן איז ווייזט אויס דער
עיקר, אויב נישט אַלץ אין קאָנפליקט צווישן די יידן און אַראַבער.

פאַקטיש עקזיסטירט אַזאַ קאָנפליקט אין יעדן אָרט, וואו עס טרעפן
זיך צוזאַמען פעלקער פון אייראָפּע און אַמעריקע מיט די קינדער פון אַ
אָפּגעשטאַנען לאַנד. די שנאה פון די אָרטיקע איינוואוינער צו איי-
ראָפּעער, וועמענס מוראדיקע צייכנס ברעכן אויס דאָ און דאָרט — אין
דער לעצטער צייט זער אָפט — איז אַ סאָציאַלע שנאה. אמת, ס'זענען
דאָ אויסנוצערס אויך צווישן יעדן פאָלק און זייער עקספּלואַטאַציע איז
אפשר אכזריותדיקער ווי די עקספּלואַטאַציע פון אַ פרעמדן. אָבער צו די
אינערלעכע עקספּלואַטאָרן האָבן זיי זיך צוגעוואוינט, דאָס נעמט מען
אויף ווי אַ גזרה פון הימל. נאָך וואָס מען טאָר נישט נאָכקלערן. אָבער
אַ פרעמדן וויל מען נישט מוחל זיין, און על אחת כמה וכמה,
ווען דער אָרטיקער עקספּלואַטאָר בלייבט שטייען אין זיין לעבנס-שטיי-
גער און באַגריפן כמעט אויף דער זעלבער מדרגה ווי דער עקספּלואַטיר-
טער, אין דער צייט, ווען דער פרעמדער קומט פון אַ גאַנץ אַנדערער
וועלט און איז אַ טרעגער פון גאַנץ אַנדערע באַגריפן.

אָבער דער ווירטשאַפטלעכער מצב פון פעלאַך און פון אַראַבישן אַרבע-
טער האָט זיך אויסגעבעסערט. אין געוויסע געגנדן פון לאַנד, און באַזונ-
דערס אין די, וואָס זענען נאָענט צום יידישן ישוב, אין משך פון די
לעצטע 10 יאָר. אמת, די רעגירונג האָט איינגעפירט געוויסע רעפאָרמען—
אין דער ווירקלעכקייט גענוג באַשיידענע — צו פאַרלייכטערן די לאַגע
פונם פאָלקסמענטש, אָבער די בענקשאַפט פון די אַראַבישע פירער נאָכן
טערקישן רעזשים איז אַ בענקשאַפט פון תקיפים נאָכן רעזשים פון קנעכט-
שאַפט און הפקרות. נאָך אַלעם איז דאָך אַ פאַקט, אַז עס לעבן נאָך אין
לאַנד ביי 100 טויזנט בעדואינער, וואָס לעבן אין אַ פּאָרוואָרלאָזטן, כמעט
ווילדן צושטאַנד און די לאַגע פון די פעלאַכן אין אַלגעמיין אַלס קלאַס,
איז אַ מצב פון האַלבע קנעכט, וואָס לעבן אין קנעכטשאַפט און אין אומבאַ-
שרייבלעכער אָרעמקייט. ס'זענען דאָ ערטער אין לאַנד, באַזונדערס אויף
די בערג, וואוהין עס דרינגט נישט אַריין די יידישע קאָלאָניזאַציע, וואו
דער פעלאַך פאַרדינט אַנדערטהאַלבן פּיאַסטער אַ טאָג אויף זיין חיונה,
איז דאָרט אַ עבֿד כּנעני צום אַראַבישן פּראָצענטניק, וואָס נעמט פון
אים 60 און 100 פּראָצענט פאַר צינזן, מיט דער הילף פון געפעלשטע
וועקסלען, אַזוי, אַז די רעגירונג האָט נישט קיין געזעצלעכע מעגלעכקייט
אַפילו אָנצונעמען קעגן זיי וועלכע ס'איז מיטלען, און זיי יאָגן אַראָפּ אָן
רחמנות די פעלאַכן פון זייער ערד, נישט געבנדיק זיי אַ גראָשן ענטשע-

דיקונג. דאָס זענען די זעלבע, וואָס זענען שפּעטער געקומען זיך קלאָגן פאַר דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע. אַז די אָדער יענע שטאָט איז געוואָרן פאַראָרימט אַ דאַנק די יידן, און פאַראָרימט איז זי געוואָרן דערמיט, וואָס די יידישע קאָלאָניזאַציע האָט אַרויסגעראַטעוועט די פעלאַכן פון די הענט פון זייערע אונטערדריקער. און כאָטש די יידן האָבן נישט געשאַפן די דאָזיקע אָרעמקייט און עקספּלואַטאַציע, בלייבט אָבער באַשטיין דער פאַקט פון סאָציאַל־עקאָנאָמישן קעגנזאַץ צווישן יידישן און אַראַבישן ישוב, ווייל דער ייד פאַרייניקט אין זיך ביידע אייגנשאַפטן — ער שטייט אויך אויף אַ אַנדער אַנטוויקלונגס־שטופע און ער איז אויך אַ „פרעמדער".

צווישן די געוויינלעכע קאָנפליקטן פון דאָזיקן אַרט און צווישן יידיש־אַראַבישן קאָנפליקט איז פאַראַן אַ גרונדזעצלעכער אונטערשייד, וואָס באַשטימט זיין כאַראַקטער און גורל פאַר דער צוקונפט. דער אונטערשייד באַשטיין דערין, וואָס מיר קומען נישט אַהער אויף אַ געוויסער צייט, כדי צו מאַכן געשעפטן, אָנקלויבן קאַפּיטאַל און צוריק אַהיימפאָרן. די יידן קומען נישט אַהער, כדי צו עקספּלואַטירן די אָרטיקע איינוואוינער, נאָר כדי צו פאַרבלייבן דאָ, כדי צו בויען דאָ זייער היים, האַנט ביי האַנט מיט די אָרטיקע איינוואוינער. פון דאַנט קומען אַרויס פיל מסקנות: מיר האָבן נישט דעם זעלבן אויסוועג פון דאָזיקן קאָנפליקט, ווי ס'האָבן אים אַלע איראָפּייער אין אַלע קאָלאָניעס — צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, ווען דער באָדען הייבט אָן ברענען אינטער די פיס. מיר זענען געצוואונגען צו פאַרבלייבן דאָ, דערפאַר זענען מיר געצוואונגען אויסצוטראָגן דעם קאָנפליקט ביזן סוף, — ד. ה. מיר זענען געצוואונגען אים אַרויסצורייסן מיטן וואָרצל. און מיר האָבן אַ אָביעקטיווע מעגלעכקייט דערצו — ווייל מיר זענען נישט געקומען אַהער, כדי צו עקספּלואַטירן די אָרטיקע איינוואוינער, נאָר זיך צו באַזעצן נעבן זיי, דערפאַר זענען מיר נישט פאַראינטערעסירט אין זייער אָרעמקייט און אונטערדריקונג, נאָר פאַרקערט: מיר זענען פאַראינטערעסירט, אַז דער פעלאַך זאָל זיך אויפהויבן פון זיין נידעריקער שטופע, אויף וועלכער ער געפינט זיך יעצט, און זאָל שטיין אויף איין שטופע מיט אונז. און נישט נאָר אין פּאָליטישן זין — ווייל אין דאָזיקן סאָציאַלן קאָנפליקט שטעקט דאָס אמתע יידיש־אַראַבישע פּראָבלעם, און דאָס איז דאָס געפערלעכסטע פון אַלע קאָנפליקטן צווישן מענטשן, און זיין לעזונג באַשטייט נאָר אין אָפּשאַפן דאָס פּראָבלעם. קיין שום הסכם, קיין שום אָפּמאַך, אויפקלערונגס־אַרבעט, קיין שום צוואַנג וועלן דאָ נישט העלפן. און נישט נאָר פון מענטשלעכן שטאַנדפּונקט זענען מיר פאַראינטערעסירט אין דער לייזונג פון קאָנפליקט — ווייל עקלדיק מוז אונז זיין דאָס בילד פון דערנידערונג פון אַ מענטש, דאָ, אין אַזאַ נאָענטער שכנות צו אונז, אין אַ לאַנד, וואָס איז אונז טייער און מיר ווילן עס זען שיין און אויסגעבויט, נישט נאָר דורך זיינע בערג און טאָלן,

גאָר אויך דורכן לעבן פון זיינע איינוואוינער, אינם לאַנד, וואָס מיר זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין פּרצוף און כאַראַקטער. מיר זענען פאַראינטערעסירט אין דער אָפּשאַפונג פון דער סאָציאַלער און ווירטשאַפטלעכער סתירה צווישן יידישן און אַראַבישן ישוב פון ישוב-שטאַנדפּונקט, אויך אין ענגן זין פונם וואָרט, פונם קאָלאָניזאַציע-שטאַנדפּונקט.

דער יידישער אַרבעטער איז פאַראינטערעסירט דעריין, אַז דער אַרבעטס-לוין פון אַראַבישן אַרבעטער זאָל נישט זיין נידעריקער פון זיין אייגענעם לוין. דאָס אַריינדרינגען אין דער א״י-דיקער ווירטשאַפט, אין אַלע אירע דריי פאָרמען — רעגירונגס-ווירטשאַפט, יידישע פּריוואַט-ווירטשאַפט און אַראַבישע — וועט ווערן נישט בערך גרינגער ווי היינט, ווען דער הויכער לוין פון יידישן אַרבעטער איז דער בעסטער אויסרייד אויף אַרויסשטויסן אים פון די אַרבעטס-פּאָזיציעס. און דאָס אַריינדרינגען פון יידישן אַרבעטער אין דער א״י-דיקער ווירטשאַפט מיינט: פאַרשטאַרקטע יידישע עליה. דער יידישער אַרבעטער איז פאַראינטערעסירט אין דער פאַרבעסערונג פון די אַרבעטס-באַדינגונגען פון אַראַבישן אַרבעטער, — אַלע סאָציאַלע געזעצן, פאַר וועלכע ער קעמפט היינט און ער דערגרייכט זיי נישט (ווייל „זיי אַנטשפּרעכן נישט דער ווירקלעכקייט פון אַראַבישן אַרבעטער״) וועלן דאַן זיין אַ מוז פאַרן גאַנצן לאַנד. און דער טייטש פון די געזעצן מיינט ווידער: יידישע עליה און די פאַרגרעסערונג פון יידישן ישוב אַלס קולטורעלן און געזונטן ישוב. די יידישע אינדוסטריע איז פאַראינטערעסירט אין דער פאַרגרעסערונג פון אינערלעכן מאַרק, — איינע פון די גרויסע שוועריקייטן, צוליב וואָס פיל מענטשן צווייפלען בכלל אין דער מעגלעכקייט אויפצובויען דאָ גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, באַשטייט דעריין, וואָס דער פעלאַך נויטיקט זיך אין גאָרנישט און ער דאַרף גאָרנישט, ווייל ער געפינט זיך אויף אַ זער נידעריקער סאָציאַל-ווירטשאַפטלעכע לאַגע. ווען ער וועט האָבן געלט אין טאַש, וועלן שוין אַ סך זאַכן זיין „נויטיק״ פאַר אים און זיין פאַמיליע. די אַנטוויקלונגס-פּערספּעקטיוון פון דער יידישער אינדוסטריע מוזן, אויף וויפל דאָס איז אָפּהענגיק פון אויסלענדישע מערק, זיין נישט זיכער: זאָקן און טעקסטיל זענען נישט קיין פּאָמעראַנצן, אויף וואָס ס׳איז דאָ אַ מין מאָנאָפּאָל. און ס׳עקזיסטירט נישט קיין זאַך, וואָס זאָל קענען שטערן דער אַנטשטייונג פון טעקסטיל-פאַבריקן אין די נאָענטע אָדער ווייטע לענדער, וואָס דינען היינט אַלס אָפּזאַץ-מערק פאַר דער א״י-דיקער יידישער פּראָדוקציע. אַ צאָל-טאַריף קען אָפּשליסן פאַר אונז יענע לענדער יעדע רגע, אין דער צייט ווען דער אינערלעכער מאַרק איז, אויף וויפל ער איז דאָ, אָפן און געזיכערט פאַר אונז און אַפילו דער „נאַציאָנאַלער״ באָיקאָט קען אים פאַר אונז נישט פאַרשליסן. און נאָך אַזאַך: אויב מיר זענען מחויב, ווען מיר רעדן וועגן די פּערספּעקטיוון פון דער יידישער אינדוסטריע,

זיך צו רעכענען מיט דער פאַרשליסונג פון אויסערלעכע מערק, זענען מיר נישט מחויב צו נעמען אין אַכט די כסדרדיקע אומאויפהערלעכע מלחמה צווישן די ביידע פעלקער, וואָס באַוואוינען דאָס לאַנד. דאָס איז נאָר אַ פאַריבערגייענדע דערשיינונג, אַ מין נאַטור-קאַטאַסטראָפע, אָבער נישט קיין שטענדיקער פאַקטאָר פון דער א״י־דיקער עקאָנאָמיק. און דערפאַר: אין דער מאָס, מיט וואָס עס פאַרשטאַרקט זיך די קויף־קראַפט פון א״י-דיקן בירגער, אין דער זעלבער מאָס וואַקסן די פערספעקטיוון פון דער א״י־דיקער אינדוסטריע. און פון דער פעיקייט פון די יידן און פון זייער איניציאַטיוו, איז אָפּהענגיק דאָס אָרט, וואָס זיי וועלן פאַרנעמען אין דער אַנטוויקלונג פון לאַנד. און די פערספעקטיוון פון דער יידישער אינדוסטריע מיינט: די פערספעקטיוון פאַר יידישער עליה.

ס׳איז נאָך געבליבן פאַר אונז אַ אַנטשיידענע פראַגע: די פראַגע פון באָדן. און דאָ איז דער חשבון אַ פשוטער: די גרויס פון א״ידיקן באָדן איז פעסטגעשטעלט. מ׳קען איר נישט ענדערן. ס׳איז אויך נישט צו ענדערן די צאָל אַראַבער, וואָס וווינען אין לאַנד. דער נאַטירלעכער צווווקס פאַרמערט זיי יעדעס יאָר מיט אַ נישט־קליינער צאָל נייע נפשות (אויך דאָס שטייגן פון נאַטירלעכן צוווקס שטייט אין אַ קאַוזאַלער פאַרבינדונג מיט דעם נידעריקן ווירטשאַפטלעכן און קולטורעלן מצב און ער וועט אַלץ מערער פאַלן מיטן אויפהויבן זיך פון לעבנס-ניוואָ) און דערפאַר — ווי אַזוי קענען מיר האָפן, אַז מיר וועלן באַווייזן איבערפירן אין רשות פון אונזער קאָלאָניזאַציע באַדייטנדע ערד־שטחים, נאָכדעם ווי מיר וועלן האָבן אויסגענוצט די גאַנצע פרייע ערד? (און דאָס איז נישט קיין סך — דאָ מיינט מען, פאַרשטייט זיך, דעם קאָלאָניזאַציע-פעיקן באָדן). אונזער האָפנונג שטיצט זיך אויף דער אינטענסיפיקאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער ווירטשאַפט, אויף דער פאַרשמעלערונג פון דעם שטח באָדן פאַר יעדער פאַמיליע. די גרויסע ערד־מאַסיוון, וואָס שטייען איצט אין רשות פון די פעלאַכן זענען אַ אומגליק פאַר זיי אַליין און זיי שטייען ווי אַ שטערונג אויפן וועג פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע. ווייל ס׳איז מעגלעך איינצואָרדנען אויפן דאָזיקן שטח, סיי אַ באַדייטנדע צאָל נייע יידישע קאָלאָניסטן און סיי די אַראַבער, וועלכע האָבן דאָרט פריער געאַרבעט און זיי איינאָרדנען בעסער און מענטשלעכער, ווי זיי האָבן געלעבט פריער. דאָס האָבן מיר באַוויזן מיט אונזער קאָלאָניזאַציע, מיט די גרויסע קאָלאָניעס אין עמק. דער געדאַנק פון „אַראָפּטרייבן די פעלאַכן״, אין וואָס מען באַשולדיקט אונז, איז נישט נאָר אַ אוממענטשלעכער און אַ אוממעגלעכער געדאַנק פון פאָליטישן שטאַנדפונקט. נאָר אויך אַ אַבסורד פון קאָלאָניזאַטאָרישן שטאַנדפונקט. ווייל די מענטשן, וואָס זענען געוואָרן „פאַריאָגט״ פון זייער באָדן בלייבן דאָך אין לאַנד (און אויב זיי האָבן די מעגלעכקייט אַרויסצועמיגרירן קיין אויסלאַנד, איז דאָך דאָס אַ גאַנץ באַגרענעצטע

מעגלעכקייט און זי מוז ווערן איבערגעריסן דורך די אויסלענדישע לענדער און דערפֿאַר קען דאָס נישט אַלס סיסטעם ווערן גענומען אין באַטראַכט). און וואָס וועט דאַן זיין זייער גורל? דער גורל פֿון וואַנדערנדע רויבער־בעדואינער? אָדער פֿון שטאָטישן „לומפּענפּראָלעטאַריאַט”? אין יעדן פֿון די ביידע פֿאַלן: וועט דאָס זיין אַ משא אויפֿן לאַנד. אַ ווירטשאַפֿטלעכע קרענק (און אויך אַ פּאָליטישע און אַ סאָציאַלע), פֿון וואָס מ'קען נישט פּטור ווערן, דאָס פֿאַרנעמען אַרבעטס־פּלעצער ביים יידישן עולה, אויף קאָנקורענץ־באַדינגונגען, וואָס קיין ייד וועט נישט קענען מיטמאַכן.

די לעזונג פֿון אונזער באָדן־פּראָבלעם איז אין דער אינטענסיפֿיקאַציע פֿון דער אַראַבישער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער ווירטשאַפֿט. פּאַקטיש, איז דאָס דער וועג, אויף וועלכן מיר זענען שטענדיק געגאַנגען, נאָר אונזערע מאָטיוון, וואָס זענען געלעגן אין אונזער באַוווסטזיין, זענען על־פּי־רוב געווען מענטשלעכע מאָטיוון און נישט קיין ווירטשאַפֿטלעך־קאָלאָניזאַטאָרישע. ווייל וואָס זענען, פֿון ווירטשאַפֿטלעכן שטאַנדפּונקט, די אַנטשעדיקונגס־געלטער, וואָס אונזערע אַנשטאַלטן האָבן שטענדיק געצאָלט דעם פּאַכטער, אויב נישט קיין מעגלעכקייט, וואָס מ'האָט אים געגעבן זיך צו קאָלאָניזירן אויף אַ צווייטן אָרט, אויף אַ ווירטשאַפֿט, וואָס איז מער אינטענסיווירט, ווי די, וואָס ער האָט געהאַט אויפֿן באָדן, וואָס ר'האָט פֿאַרקויפֿט די יידן? אָבער אונזער דאָזיקע טעטיקייט איז נישט געווען אָרגאַניזירט און צילבאַוווסט, און ס'איז אַ ספֿק, אויב די אַנטשעדיקונגס־געלטער האָבן גענוגנט פֿאַר אַ פֿולער אינטענסיפֿיקאַציע פֿון דער נייער ווירטשאַפֿט. — קיין שום אַנדערער כח, נישט דער עפֿענדי, נישט די א"ידיקע ר.גירונג האָבן דאָך נישט צוגעהאָלפֿן דעם פֿעלאַך אין אַ גענוגנדער מאָס און אין לאַנד־מאַסשטאַב. ס'זענען אָבער פֿאַראַן פֿיל פֿאַלן, ווען דער פֿריערדיקער פּאַכטער האָט זיך איינגעאָרדנט אין אַ פֿולקאָם אינטענסיווירטער ווירטשאַפֿט. ס'זענען אַוודאי פֿאַראַן אויך פֿיל פֿאַלן, ווען אויך אין דער נייער ווירטשאַפֿט האָט דער פֿעלאַך פֿאָרטגעזעצט זיין עקסטענסיווע שיטה, און דאָס מיינט, אַז מיר האָבן טאַקע אמת געגעבן פֿיל יידן די מעגלעכקייט זיך צו קאָלאָניזירן און קיין אַראַבער איז נישט געוואָרן פֿאַריאָגט פֿון דער ערד, אָבער דאָס אַגראַר־פּראָבלעם האָבן מיר אין פֿיל פֿאַלן ווי נישט באַוויזן צו לעזן, ווען דער פֿעלאַך האָט נאָר געטוישט זיין אָרט, נאָר איז ווייטער געבליבן יצן אויף אַ פֿאַרשווענדעריש־גרויסן שטח באָדן, ווי ר'האָט עס פֿריער געטאָן.

און דער אויספֿיר איז: ס'איז נויטיק, אַז דער פֿעלאַך זאָל באַקומען די מעגלעכקייט צו אינטענסיווזירן זיין ווירטשאַפֿט. דאַן וועט די ערד ווערן באַפֿרייט פֿאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע. דאַן וועלן ביים פֿעלאַך אויסוואַקסן נייע „באַדערפֿעניש”, וואָס איצט „ברויכט ער גאָרנישט”, און ס'וועט דאַן אויסוואַקסן דער אינערלעכער מאַרק פֿאַר דער אינדוסטריע.

דאָן וועט קלענער ווערן די קאָנקורענץ צווישן ביליקן אַראַבישן און טייערן יידישן אַרבעטער.

כ'האָב זיך לאַנג אָפּגעשטעלט אויף דער דאָזיקער פּראַגע פאַר עטלעכע וואָכן און כ'האָב דאַן פאָרגעלייגט אַ ראַדיקאַלע אַגראַר־רעפאָרם: די צעטיילונג פון באָדן און די אינטענסיפיקאַציע פון דער אַראַבישער ווירטשאַפט אויפן חשבון פון די סומען פון דער פאַרקויפטער „איבעריקער" ערד פאַר די יידישע קאָלאָניזאַציע־אַנשטאַלטן. כ'האָב געמאַכט אַ טעות, ווען כ'האָב אָנגעוויזן, אַז די דאָזיקע רעפאָרם איז אַ נייעס אין די מזרח־לענדער. פאַקטיש, פירט איצט איין קעמאַל־פּאַשאַ אַ ענלעכע אַגראַר־רעפאָרם אין טערקיי, און ר'האָט שוין באַוויזן פאַרטיילן טויזנטער אַקער באָדן צווישן די ערדלאָזע פויערן. און ס'איז נישט פאַרשטענדלעך, פאַר־וואָס זאָל אַ זאַך, וואָס ס'איז דערלויבט טוען דעם טערקישן דיקטאַטאָר, וואָס שטיצט זיך נישט דוקא אויף אַרבעטס־שיכטן, און ער אָריענטירט זיך נישט אויף אידעען פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, זיין פאַרבאָטן פאַר אַן אַרבעטער־רעגירונג, ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דעם פעלקער־בונד. און אויב מיר זאָלן אַפילו אָננעמען, אַז דאָס איז דער „פּראָגראַם־מאַקסימום", וואָס מיר ווען צוליב עפּעס אַ סיבה נישט פאָדערן אים דורכצופירן אין לעבן אָדער מיר וועלן אים נישט קענען דורכפירן, איז אויך פאַראַן אַ „פּראָגראַם־מינימום", וואָס ער דאַרף נישט זיין שווער צו רעאַליזירן פאַר אַ אויפגעקלערטער רעגירונג און די יידישע קאָלאָניזאַציע־אַנשטאַלטן, וואָס דענקען מיט ברייטע, אמת־שטאַטסמענישע באַגריפן. דאָס שאַפן אַ קאָלאָניזאַציע־רעסאָרט ביי דער רעגירונג (ווי מאָדנע איז דאָס, וואָס דוקא אַזאַ רעסאָרט עקזיסטירט נישט אין אַ לאַנד, אין וועלכן צענדליקער טויזנטער יידישע פאַמיליעס ווילן זיך קאָלאָניזירן און זיי האָבן פּלאַץ דערויף און דער מאַנדאַט פאַרפליכטעט די רעגירונג צו זאָרגן פאַר דער קאָלאָניזאַציע, און אויך פאַר די איינוווינער, וואָס געפינען זיך שוין אין לאַנד איז דער צושטאַנד פון די אַגראַר־פאַרהעלטניסן אַ פּעאָדאַלע פאַרוואָרלאָזטקייט — און די רעגירונג האָט נישט קיין אַ נ ש ט אַ ל ט פאַר דער דאָזיקער אַרבעט). די פעסטשטעלונג פון געזעצן פאַרן שוץ פון די פּעכטער (אַ אָגהייב אויף דעם געביט איז שוין געמאַכט געוואָרן), די רעפאָרמירונג פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע שטייערן, הילף און אונטערשטיצונג די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון פון פּראָדוציר און קאָנסום, די שאַפונג פון אַ לאַנד־ווירטשאַפטלעכע באַנק מיט אַ באַגרענעצטער קאָמפּעטענץ, מיטן תנאי נאָר צו העלפן דער „פאָלקס־אָרעמקייט". אויב נישט קיין פולע אַגראַר־רעפאָרם, טאָ כאָטש אַ „דרוק" אויף די גרויסע גרונד־באַזיצער, דורך געזעצן און שטייערן. דער דאָזיקער פּראָגראַם־מינימום איז אויך פּאַסנד פאַר יענע ראַיאָנען, וואו עס געפינען זיך נישט קיין גרויסע גיטער און ווו די ערד־פאַרטיילונג וועט נישט נוצן ברענגען דעם פעלאַך. (די „ערד־פאַרטיילונג"

מיינט נישט דווקא איר פאַרטיילונג צווישן די פעלאַכן, פאַרקערט, אין פיל ערטער איז דער פעלאַך פאַראינטערעסירט, מען זאָל ביי אים צונעמען אַ גרויסן טייל פון זיין ערד, און מ'זאָל אים געבן די מעגלעכקייט פון אינטענסי־פיקאַציע אויפן געבליבענעם שטח באָדן. די „ערד־פאַרטיילונג" מיינט: דאָס אַרויסנעמען די ערד פון רשות פון יחיד, דעם גרויס־גרונד־באַזיצער און איר אי־בערפירן אין „באָדן־רעזערוו", פון וואָס די רעגירונג וועט פאַרטיילן ערד פאַר די נייע קאָלאָניסטן — אויף דעם האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין מיינע פריערדיקע אַרטיקלען פאַר עטלעכע וואָכן).

און אויב די רעגירונג, וועט נישט קוקנדיק אויף די פאָדערונגען פון די יידן, דאָך נישט מסכים זיין צו די דאָזיקע אַלע רעפאָרמען, זענען דאַן דער יידישער ישוב און ציוניסטישע אַנשטאַלטן מחויב צו זאָרגן, אין דער ראָם פון זייערע כּחות און מעגלעכקייטן, פאַר דער אויפהויבונג פון לעבנס־ניוואָ פון פעלאַך און אַראַבישן אַרבעטער און צו פאַרלייכטערן זייער לאַגע. אין דאָזיקן געביט גייט אַריין די זאָרג מצד די באָדן־אַנ־שטאַלטן פאַרן גורל פון פאַכטער, וועמענס, די דורך אים באַארבעטע, ערד מיר קויפן אָפּ פון איר יורידישן בעל־בית. אַהער געהער אויך דער פאַר־שטאַרקטער קאַמף פון דער הסתדרות פאַר אַרבעטס־געזעצן און פאַרבעסע־רונג פון די אַרבעטס־באַדינגונגען פון אַראַבישן אַרבעטער. אויך מיט דער הילף פון בשותּפותדיקער אָרגאַניזירונג, אויף וועמענס וועג ס'שטייען אמת פיל שוועריקייטן, עקאָנאָמישע, אָרגאַניזאַטאָרישע, גייסטיקע — אָבער דער אַרבעטער־כּלל טאָר זיך נישט אָפּזאָגן און אַנטזאָגן דערפון, אויב ער וויל באמת פירן אַ אַראַבישע פּאָליטיק פון רעכט און אמתער פאַרשטענדיקונג. מיר אַלע ווייסן פאָרויס, פון נסיון, וואָס מיר האָבן שוין געהאַט: עס דערוואַרטן אונז אין וועג נישט ווייניק אַנטוישונגען, מפּלות, ריקצוגן, און „פאַרראַטן" מצד דעם ווייניק־באַוואוסטזיניקן אַראַבישן אַרבעטער, אָבער די אויפגאַבע פון אָרגאַניזירן דעם אַרבעטער, און באַזונדערס דעם לאַנד־ווירטשאַפטלעכן אַרבעטער, אָדער דעם, וואָס איז צוגעבונדן צו דער ערד (און דאָס זענען צום גרעסטן טייל די אַראַבישע אַרבעטער) איז באַזונדערס אין אַ אָפּגעשטאַנענעם לאַנד בכלל אַ שווערע זאַך, און מ'קען נישט האָפן צו דערגרייכן אַ פעסטע און קלאָרע לעזונג פון דאָזיקן פּראָבלעם, אָן אַנטוישונגען און דורכפאַלן. פאַר אונז איז די אַרבעטער־אָרגאַניזירונג אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. אונז איז אויך בייגעשטאַנען דער איינציק־אַרטיקער „מענטשן־מאַטעריאַל" און אויך דער כאַראַקטער פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג, אויף וואָס מיר זענען אויסגעוואַקסן, און אירע אַנשטאַלטן זענען געווען אונזערע ערשטע אַרבעטס־געבער. דערפאַר זענען מיר אָפּטמאָל נוטה צו פאַרגעסן די נאַטירלעכע שוועריקייטן פון אַרבעטער־אָרגאַניזירונג. מיר דאַרפן זיך דערפאַר איבערברעכן, גובר זיין די דאָזיקע שטימונג און צוטרעטן צו אַ ברייטער טעטיקייט, קענענדיק די שוועריקייטן, וואָס שטייען

אונז פאַר. אָן אילוזיעס, אויך נישט מיט קיין קינסטלעכער „רעוואָלוציאָ־נערישקייט", נאָר מיטן באַוואוסטזיין, אַז דאָ האָט זיך געעפנט אַ ברייט אַרבעטס־פעלד פאַרן יידישן אַרבעטער און פאַר זיין נאַציאָנאַלער און מענטשלעכער מיסיע.

און דאָ האָבן מיר נאָך ביישפּילן פון יידישער אַרבעט צווישן די אַראַ־בער: אַ יידישע אַנשטאַלט האָט אָרגאַניזירט אַ גאַנצע נעץ לייַ־קאַסעס פאַר אַרבעטער אין אַלע יידישע ווירטשאַפטן — ס'איז נישטאָ קיין גרונד פאַרוואָס זאָל זיך די דאָזיקע טעטיקייט נישט אויסברייטערן אויך איבער די אַראַבישע דערפער. ווייל דערפון קען ארויסקומען פיל נוצן און ברכה פון פאַרשידענע שטאַנדפּונקטן פאַרן אַראַבישן פעלאַך, וואָס ווערט יעצט געפּייניקט דורך זיינע ברידער־פּראַצענטניקעס. אויך ביי דער אָרגאַ־ניזירונג פון קאָאָפּעראַטיוון קענען די יידן פיל העלפן די אַראַבער. די רעגירונג האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער טערקישער אַגראַר־באַנק, מען זאָגט, אַז די דאָזיקע אַנשטאַלט איז געווען צעפוילט און נישט אָרגאַניזירט און נאָר די תקיפים האָבן געצויגן נוצן פון איר, און די אַנשטאַלט האָט זאָגאַר נישט געוואוסט פון קיין חשבון. אויב ס'איז אַזוי, האָט אודאי נישט געהאַט קיין זין אויפצוהאַלטן די באַנק, אָבער דאָס איז נישט קיין גענוגנ־דער גרונד איינגאַנצן מותר צו זיין אויף דעם עצם געדאַנק פון אַ באַנק פאַר אַרבעטנדע פויערן, און די יידן וואָלטן געקענט זיין מיטטעטיק ביים אויפשטעלן די דאָזיקע אַנשטאַלט.

אודאי: מיט דער דאָזיקער גאַנצער אַראַבישער פּאָליטיק האָבן מיר נישט קיין פולע זיכערקייט, אַז מיר וועלן שנעל דערגרייכן אונזער ציל: שלום אין לאַנד און די הסכמה פון אַראַבישן ישוב אויף דער פאָרטזעצונג פון אונזער ווערק. ס'עקזיסטירן פיל פאַקטאָרן, אויף וואָס מיר האָבן גאָר־נישט קיין שליטה, ביי אונזער גאַנצן גוטן ווילן. די השפּעה פון די העצער קען זיך אַרויסווייזן צו זיין גרעסער, ווי מיר האָבן זיך עס פאָרגעשטעלט. פיל איז אויך אָפּהענגיק פון דער דערציונג, וואָס ס'וועט באַקומען דער דור פון יונגע אַראַבער. אויך די וועגן פון דער אַראַבישער אַרבעטס־באַ־וועגונג, ווען זי וועט זיך אַנטוויקלען, זענען אונז נישט קלאָר און מ'קען נישט פאָרויסזעען אַלע אירע איינצלהייטן. ס'וואָלט אויך געווען נאַאיוו צו מיינען, אַז מ'קען אין דער נאָענטסטער צוקונפט דערגרייכן אַ ווערכע ס'איז קלאָרע פּאָליטישע פאַרשטענדיקונג צווישן אונז און די אַראַבער, וואָס זאָל האָבן אַ דויערנדן ווערט. ס'איז נאַאיוו צו מיינען, אַז אין דער נאָענטסטער צו־קונפט קען זיך שאַפן אַ אויסערלעך־פּאָליטישע און אַ אין יעדן ישוב איגערלעכע סיטואַציע, וואָס זאָל דערלויבן די אַראַבישע און יידישע פאָרשטייער זיך צו חתמענען אונטער אַ „שלום־אָפּמאַך", וואו ס'זאָל זיין בפירוש פעסטגעשטעלט, אַז די אַראַבער זענען מסכים צו אַ יידיש פּאָטערלאַנד אין א"י. כדי צו דערגרייכן אַ בפירושן פּאָליטישן הסכם מצד

די אַראַבער, איז נויטיק אַ אַנדער באַוואוסטזיין פון די מאַסן פון אַראַבישן פאָלק, איז נויטיק אַ אַנדער ממשותדיקער כח פון יידישן ישוב און ס׳איז אויך נויטיק אַ אַנדערע, מער ברייטערע פּאָליטישע ראַם — ווייל ס׳איז זיך שווער פאָרצושטעלן, אַז די א״ידיקע אַראַבער זאָלן אינגאַנצן מותר זיין אויף זייער „הערשאַפט״ אויף א״י, אָבער ס׳איז זיך אָבער כּלל נישט שווער פאָרצושטעלן, אַז דאָס גאַנצע אַראַבישע פאָלק, אין זיינע מיליאָנען, מיט זיינע לענדער, זאָל מסכּים זיין, אַז איין ווינקל פון די דאָזיקע גרויסע לענדערייען זאָל זיין יידיש.

אָבער אויב אַ קלאָרע, פּאָליטישע פאַרשטענדיקונג איז אַ ענין פאַר דער צוקונפט, איז אָבער די אויפגאַבע פון היינטיקן טאָג, פון דער היינטיקער שעה, אָפּצושאַפן דעם יידיש-אַראַבישן קאָנפליקט אין זיין אמתן קערן, אין זיין געפערלעכן תּוכן, און דאָס איז אין דער סאָציאַל-ווירטשאַפטלעכער סתירה צווישן דיביידע ישובים, וואָס וואוינען אין לאַנד. דאָס פאַרשיטן דעם דאָזיקן תּהום איז אַ פאָרבאַדינג פאַרן שלום. דער „קריג״ וועט דאַן פאַרלירן יעדן אינהאַלט און לעבנס-כח. דער אַראַבישער ישוב וועט אין זיין אַנטוויקלונג זיין פאַרבונדן מיטן יידישן ישוב, און דער דאָזיקער בונד צווישן גורל און אַנטוויקלונג פון אַראַבישן ישוב און דער גרויסער אָנשטרענגונג פון יידישן פאָלק, וועט זיין קלאָר און בולט פאַר אַלע. און אָט דאָס איז נויטיק פאַרן לאַנד און פאַר אונז.

19 דעצעמבער 1929

אונזער ווערק

מיר שטייען אויף אַ שווערן פראָנט. מיר קעמפן פאַר די פאָרבאַדינגונגען פון אונזער אַרבעט אין דער צוקונפט. מיר שטעלן זיך קעגן יעדער זאַך, וואָס קען אויפהאַלטן אונזער שאַפונגס־פראָצעס און קען אָוועקשטעלן אויף זיין וועג קינסטלעכע שטערונגען, וואָס האָבן נישט קיין אָנהאַלט אין די נאַטירלעכע באַדינגונגען פון לאַנד. אונזער אַרבעט איז דאָך אַזוי אויך גענוג שווער, אויך אָן די דאָזיקע שטערונגען.

די פאָלגן פון אָט דעם קאַמף זענען אונז נישט באַקאַנט. מיר האָבן נישט קיין שליטה אויף אַלע זיינע פאַקטאָרן. מיר גלויבן, אַז אויב מיר וועלן זיין פאַראייניקט, אויב מיר וועלן זיין שטאַרק אינערלעך, אין אונזער באַוואוסטזיין און מעשים, וועלן מיר זיגן. מיר האָבן דעם גלויבן, אַז די גאַנצע קעגנערשאַפט, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן קעגן אונז אין פיל לאַגערן, איז אַ רעזולטאַט פון בייזוויליקייט אָדער אומפאַרשטענדניש, און אויב מיר וועלן געפינען אין דער פאָליטישער וועלט — אין דער ענגלישער און אינטערנאַציאָנאַלער וועלט — אַ באַציִונג פון גערעכטיקייט צו אונזערע שטרעבונגען און וועגן, וועלן מיר אַרויסגיין פון דאָזיקן קאַמף געשטאַרקט אין כח און כבוד. אָבער די גורמים פון קאָנפליקט זענען אַזוי פיל, אַז קיינער קען נישט פאָרויסזען מיט דער גאַנצער זיכערקייט זיין לעזונג. וועלן מיר קענען אויפהיטן די אייניקייט פון ציוניסטישן לאַגער? וועלן מיר אָנטרעפן אין דער פאָליטישער וועלט אַ באַציִונג פון גערעכטיקייט צו אונזער זאַך, אָדער אַבסאָלוט אַנדערע חשבונות וועלן באַאיינפלוסן די שטימונג דאָרט? און עס טרעפט, אַז גאַנץ צופעליקע זאַכן, גאַנץ מינדערווערטיקע, וואָס אויסערלעך זעט מען זיי גאָרנישט אָן — מאָמענטאַנע עמפפינדלעכקייט פון עמיצן, אָדער טיפע אומפאַרשטענדניש — אַגטשיידן אין זער וויכטיקע פראַגן. מיר דאַרפן טוען אַלץ, וואָס ליגט אין אונזערע מעגלעכקייטן, אַז דער וועג פון אונזער אַרבעט זאָל זיין ברייט און פריי. ס׳קען אויך מעגלעך זיין, אַז טראָץ אונזערע אַלע באַמיִונגען וועט דער וועג זיין שמאָל. מיר דאַרפן זיך גרייטן צו אַ געוואונטשענע

לעזונג פון פּאָליטישן קאָנפליקט, אָבער אויך צו אַ נישט-גע־וואונטשענע לעזונג. און אין ביידע פאַלן איז אונזער גרייט-מאַכן-זיך: דאָס אויפבוי-ווערק.

לאָמיר אָננעמען, אַז מיר וועלן מצליח זיין אויפן פּאָליטישן פראָנט און מיר וועלן באַקומען פרייהייט פון טאַט. מיר זענען אָנגעלערנט מיט נסיונות. נישט איין מאָל האָבן מיר געוואונען מיט פּסק-דינס, דעקלאַראַציעס, רעגירונגס-דערקלערונגען. מיר ווייסן זייער גרויסע באַדייטונג אַלס באַזע פאַר אונזער ווערק. און מיר ווייסן זייער קליינע באַדייטונג אַלס אינהאַלט פאַר אונזער ווערק. יעדער מאַניפעסט און יעדע אָנערקענונג — דאַרפן מיר אויס־פילן מיט אַ לעבעדיקן אינהאַלט. אויב מאָרגן זאָלן פאַרשווינדן אַלע העצער, וועמען מיר באַשולדיקן אין אָרגאַניזירן קעגן אונז די קינסטלעכע קעגנערשאַפט, אויב מאָרגן זאָל די ענגלישע רעגירונג, זאָל דער פעלקער-בונד אָנערקענען אונזערע רעכט — וואָס וועלן מיר דערמיט האָבן גע־וואונען? די מ ע ג ל עכ ק יי ט פאַר אַ פּרוכטבאַרער טעטיקייט. און נישט מער. נישט אין פּאָליטישע דעראָבערונגען, נאָר אין קאָלאָניזאַטאָ־רישע דערגרייכונגען ליגט אונזער אויסלייזונג, ווייל אויך נאָך דער פּאָלי־טישער דערגרייכונג דאַרפן מיר אויסלייזן דעם באָדן און איבערפירן אויף אים די יידישע מאַסן. מיר דאַרפן בויען אונזער חיים אַזוי, אַז ס'זאָל זיין אין איר געגנוג ליכט און לופט פאַר אַלע איינוואוינער פונם לאַנד. אויף א ו נ ז ליגט דער חוב און נישט אויף אַנדערע.

און אויב מיר זאָלן חלילה פאַרשפּילן אויפן פּאָליטישן פראָנט, אויב געוואַלטטאַטן און פּאָליטישע חשבונות פון דער „גרויסער וועלט" זאָלן זיך אַרויסווייזן שטאַרקער פון דער גערעכטיקייט, וואָס איז אויף אונזער זייט, דאַן וועט עס נישט זיין דער ערשטער פאַל פון רעכט פאַרקריפּלונג אין דער פּאָליטישער וועלט, און אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק וועט צוקומען נאָך אַ אומגערעכטיקייט צו דער זער לאַנגער שורה פריער־דיקע עוולות. מיר וועלן מיט דעם מצב נישט שלום-מאַכן. מיר וועלן נישט אויפהערן פאָדערן די פרייהייט פון טעטיקייט, וואָס קומט אונז. אָבער מיט דעם וועלן מיר זיך נישט באַגנוגנען, נאָר מיר וועלן פאָרט־זעצן, אויף אַלע וועגן, אונזער קאָלאָניזאַטאָריש ווערק, ווייל מיר האָבן נישט קיין אַנדער מיטל צו פאַרשטאַרקן אונזער כח, ווי בלויז דעם יידישן ישוב אין לאַנד. די ערשטע פעלערן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס האָט אויסגעשטעלט דעם גאַנצן ציוניזם אויף דער דערוואַרטונג פון דער פּאָליטישער ישועה, אויף דעם קאַמף פאַרן „טשאַרטער" — וועלן מיר מערער נישט איבערחזרן. און אויך „אַ ניי לאַנד", אויפן אָרט פון דאָזיקן לאַנד, וועלן מיר נישט זוכן. ווייל עס געהערט אונז און מיר געהערן אים, און גאָרנישט קען עס פאַרבייטן. מיר וועלן אויסנוצן אַלע מעגלעכקייטן, וואָס וועלן זיין אין אונזערע הענט, אין זייער גאַנצער ברייט,

ביז דער מאַקסימאַל־מעגלעכסטער גרענעץ, און דורך דער דאָזיקער אויס־נוצונג וועלן מיר זיך באַמיען זיי אויסצוברייטערן.

וועלן מיר זיגן? אויב ס׳איז דאָ אַ ממשותקייט אין אונזער באַוועגונג, אויב איר האָט געבוירן דער לעבנס־מוז פון די יידישע מאַסן, אויב איבער איר פלאַטערן די פליגל פון פרייהייט פאַרן יידישן פאָלק — איז נישט פאַראַן דער כח, וואָס זאָל קענען פאַרצוימען אונזער וועג. שטערן אונז, פאַר־לאַנגזאַמערן דעם טעמפּאָ, פאַרגרעסערן די קרבנות — דאָס קענען באַ־וויין אונזערע קעגנער. אָבער אָפּמעקן אונזער ווערק — דאָס ליגט נישט אין גרענעץ פון זייער מעגלעכקייט. יעדע פרייהייטס־באַוועגונג באַגעגנט זיך שטענדיק מיט שטערונגען, ווייל גרויס זענען די כחות, וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין אונטערדריקונג. יעדע פרייהייט־באַוועגונג ווייסט פון טרוי־ער־טעג און יאָרן פון קלעם, ווען עס דאַכט זיך, ווי אַ „אייזערנע וואַנט" וואָלט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר איר און ס׳איז נישטאָ קיין אויסוועג. אָבער דער שאַפונגס־כח, וואָס איז באַהאַלטן אין דער פרייהייטס־באַוועגונג, וועט שטענדיק גובר זיין דעם אונטערדריקונגס־כח. דאָס איז אַ אומפאַרמיידלעך געזעץ. אַ ווערק, וואָס האָט אין זיך לעבן, און וואָס פליסט אַרויס פון לעבנס־באַדערפעניש, מוז זיגן, פריער — שפּעטער. מ׳קען נישט פאָרויסזען די וועגן פונם נצחון אין אַלע פרטים, אָבער אַ „קטנות אמונה" איז עס פאַר אַ אַלט פאָלק און פאַר אַ מעכטיקער באַוועגונג צו צווייפלען דערין, אַז מיר וועלן געפינען די דאָזיקע וועגן, נישט קוקנדיק אויף אַלע שטערונגען.

צי אונזער באַוועגונג האָט אַ ממש, צי אין איר זענען פאַרבאַהאַלטן שאַפונגס־כחות — אַזעלכע זאַכן קען מען נישט באַווייזן בלויז מיטן וועג פון לאָגיק אַליין. פאַר דער היסטאָריע איז נישט גענוגנד, אויב מען זאָגט איר: דאָס דאָזיקע פאָלק איז ראוי פאָרטצוזעצן זיין לעבן. די געשיכטע קען כוחות און זי קען נישט קיין מאָטיוון. אמתע כוחות, כוחות פון ווילן, פון טאַט, פון שאַפן, גייסטיקע, זעעלישע און מאַטעריעלע כוחות. די רעכט פון אַ פאָלק אויף זיין עקזיסטענץ דאַרף האָבן ממשותדיקע באַווייזן, אויב נישט — פאַרלירט זי איר ווערט. און זאָל דער סוף פון אונזער פּאָליטישן קאַמף, אין וועלכן מיר שטייען, זיין ווי ר׳זאָל נישט זיין — שטענדיק וועלן מיר דאַרפן צוקומען צום ד׳אָזיקן עדות. און דער נאָמען פון עדות איז דאָס א״ידיקע ווערק, די פאַרשטאַרקונג פון כוח פון יידישן ישוב אין א״י.

אויך דאָס האָבן מיר געלערנט אין דער געשיכטע פון אונזער באַ־וועגונג. אין אַ צייט פון נויט, ווען שטערונגען מערן זיך אויפן וועג, ווען עס זעט זיך נישט קיין „פּאָליטישע איינשפּריצונג" וואָס זאָלן אונז אויפ־מונטערן, ווען אונזער שטעלונג אין דער גרויסער וועלט זעט אויס צו זיין טרוי־עריק און פאַראומערט — דאַן הייבט זיך אָן אויך אינעווייניק אַ פרשה

פון אָפּהענדיקייט. און אָפּטמאַל הויבט אויך אָן יאוש אַריינדרינגען אין דער מחנה. דאַן שפּראָצן אַרויס אויפן באָדן פון שוואַכקייט לייכטע און באַקוועמע תּורות, וואָס ווילן באַרעכטיקן די שוואַכקייט און איינשלעפן דאָס געוויסן. דאַן קומט מען צו אונזערע יינגעלייט און זקנים און מען פליסטערט זיי אַריין אין די אויערן, מען הייבט אָן שטיל, און דאַן אַלץ העכער: איר זעט דאָך, ווי שווער ס׳איז דער וועג און ווי גרויס דער קרבן, וואָס ער פאָדערט פון אונז, איר וועט זיך דאָך איבערצייגן, אַז קרום און ענג זענען די געסלעך, וואָס פירן צו אונזער ציל, און אַ ברייטער, גלייכער וועג איז נישטאָ. איז דען כּדאַי די גאַנצע זאַך? מ׳האָט דאָך גלייכער געקענט אינוועסטירן אָט די גרויסע כּחות אין די גלות־לענדער און אפשר וואָלט דערפון אַרויסגעקומען אַ גרעסערן נוצן פאַרן יידישן פאָלק, מ׳קען דאָך זיין אַ געטרייער זון פון פאָלק און אויך אַ ציוניסט. נישט אוועקגעבנדיק דאָס לעבן דווקא פאַר ארץ־ישראל.

ד אָ ס איז די גרויסע סכּנה, די אמתע, ערנסטע, וואָס לויערט אויף אונז: אויב מיר וועלן ענטפערן אויפן נסיון נישט מיט דער פאַרשטאַרקונג פון דער אָנשטרענגונג, נישט מיט זוכן אַ וועג, אין אַלע מעגלעכע באַ־דינגונגען, נאָר מיט אַראָפּלאָזן די הענט און מיט באַקוועמע און לייכטע תּורות. ס׳איז נישטאָ קיין אמת אין די דאָזיקע תּורות. נישטאָ קיין וועג פאַרן יידישן פאָלק, אויסער זיין שאַפונג אין א״י, און ס׳איז נישטאָ קיין ציוניזם, אויסער יענעם, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ פעסטן באַנד מיט א״י, מיט אומצעררייסבאַרע פעדים, און נישטאָ קיין עקזיסטענץ־רעכט פאַר דער באַוועגונג, אויסער אין דער צוגרייטונג צו עליה און אין דער עליה, ביי אַלע באַדינגונגען און ביי דער ערשטער מעגלעכקייט.

און אויב דער שונא וועט אויף זיבן שלעסער די טויערן פאַרשפּאַרן — איז אויך נישטאָ קיין מורא. ווייל ס׳איז נישטאָ יענער שלאָס, וואָס זאָל זיך קענען האַלטן קעגן צענער טויזנטער הענט, וואָס שטורמען אויף אים. יעדער שלאָס מוז פאַלן און צעבראָכן ווערן. אָבער אַ אומגליק, וואָס האָט נישט קיין טרייסט איז דאַן ווען עס פעלן אויס הענט צו קלאַפּן אין טויער, שטענדיק, יעדע רגע און שעה, אָן אויפהער. ווייל דאַן וועלן אונז נישט העלפן קיין פּסק־דינים פון גערעכטיקייט, און קיין פאַלשער אורטייל וועט נישט פאַרגרעסערן די צרה, ווייל אויך אָן דעם איז די צרה גרויס.

די שטאַרקונג פון כּח פון יידישן ישוב אין לאַנד, מיט אַלע מיטלען, אויף אַלע וועגן, אין איר ליגט דער שליסל פאַר אַ אמתער, בכבודיקער לעזונג פון דער יידיש־אַראַבישער פראַגע. ווייל ווי לאַנג מיר זענען ווייניק און שוואַך, איז נישטאָ קיין אויסוועג, נישטאָ קיין לעזונג. נאָר אין דער פאַרשטאַרקונג פון כּוח פון יידישן ישוב — ליגט די לעזונג פון פּראָבלעם פון אונזערע באַציונגען מיט די פירער פון דער וועלט־פּאָליטיק. ווייל זייערע הענט האַלטן דינגע וואָגשאַלן און מיט גרויס זאָרגפעלטיקייט וועגן

זיי דעם הפסד און דעם ריוח, איינס קעגן צווייטן, און הפסד האָבן ווילן זיי נישט. און דערפאַר איז דער פאָרבאַדינג פאַר זייער פסק-דין, וואָס זאָל אויספאַלן צו אונזער גונסטן — אַז אונזער וואָג, געוואָרפן אויף די דינע וואָגשאָלן אין זייערע הענט, זאָל וועגן וואָס שווערער. נאָר אין דער פאַרשטאַרקונג פון כוח פון יידישן ישוב אין לאַנד — ליגט די לעזונג פון דער יידן-פראַגע.

18 דעצעמבער 1929

ספרית „יסודות", ורשה, אורלה 11/7

הופיעו כבר ונמצאים למכירה:

1. לבסוס הציונות חלק א' — א. לוינסון 95 פר.
2. תולדות תנועת העובדים היהודית, חלק א'—א. טרטקובר 95 „
3. פרקים לתולדות הרעיון הציוני, חלק א' — ה. כהן 95 „

4—5. אוכלוסינו בארץ — י. בן־צבי 1.25 זה'

6—7. קרקע והתישבות — א. גרנובסקי 2.50 „

8—9. תולדות תנועת העובדים היהודית — חלק ב' 1.25 „

10. פרקים לתולדות הרעיון הציוני — חלק ב' ה. כהן 1.25 „

בהזמנות לפנות:

„Heatid", Warszawa, Orla 11 m. 7.

למשלוח כספים: P. K. O. 9.971

על גבי ההמחאה יש לציין את תעודת הכסף.

„ספרית־החלוץ"

בהוצאת המרכז העולמי של „החלוץ"

הופיעו כבר:

1. שעורים ע"ד התנועה הציונית והתפתחותה-- י. גרינבוים 1.75 זה'
2. די יידישע אַרבעטער באַוועגונג אין א"יחלק א'— וולטר פרויס 1.50 „
3. די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג אין א"י
   חלק ב' — וולטר פרויס (אפס) —.2 „
4. זעלבסטפאַרווירקלעכונג (פּראָבלעמען פון חלוצישן ציוניזם) —
   נ. בנארי — 2 זה', פאַר החלוץ-אָרג. 1.75 „
5. תל־חי (צום 10-טן יאָר-טאָג פון טרומפּעלדאָר און זיינע חברים) 0.40 „

נמסר לדפוס ובקרוב יופיע מאסף לתנועת „החלוץ"

המען: „Heatid", Warszawa, Orla 11/7.

דמי-המשלוח על חשבון הקונה. כספים יש להעביר אך ורק לפי הקונטו מס' 9971 ולציין על גבי ההמחאה את תעודתם.

במנהלת „העתיד" יש להשיג קומפלטים של „העתיד" לשנת תרפ"ט עם גליון היובל — 13 זה'.

מתקבלת החתימה על

דו-שבועון **העתיד** דו-שבועון

עתונה המרכזי של הסתדרות „החלוץ" העולמית

מובא ב„העתיד":

השקפות מהנעשה בתנועת „החלוץ" והנוער העברי

מהמתהוה בארץ ישראל

סקירות על המתרחש בעולם הציוני ותנועת העבודה

מאמרים בשאלות החברה

מסות ספרותיות

דברי חברים וכו'.

כל חלוץ

חייב לקרוא את עתונו **„העתיד"!**

כל חבר בתנועת-נוער

צריך ללמוד את הנעשה בארץ המולדת ובתנועה

החלוצית מתוך העתון העברי החלוצי **„העתיד"!**

כל יהודי ציוני

חובתו להכיר את דרך העתיד של התנועה

הציונית מפי — **„העתיד"!**

תנאי החתימה:

בפולין: לחצי שנה — 4 זהובים, לרבע שנה — 2.25 זהובים, מחיר גליון בודד — 40 פרוטות. בארץ-ישראל ובחו"ל: לחצי שנה — 60 סנט אמר., לרבע שנה — 35 סנט, גליון בודד — 6 סנט אמר.

הכתבת:

„Heatid", Warszawa, Orla 11, m. 7

למשלוח כספים: „Heatid" P. K. O. 9971

על צד השני של ההמחאה יש לציין את תעודת הכסף („העתיד", „להבות", ספרית „יסודות").